STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08096

IN GERANGL FUN TSAYT

J. Kahan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב כהן

✶

אין גראַנגל פון צייט

יעקב כהן
בן אהרן

אין
געראַנגל
פון צייט

עסייען

פאַרלאַג „מאסף ישראל" תל־אביב
תש"ל — 1970

IN GERANGEL FUN ZEIT
IN STRUGGLE OF TIME

ESSAYS

by

JACOB KAHAN

©
Copyright by
J. Kahan
142-20 41st Ave,
Flushing, N. Y. 11355

Published by "Maasef Israel"
P. O. Box 824, Tel Aviv.

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א. טלפון 34294
Printed in Israel



יעקב כהן

אינהאַלט

זייט

ערשטער טייל

1. דאָגמע און לעבן 9
2. פרײַהייט און דעמאָקראַטיע 12
3. מאָראַל און געזעץ 16
4. דער גייעג אין די הימלען 20
5. דער מענטש ווי ער איז 25
6. יחיד און כלל 28
7. קאָנסעקווענץ אינעם מענטשלעכן לעבן 33
8. די מאַטעריאַליזאַציע פונעם לעבן 37
9. פאָפּולאַריטעט און גרויסקייט 40
10. איבערטיילן די ערד 43
11. מענטש און מאַשין 48

צווייטער טייל

12. ייִדישקייט און וועלטלעכקייט 55
13. „די הייליקע קונסט" 60
14. וואָס דאַרף זיין די היינטיקע ייִדישע ליטעראַטור ? . 66
15. אָפּטימיזם און פּעסימיזם 72
16. מאַרקסיזם, קאָמוניזם און די ייִדישע פראַגע . . . 77
17. באַמערקונגען צו ד"ר רפאל מאַהלערס אויסטייטש פון דער ייִדישער געשיכטע 83
18. גשן — מאי קא משמע לן ?... 89

אינהאַלט

זייט

דריטער טייל

19. באַפרײַונג און דערלייזונג 95
20. פֿאָלק און נאַציע 100
21. פרײַהייט פון יחיד און רבים 104
22. פיזישע און גייסטיקע זיכערקייט 108
23. פרײַהייט און לעבן 113
24. אונדזער אייגענער חשבון 117
25. פונעם אַלטן ביזן נייעם מצרים 122
26. מלכות ישראל אין דער ייִדישער געשיכטע 126
27. ייִדישקייט און ספר 130
28. קהלת 134
29. בעל מחדש און בעל מפרש 138
30. יצחק לייבוש פרץ, דער דיכטער־דענקער 141

ביבליאָגראַפיע

31. יעקב כהן־ביבליאָגראַפיע 147

דאָגמע און לעבן

דאָגמע, איז אַ געדאנק, אָדער אַ מיינונג, וואָס עסט זיך איין אינעם מענטשלעכן באַוווסטזיין און פון וועלכער ס'איז זיך, מיט דער צייט שווער צו שיידן.

בראשית איז אַלץ געווען דאָגמאַטיש. דער מענטש פון די פריִע צייטן, האָט אַלץ וואָס ער האָט געהערט און געזען, אין זיין אויסדאַכ־טעניש — אָנגענומען פאַרן ריינעם אמת. ער האָט זיך אויך אַזוי פונעם צווייטן אַלץ געלאָזט איינרעדן.

ווייל וואָס נאַיִווער, ווייניקער איבערקלערעריש ער, דער מענטש, איז געווען, אַלץ מער האָט זיך יעדע אומקריטישע מיינונג צו אים צו־געקלעפּט.

און האָט זי זיך צו אים צוגעקלעפּט, האָט ער שוין דעם אָדער יענעם געדאַנק אין זיך אַריינגענומען, איז ער שוין ביי אים געוואָרן איינגעגעסטיקט, ווי לעולם ועד.

דער מענטש איז אין זיין נאַטור — אין זיינע מחשבות און מעשים, בכלל דאָגמאַטיש. ווייל נישט נאָר פאַלט אים נישט איין צו ספקן אין דער ריכטיקייט פון זיינע ידיעות און געדאַנקען וועלכע ער האָט שוין איין מאָל דערוואָרבן, נאָר ער וואָלט זיי, על־פּי זיין פּסיכישער נאַטור גאָר־נישט וועלן ענדערן.

צוליב פיזישער, און ביים מענטש אויך גייסטיקער געוווינהייט, וואָס איז אַן אייגנשאַפט פון דער גאַנצער נאַטור, איז דער מענטש בכלל פויל עפּעס צו ענדערן. אויך נישט אויפן געביט פון מחשבה. דער לעבנס־באַשאַף — איז אין תוך קאָנסערוואַטיוו.

אין גערא̇נגל פון צייט

ס׳איז דעם בן־א̇דם גרינגער זיך צו הא̇לטן ביים א̇לטן, ווי א̇נהייבן אויף ס׳ניי און ווא̇רטן ביז דא̇ס נייע וועט זיך א̇זוי איינבירגערן ווי דא̇ס א̇לטע. ער הא̇ט אויף דעם אויך נישט קיין געדולד און צייט. און די צייט פון זיין לעבן איז פא̇ר דעם צו קורץ.

און ווער ווידער וועט אים גא̇רא̇נטירן, א̇ז אויך דא̇ס נייע זא̇ל מיט דער צייט נישט ווערן א̇פגעפרעגט? און א̇ז קיין גא̇רא̇נטיע איז נישטא̇, איז צו ווא̇ס די גא̇נצע טירחה? בלייבט ער דעריבער שוין בעסער ביים א̇לטן.

הא̇בן מענטשן גענוג געליטן פון זייערע אייגענע דא̇גמעס. און נא̇ך מער הא̇בן מיר ייִדן געליטן און ליידן נא̇ך היינט, פונעם פרווו א̇רויפצו־צווינגען אויף אונדז א̇ פרעמדן דא̇גמא̇טיזם, בפרט א̇ פרעמד־רעליגיעזן.

*

דעם דא̇גמא̇טיקער, ווי דעם מאמין בכלל איז גרינגער צו לעבן. זיין וועג איז א̇ גלא̇טער. ער ליידט נישט פון ווא̇קלענישן און א̇פנייגן און זיין וועג איז א̇ צוגעגרייטער.

און הא̇ט ער זיך שוין זיין דא̇גמע דערווא̇רבן, וויל ער איר הא̇בן איין מא̇ל און אויף אייביק. ווי א̇זוי און פון ווא̇נען זי הא̇ט זיך צו אים גענומען, אינטערעסירט אים נישט צו וויסן. און טא̇קע, צו ווא̇ס דא̇רף ער דא̇ס וויסן? ס׳איז גענוג, א̇ז ער הא̇ט איר, און שוין.

ס׳איז פא̇ר אים גענוג, א̇ז זי שטייט ערגעץ פא̇רשריבן „כתוב וחתום" און זי הא̇ט זיך איינגעבא̇קן אין זיין מוח און הא̇רץ, ווי א̇ טייל פון אים א̇ליין. איי, דא̇ס לעבן לייקנט דא̇ך עס א̇פּ? טא̇ זא̇ל דא̇ס לעבן פא̇ר דער דא̇גמע בטל ווערן, און נישט, חלילה, פא̇רקערט.

*

דא̇גמא̇טיקער זענען א̇בער, פא̇רא̇ן צוויי סא̇רטן. פא̇רא̇נען עכטע, א̇זעלכע ווא̇ס גלייבן טא̇קע באמונה שלימה אין זייערע איינשטעלונגען און זענען גרייט פא̇ר זיי צו גיין על קידוש א̇ דא̇גמע.

פא̇רא̇נען א̇בער אויך א̇זעלכע, ווא̇ס אין תוך גענומען גלייבן זיי שוין נישט אין זייערע פון פריִער איינגעשטעלטע מיינונגען, זיי ליגן א̇ט די טעא̇ריעס זייערע, ווי צעברא̇כענע שפּילצייג ביי די פיס.

זיי זענען גאָרנישט אַזוי בלינד און נאַריש, נישט צו זען וואָס דאָס לעבן האָט פון זיי געמאַכט. און זיי זענען דאָך עפּעס פּאָרגעשריטענע און ראַציאָנאַליסטן.

און דאָך ווילן זיי זיך מיט אָט־די אַלטע אָפּגעלעבטע דאָגמעס נישט שיידן, נישט נאָר צוליב געוווינהייט, נאָר דער עיקר, צוליב אינטערעסן.

אינטערעסן, נישט קיין כללדיקע. — און אין נאָמען פון אָט די אייגענע אינטערעסן, זענען זיי אויך גרייט צו גיין על קידוש אַ דאָגמע (אינטירעסן מיין איך), אַבי זייערע, פון לעבן אָפּגעפרעגטע שיטה צו דערהאַלטן און דורך דעם אויך זיך.

און דאַכט זיך, אַז בלויז דער לעצטער יידישער חורבן האָט אונדז געגעבן אַזוי פיל דערפאַרונג, וויפל גאַנצע יאָרהונדערטער יידישע געשיכטע האָבן אונדז ביז היינט נישט געגעבן.

און דאָס וואָלט אונדז געדאַרפט מחייב זיין צו רעווידירן, איבערצוקוקן אָט־די אַלע, ביז היינט אָפּגעפרעגטע אמתן און זיך קאָנצענטרירן אַרום אַזעלכע בלויז, וואָס זענען אין פולן הסכם צו די באַדערפענישן און נויטן פונעם היינטיקן יידישן לעבן.

צו אייניקן זיך כאָטש אויף אַ מינימום־פּראָגראַם וואָס זאָל זיין אין הסכם מיטן נאַציאָנאַלן קיום און המשך, און זיין בינדנדיק און פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע יידישע קרייזן.

פאַר אַלע יידן פונעם גוטן ווילן, וואָס שטייען אויפן באָדן פונעם היינט און מאָרגן פון יידישן פאָלק. פון דאָרט — און דאָ, פון אַלע דאָ'ען — ווי איין אַרומנעמענדיקער רינג און ווי איין נאַציאָנאַלער איינס.

פרייהייט און דעמאָקראַטיע

טעאָרעטיש, זענען פרײַהייט און דעמאָקראַטיע צוויי באַזונדערע באַגריפן. אין דער ווירקלעכקייט אָבער, אינעם אייגנטלעכן לעבנס־אַנוווענד — זענען זיי גאָר נאָענטע צווישן זיך און ווי איינס און דאָס זעלבע.

און דאַכט זיך, ווער ווייסט עס נישט וואָס אָט־די צוויי באַגריפן שטעלן מיט זיך פאָר? זענען פון דעסטוועגן נישט פאַראַן נאָך אַזעלכע לעבנס־דערשיינונגען, וואָס זאָלן אין דער פּראַקטיק אַזוי פאַרקריפּלט און מיספאַרשטאַנען ווערן.

אַ טייל טוען דאָס במזיד. זיי ווייסן גאַנץ גוט וואָס אָט די באַגריפן מיינען. און אויב טראָץ דעם אינטערפּרעטירן זיי און האַנדלען להיפך צו זייער אמתן זין און באַטייט, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל עס לוינט זיך זיי אַזוי.

ס׳לוינט זיך זיי פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן אַזוי צו האַנדלען. און זיי זענען צוליב די דאָזיקע אינטערעסן און צוליב זייער דראַנג נאָך מאַכט, גרייט צו צעטרעטן אַלץ אויף זייער וועג. אויך די איידלסטע מענטשלעכע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען.

אַז אָט דער, נאָך מאַכט גיריקן טייל — גלוסטונג צו וועלט־באַהערשונג ווערט באַגלייט מיט די היפּאָקריטישסטע רייד פון פרײַהייט און גלייכהייט, איז איבעריק צו רעדן.

פאַראַן אָבער אַ צווייטער טייל, וואָס הגם ער איז אינעם פולן זין פאַר פרײַהייט און דעמאָקראַטיע, טוט ער אָבער מיט זיין באַזיוון און שלעכט־פאַרשטאַנענעם מיין פון די באַגריפן, זיי אַ קנאַפּע טובה, און איז דורך דעם נאָך עלול זיי איבערצוגעבן צו זייערע ערגסטע שונאים.

און ווי יענע וואָס צעטרעטן די פרײַהייט צוליב זייער געיעג נאָך מאַכט, אַזוי צעטרעט ער זי אויך, הגם שלא בכוונה — צוליב עפּעס אַ געיעג נאָך אַ שאָטן פון פרײַהייט, נאָך אַ פּוסטן פאָרמאַליזם פון פרײַהייט, וואָס איז להלכה און למעשה (טעאָרעטיש און פּראַקטיש) נישט ריכטיק, ווייל ס'איז דאָס פאַרקערטע וואָס פרײַהייט און דעמאָקראַטיע מיינט פאַרן אויפ־האַלטן און באַוואָרטיקן דאָס לעבן, פאַרן דערהייבן און באַוואָרטיקן דעם יחיד און רבים.

✶

ס'איז דערפאַר, ווייל נישט די באַגריפן ווערן צוגעפּאַסט צום לעבן, כדי אים דעם מענטש צו דינען, נאָר מען וויל גאָר דאָס לעבן צופּאַסן צו די באַגריפן, אַפילו ווען דאָס לעבן אַליין זאָל דערפון ליידן.

דער טעות איז אַ צווייפאַכיקער. און ער איז אויך חל אויף אַנדערע באַגריפן און ווערטן פונעם מענטשלעכן לעבן, אויף אַלע מענטשלעכע ווערטן און באַגריפן.

ס'איז קודם דער טעות פון אָננעמען געזעלשאַפטלעכע ווערטן און דערשיינונגען און זייער נישט־ריכטיקן, אַבסאָלוטן זין.

און ס'איז דער טעות פון יאָגן זיך נישט נאָכן קערן פון די ווערטן, נאָר נאָך זייער ליידיקער שאָל — נאָכן בלויזן פאָרמאַליזם, און נישט נאָכן אמתן זין און באַטייט פונעם ווערט.

ווען מען באַגרייפט, אַז קיין זאַך אין דער נאַטור (אויסער דאָס איינציק אַבסאָלוטע), בפרט אינעם מענטשלעכן לעבן, איז נישט איינ־זייטיק און אַבסאָלוט, אַז אַלץ איז קעגנזייטיק און שייכותדיק — דאַן פאַר־שטייט מען, אַז ס'קען אויך נישט זיין און ס'איז נישט בנימצא אַבסאָלוטע פרײַהייט און קיין אַבסאָלוטע דעמאָקראַטיע.

ווייל דער מענטש איז נאָר רעלאַטיוו, ביז אַ געוויסער מאָס פרײַ. און אַלס אַזעלכער קאָן ער פאַר זיך נישט פאַרנעמען די גאַנצע פרײַהייט ווי זיינס אַן אַבסאָלוט אייגנטום, נאָר מוז זיך מיט איר אויך טיילן מיטן צווייטן.

אַזוי אויך קאָן נישט קיין יחיד און רבים זיך נעמען די אַבסאָלוטע פרײַהייט פון האַנדלונג, אויך נישט אין וואָרט און אין שריפט, אויף

אַנצוגרייפן די פּריַיהייט אָדער ווירדע פון אַ צווייטער גרופּע אָדער רבים.

ווייל די זעלבע רעכט וואָס איינער האָט אויף זיין פריַיהייט, האָט אויך דער צווייטער אויף זיין פריַיהייט. און נישט נאָר דאַרפן אַלע האָבן די זעלבע מאָס פריַיהייט, נאָר קיינער טאָר אויך נישט איבערטרעטן די גרענעץ פון זיין פריַיהייט, כדי מיטן מינדסטן צו שטערן יענעמס גייסטיקע רו און געמיט.

מחמת פריַיהייט איז אַ מענטשלעכער ווערט. און ווי אַ מענטשלעכער ווערט איז זי נישט נאָר אַ פיזיש־גייסטיקער באַגריף, נאָר אַן אַלץ אַרומ־נעמענדיקער מאָראַליש־מענטשלעכער.

און דאָס באַנוצן זיך מיטן וואָרט אָדער שריפט אויף צו פאַרשפּרייטן שנאה און האָס קעגן אַ יחיד אָדער רבים איז נישט נאָר אַ פאַרלעצונג פונעם צווייטנס פריַיהייט, ווייל עס רויבט ביי אים צו די פריַיהייט פון זיין רו און ווירדע, נאָר ס'איז אַ בפירושער קרימינעלער אַקט, וואָס האָט מיט אמתער פריַיהייט פונעם וואָרט און שריפט גאָרנישט צו טאָן, ווער רעדט שוין גאָר צו העצן צו מאָרד.

און נישט נאָר איז אַזאַ פריַיהייט צו האָסן, קיין פריַיהייט נישט, נאָר אויך אַ דעמאָקראַטיע וואָס דערלאָזט צו אַזאַ פריַיהייט, איז קיין עכטע דעמאָקראַטיע נישט.

ווי ס'איז נישט קיין עכטע דעמאָקראַטיע, אַ פאָלקס־הערשאַפט וואָס לעגאַליזירט אַ מענטשן־האָס־פאַרטיי, אָדער נעמט אונטער איר שוץ מענ־טשן־מערדער און ראַטיפיצירט נישט קיין „גענאָסיד"־אָפּמאַך.

און פונקט ווי ס'איז נישט בנימצא קיין איינזייטיקע, צעהפקרטע פריַי־הייט, אַזוי איז אויך נישט בנימצא קיין איינזייטיקע, בלויז פאַר אַ טייל, דעמאָקראַטיע.

ווייל די גרונט־עובדה פון אַ דעמאָקראַטיע איז צו שיצן די רעכט און דעם כבוד פון אַלע יחידים און גרופּן, אַנדערש, האָבן אירע באַשלוסן, טראָץ דער גאַנצער פאָרמעלער רעכט פון איר מערהייט־סטאַטוס — קיין ווערט נישט.

מחמת אויך די באַשלוסן פון אַ מערהייט, מוזן אַרויספליסן פון די נויטן און באַדערפענישן פונעם פאָלק, פון אַלע זיינע טיילן, און זיין

אין הסכם מיט דער טובה פונעם מענטש, פון יעדן מענטש, און נאָר אַזאַ באַשלוס האָט די מאָראַלישע קראַפט פון אַ געזעץ.

און יעדער באַשלוס, ווען אַפילו פון דער מערהייט, וואָס רירט אויף אַ וואָסער ס׳איז אופן אָן דאָס לעבן, אָדער אַפילו בלויז די רו און ווירדע פון אַ צווייטן פונעם פאָלק, איז גלייך קיין באַשלוס נישט.

שוין די אַלטע גריכן האָבן זיך געמוזט באַוואָרענען קעגן מיסברויכן מיט דער פרײַהייט און דעמאָקראַטיע, און זיי האָבן צו דעם צוועק געשאַפן דאָס געזעץ פון „אָסטראַקיזם״, כדי צו פאַרטרייבן פונעם לאַנד יעדן איינעם וואָס מיסברויכט מיט זיין רעכט אינעם נאָמען פון דעמאָקראַטיע.

און צו דעם חומשדיקן געבאָט פון „אחרי רבים להטות״ (גיין מיט דער מערהייט), גיט צו דעם צו רש״י איין וואָרט, בלויז איין וואָרט: „לטובה״ (צום גוטן).

גיין זאָלסטו טאַקע מיט דער מערהייט, אָבער נאָר דאַן, ווען אירע באַשלוסן זענען צום גוטן. צום גוטן פאַרן מענטש, פאַר יעדן מענטש. און נאָר דאָס איז דער סימן מובהק פון אמתער פרײַהייט און דעמאָקראַטיע.

מאָראַל און געזעץ

דאָס פּראָבלעם פון דער עטיק — צי מאָראַל־פילאָזאָפיע, איז איינס פון די וויכטיקסטע מענטשלעכע פּראָבלעמען. עס איז פון איר אָפּהענגיק די מענטשלעכע אויפפירונג און דאָס גאַנצע מענטשלעכע צוזאַמענלעבן.

ביי סאָקראַטעס מיינט דעריבער מאָראַל, די אידעע פון גוטסקייט, פּלאַטאָן אידענטיפיצירט די אידעע פון גוטס מיט דער גאָטהייט, וואָס איז דער ציל פון יעדער עקסיסטענץ.

קאַנט זעט אין דער מאָראַל אַן איינגעבוירענעם פּרינציפּ פון דער נשמה (דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו). די ענגלישע דענקער אונטערשטרייכן דעם שייכות פון מאָראַל צום אַלגעמיינעם וווילזיין.

און ביי אונדז, דעם פאָלק פון מאָראַל, איז די עטיק, די מאָראַל, דער „אלעף" און דער „תאָוו" פונעם מענטשלעכן לעבן. און קורץ פאָרמולירט, דריקט זיך אויס די יידישע רעליגיעזע עטיק אין צוויי גרונט־אהבת: אין אהבת ה׳ און הבריות (ליבע צו גאָט און מענטשן).

צו די דאָזיקע צוויי אהבת מוזן ווערן צוגעפּאַסט גאָר די יידישע מעשים. די מעשים טובים. גוטס טאָן דעם יחיד און רבים, איז דער יסוד פונעם חומשדיקן „ואהבת לרעך כמוך".

און דער דאָזיקער פּאָזיטיווער געבאָט פון ואהבת! וואָס ווערט נאָך באַוואָרנט מיטן נעגאַטיוון (לא תעשה): „מה ששנאו עליך אל תעשה לחברך [1] (וואָס דיר איז נישט ליב, טו נישט דעם צווייטן), מאַכט נאָך די זאַך קלאָרער און שטאַרקער.

בכן מיינט די מאָראַל ביי יידן, בפרט די, פון „בין אָדם לחברו"

---

1. „דַעֲלָךְ סַנִי לְחַבְרָךְ לָא תַעֲבֵיד" שבת לא, א.

די פליכט פון גוטס טאָן, פון גרינגער און דערהויבענער מאַכן דעם מענטש.

די דאָזיקע מאָראַל איז אין זיך כולל די באַגריפן פון שיינקייט (אינערלעכע) און אמת, פון רחמנות און גערעכטיקייט. און אויף דעם זענען געבויט גאָר די מצוות פון „בין אָדם לחברו״ (פון מענטש צו מענטש) און כלל. און אויף אָט דעם געביט, האָט די ייִדישקייט (דורכן תלמוד און מפרשים), דעם באָדן גענוג פאַראַקערט. די הלכות פון עטיק זענען מיט דער צייט געוואָרן פאַרברייטערט און פאַרטיפט. פאַרברייטערט און פאַרטיפט, לטובת דעם מענטש.

און נאָר צוליב אים, דער מענטש, צוליבן מאָראַלישן וואָס אין אים, האָט מען זיך פון געוויסע ברוטאַלע שפּילן און צעלאָזענע קונסטן — געמוזט אָפּזאָגן.

ווייל דער מענטש, דער יחיד, איז טראָגער די ווידעראָנאַנדן וואָס אין אים — אַ וועלט פאַר זיך, און איז איין ביאָלאָגישע און מאָראַלישע גאַנצקייט. און עס טאָר דעריבער די מאָראַל אין אים נישט ווערן אַנגערירט און גאָרנישט פון אים ווערן אָוועקגערויבט. אויך נישט זיין פּריוואַטקייט און מענטשן־ווירדע.

אַזוי אַרום האָט ביי אונדז די מאָראַל אין זינען דעם מענטש, דעם גאַנצן מענטש, און נאָר „בשבילו נברא״. פאַר אים, דעם מענטש, איז זי די מאָראַל באַשאַפן געוואָרן.

✶

און וואָס וויל דאָס געזעץ? נישט דאָס געזעץ סתם, ווייל סתם געזעץ, קען אויך זיין בלויז אַ מעכאַנישע רעגולע. אַ רעגולירנדיקע באַשטימונג פון עפּעס, וואָס האָט מיט מענטשלעכקייט און במילא מיט מאָראַל גאָרנישט צו טאָן.

און עס קענען אויך זיין דורך מענטשן געשאַפענע געזעצן (אויף וויפל בלויז זיי זענען מענטשן) — וואָס זאָלן אויך קיין געזעצן נישט זיין, צוליבן מאַנגל פונעם מאָראַליש־מענטשלעכן וואָס אין זיי און דאָס מענטש־באַוואָרנדיקע.

אַזוי קענען זיך למשל אַ כאָפּטע געדונגענע מערדער באַשטימען געזעצן, וועלכע זאָלן זיין גאָר אין היפּך צו אַלדאָס־מענטשלעכע, ווי

די דייטשע קאַניבאַלן האָבן זיך באַשטימט זייערע, מיט וועמענס הילף זיי האָבן געוואָרפן קינדער אין די גאַז־קאַמערן.

נאָר אַז מיר שטעלן דעם באַגריף געזעץ לעבן מאָראַל, מיינען מיר דאָס געזעץ וואָס קומט לכל הפחות פאַרפיקסירן מענטשלעך־אַנגענומענע פרינציפּן און ווערטן. פרינציפּן, וואָס קומען באַוואָרענען דעם יחיד און רבים. וואָס נעמט אָן און אָנערקענט דאָס מענטשלעכע לעבן. ס׳פיזישע און גייסטיקע: יעדעס מענטשלעך לעבן, ווי אַ הייליקייט. און נאָר אַזאַ באַשטימונג האָט די רעכט און די חשיבות פון אַ געזעץ און איז אַ טייל פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

און אַזאַ געזעץ דאַרף קומען מיט קלאָרע פאָרמולירונגען און אָנ־ווייזונגען. קומען צו הילף דער מאָראַל, צו הילף דעם מענטש צו דערפילן גערעכטיקייט און אויף ווייטער צו פאַרמיידן דאָס שלעכטס.

און דאָרט ווו דאָס געזעץ איז נישט קלאָר, איז שוואַך, אָדער פאַרעלטערט, — דאַרף מען נעמען אין אַכט נישט דאָס טויטע אות פונעם געזעץ, נאָר זיין לעבעדיקן גייסט. די עטישע כוונה פונעם געזעץ איז דער עיקר.

און ווי זעען אויס די געזעצן בימינו?

ווערן טאַקע די געזעצן דערפירט צו בלויזע לעגאַליסטישע דריידלעך צו מעכאַנישע פאָרמולעס, פון וועלכע מערדער, אָדער געלט־גייציקע אַד־וואָקאַטן קענען דערפון ציִען וואָס מער נוצן.

נישט דאָס מענטשלעכע ווערט אינעם געזעץ געזוכט, אויך נישט דאָס באַוואָרנדיקע אויף להבא, בפרט דאָרט ווו עס האַנדלט זיך וועגן מאַסן־מאָרדן, נאָר דאָס געזעץ ווערט גאָר אויסגענוצט אויף צו באַפרײַען זיך פון יעדער מאָראַלישער און לעגאַלער אחריות.

און דאָס פיינלעכע אין דעם איז, וואָס זיי זענען נישט אַליין אַט די פאַרברעכער־מאָנסטער, עס קומען זיי אויך אויף אַ געוויסן אופן צו הילף דירעקט, צי אומדירעקט: קלאָר אויסגעשפּראָכן, אָדער שטאַמלענדיק — אַלערליי „ליבעראַלן״, אינטעלעקטואַלן און אַזוי פוכקע לבבות.

אָבער אַזעלכע „ליבעראַלן״ און ווייכע הערצער, וועלכע האָבן דאָן, בעת די חיה האָט געריסן שטיקער פונעם לעבעדיקן ייִדישן גוף, גאָר

אין גאַנצן געווען טויב צו דעם יאָמערלעכן געשריי פון די פּאַרצוקטע.

דאָ, זענען זייערע פּוכקע לבבות געווען פאַרמאַכט און פאַרשטאָפּט, נאָר אַצינד, ווען בלויז איין בעסטיע איז אַרייַנגעפאַלן אין ייִדישע הענט, האָט זיך זייער קריסטלעך געוויסן אין זיי דערוועקט און זיך רחמנותדיק צעוואָרעמט.

דאָס זעלבע געוויסן וואָס שיקט אונדז נאָך הייַנט מיסיאָנערן אינעם אייגענעם לאַנד, אַבי אונדז אויפצולייזן און אויסלייזן אונדזערע נשמות פון פּיין.

אינעם ביבלישן צייט־אַלטער, זענען געווען פאַרשידענע „טאַבוס״ (אומבאַרירלעכקייטן). און האָט ווער זיך געשיצט ביי אַזאַ „טאַבו״: האָט מען אים שוין נישט געטאָרט רירן פונעם אָרט.

האָבן מיר טאַקע פאַר אומשולדיקע בלוט־פאַרגיסער אייַנגעאָרדנט אַזעלכע „ערי מקלט״ ווו דער געשטרויכלטער זאָל זיך קענען שיצן.

אָבער נאָר פאַר אומשולדיק געשטרויכלטע, ווייל פאַר אַן אמתן מערדער, בלויז פאַר איין מאָרד ווען מיט פּרעמידיטאַציע (כוונה), האָבן מיר שוין געזאָגט: „מעם מזבחי תקח למות״.

אַפילו ווען דער מערדער איז אַ כהן, אַ מזבח־באַדינער: אויב נאָר ער איז באַגאַנגען אַ מאָרד, נעמט אים צו טויטן. קיין שום פּריווילעגיע איז פאַר אַ מערדער נישט פאַראַן. אַ מענטשלעך לעבן איז פאַר אַלע גלייך הייליק.

✶

איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס עס עקסיסטירט נאָך אַ נאַצי־פּאַרטיי. האָבן דעריבער אַזעלכע דעמאָקראַטישע מדינות ווי אַמעריקע און ענגלאַנד, נאָך ביז הייַנט נישט אונטערגעשריבן דעם גענאָסיד־אָפּמאַך.

און דאָס ערגסטע, שוידערלעכסטע: ווען ס׳איז זיך אַזוי געשטאַנען אין ירושלימער געריכט אַ דייטשער מנוול, אַ פחדן שבפחדנים, און האָט זיך אַרויפגעצווינגען מודה צו זיין, אַז מאָראַליש איז ער פאַר זיינע פאַרברעכנס געווען פאַראַנטוואָרטלעך, נאָר לעגאַל — נישט.

און דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל דאָס געזעץ, וועמענס אויפגאַבע דאַרף זיין צו שיצן דעם מענטש, האָט זיך אַליין פון דער מאָראַל דערווייטערט.

דער גײַעג אין די הימלען

מיר מוזן זיך מודה זײַן, אַז אין דער דיסקוסיע צווישן מאַטעריע און גײַסט, וועגן דעם, צי איז דער טרײַבנדיקער כּוח פון וועלט און לעבן אַ גײַסטיקער דינאַמיזם אין וועמענס נאַטור עס ליגט דאָס ווערן און זײַן — דער אויפקום און פאַרגײן. אָדער איז גאָר דער דאָזיקער כּוח בלויז מאַטעריע פון וועמען אויך דאָס גײַסטיקע איז אַנטשטאַנען, אַנטשטײט און אַנטוויקלט זיך? געווינט וואָס אַ מאָל מער די מאַטעריע.

די מאַטעריע, וואָס דאַרף לויטן גריכישן מעטאַפיזיקער פּלאַטינוס זײַן נישט מער ווי אַן אָפּבילד, אַ שוואַכער אָפּשײַן פון דער אַנסופיקער גײַסטיקײט — אָט דאָס דאָזיקע מלופּים־קינד ווײַזט גאָר אַרויס וואָס אַ מאָל מער איר באַהערשנדיקע קראַפט, אַרויסרוקנדיק זיך אויפן ערשטן אָרט אין אוניווערס.

און אויב מיר קענען זיך נישט, אָדער ווילן זיך נישט (מער ווילן מיר זיך נישט) אין גאַנצן אָפּזאָגן פונעם גײַסט, פונעם גײַסט ווי אַן אָנפירנדיקער און קאָנטראָלירנדיקער אָרגאַן פון מענטש, מוזן מיר זיך אָבער פון אים אָפּזאָגן ווי דער איין־און־אײנציקער כּוח פון מענטש און וועלט.

מיר מוזן אים ווי דעם מענטש דעם „כּתר הי:צירה״ (דעם קרוין פון באַשאַף) אַ ביסעלע אַנטקרוינען און בלויז אָנערקענען זײַן מאַכט ווי אַ מיטשאַפנדיקער כּוח אין דער מאַטעריע.

מיר מוזן קומען צו דער איבערצײַגונג, אַז דאָס גײַסטיקע, וואָס איז בײַ בערגסאָנען[1] אין גאַנצן אָפּגעטײלט פון דער מאַטעריע, איז

1. אנדי בערגסאָן — „מאַטעריע און זכרון״, 1896.

גאָר איינס מיט איר. אַז מאַטעריע און גייסט איז איינס, איין זאַך; ווי ליכט מיט שיין און ביי אַ געוויסן אופן פון איר אַנטוויקלונג, ווי ביים מענטש, גיט די מאַטעריע פון זיך אַרויס גייסט.

אַז דער גייסט אין דער מאַטעריע איז די ענערגיע וואָס ליגט אין איר ווי אַ פּאָטענץ (מעגלעכקייט) צו ווירקן. צו ווערן אויף אַ געוויסן אופן באַלעבט. און אַז אַלץ אין דער נאַטור, ווי דער גאַנצער זיין — איז אַ מאַטעריע און גייסט צוזאַמען.

מחמת יעדע מאַטעריע, אויך די נידעריקסטע, נישט לעבעדיקע טראָגט אין זיך אויף אַ געוויסן אופן איר גייסט, איר פּאָטענציעלן כוח צו ווירקן, ווי יעדע בריאה, אויך די נידעריקסטע, טראָגט אין זיך איר לעבנס־אינטעליגענץ.

און קיין מאַטעריע אָן איר סאָרט גייסט איז נישט בנימצא. מחמת יעדעס פּיצל מאַטעריע אין דער נאַטור, האָט איר מאַסע, איר ענערגיע; וועלכע קען פון איר רו־צושטאַנד איבערגיין אין אַ צושטאַנד פון באַוועגונג און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַנצאָליקע פאָרמען.

און ס׳קען גאָר זיין, אַז גערעכט איז דער גריכישער פילאָזאָף הערַאקליט [1], וועלכער האָט דער ערשטער באַטראַכט די באַוועגונג (מאַטעריע) פאַרן פּרינציפּ פון דער וועלט, ווי עס איז גערעכט דער שפּעטערדיקער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליסט דעמאָקריט, וועלכער האָט שוין מיט אַן ערך פון צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק אָנגעוויזן אויף דער באַוועגונג פון די מאַטעריעלע אַטאָמען, הגם ער האָט נישט פאַרגעזען זייער טיילבאַרקייט, דאָס שפּאַלטן פון אַטאָם.

אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס אַזאַ גייסט־אָנהענגער ווי דער רמב״ם [2] האָט געהאַלטן, אַז די נשמה, דער סאַמע גייסט אינעם מענטש, איז מער נישט ווי אַ זיך אַליין אַנטוויקלנדיקער עצם, וואָס קומט אויף ווי אַ בלויזע מעגלעכקייט (פּאָטענץ), וועלכע ווערט ערשט אַרויסגערופן אין דער ווירקלעכקייט דורכן מענטשנס טעטיקייט.

1. הערַאקליט — 6טן י״ה, פ. קר.
2. רמב״ם — 1135—1204.

אין גערא̇נגל פון צייט

און דער רלב״ג [1] איז נא̇ך געגא̇נגען ווייטער, דערקלערנדיק, א̇ז די נשמה וואָס ווערט געבוירן מיטן מענטש, איז נישט מער ווי א̇ פעיִקייט, א̇דער אייגנשא̇פט פונעם מענטשלעכן קערפּער (פון זיין מא̇טעריע) [2].

און מיר א̇ליין, אונדזער אייגענער דור; איז דא̇ך דער בעסטער עדות פון דער צעוואָקסענער חשיבות און מאָכט פון דער מא̇טעריע. מיר שטייען דא̇ך ממש פאַרכליניעט און פאַרגאַפט קעגן די ווונדער און גבורות וואָס די היינטיקע א̇סטרא̇־פיזיק און מיט איר די טעכנא̇־לא̇גיע און מעכא̇נישע וויסנשאַפט ווייזט א̇רויס.

די א̇לערליי ספּוטניקס און מעכא̇ניזמען וואָס רייסן זיך צו די הימלען כדי צו דערגרייכן די לבנה און די שטערנס, די א̇לערליי רעכן־מא̇שינען און קא̇מפּיוטא̇רס וואָס דאַרפן פאַרטרעטן דעם מענטשנס גייסט, ווי אויך די א̇לערליי קערפּערלעך־מעדיצינישע אויסגעפינסן, בא̇זונדער דאָס איבער־פלא̇נצן פון די וויכטיקסטע מענטשלעכע אברים, פאַרבליפן און דער־שטוינען אונדז.

און א̇ז דאָס א̇לץ איז נישט פא̇לקא̇ם, אויב אונדזער וויסן וועגן דער מא̇טעריע איז נא̇ך וויניק און בא̇גרענעצט, איז עס דא̇ך נא̇ר א̇ן א̇נהייב, און עס איז „עוד ידה מגעת״ (איר האַנט איז נא̇ך אויסגעשטרעקט) ס׳איז נא̇ך דא̇ א̇זוי פיל צו פא̇רשן, א̇נטדעקן און א̇נטפּלעקן! נו, ווייזט דאָס נישט אויפן קא̇לא̇סא̇לן כוח פון דער מא̇טעריע, אויפן מא̇טעריעלן פּרינ־ציפּ, וואָס איז להוט א̇לץ צו בא̇הערשן?

און דא̇ך פרייט אונדז דאָס א̇לץ נישט. מיר זענען נישט בא̇גייסטערט פונעם זיג פון דער מא̇טעריע, ווי מיר זענען נישט א̇נטציקט פונעם שטייגנדיקן אימפּעט פון דער טעכנא̇לא̇גיע און מעכא̇ניק, ווי בכלל פונעם מענטשנס רייסן זיך אין די הימלען.

דער מענטש איז א̇ קא̇מפּליצירטע בריאה. צו זיין נייגער און אומ־געזעטיקייט — איז נישטא̇ קיין גרענעץ. ס׳איז דער דרא̇נג אין אים זיך נישט צו בא̇פרידיקן מיטן דערגרייכטן, מיטן מעגלעכן פא̇ר זיינע

---

1. רלב״ג — ר׳ לוי בן גרשון — 1135—1204
2. זע יעקב כהן „זיין און צוזא̇מענזיין״, 1968, „מא̇טעריע און גייסט״, ז׳ 29—49.

כוחות, נאָר איבערצויאָגן איבער יעדער מאָס און נאָך מער, אַפילו איבערן אייגענעם כוח.

ער איז אָבער פּונקט אַזוי אויך אַ מאַכטגיריקע און הערשנדיקע באַשעפעניש. רק ער וואָלט וועלן הערשן און באַהערשן. און יעדן נייעם אויפטו, יעדן נייעם אויסגעפין, וואָלט ער וועלן אויסנוצן פאַרן דאַזיקן צוועק.

מיר וועלן אפשר אויף אַ מאָמענט שטילן אונדזער נייגיר מיט אַט די נייע דערגרייכונגען, ווי מיר וועלן גלייך ווערן אויף ס'ניי געשפּאַנט פאַר נייע זוכונגען און אויסגעפינסן. און ווער פון אונדז, וועט אויך, אויף אַ מאָמענט באַפרידיקן זיין אַמביציע דורך זיין אייגענער באַטיי־ליקונג — נאָר צו קיין גליק, צו קיין מנוחת הנפש (גייסטיקע רו) פאַרן יחיד, ווי מנוחה ושלוה פאַרן כלל וועט עס נישט ברענגען.

נייע אֵימת און שרעק פאַרן מענטש וועלן אויפקומען. אֵימת און שרעק פון די נייע דערגרייכונגען. ס'וועט אים שרעקן דער געיעג מיט דער צייט, ווי עס וועט אים שרעקן דער נייער טעראָר, וואָס וועט קומען פון די הימלען.

און שוין צוליבן בלויזן געיעג אין די מרחקים, וועט נישט נאָר אונדזער ערד ווערן ווי פאַרקלענערט, איינגעשרומפּן; נאָר שטעלנדיק זיך מיטן פּנים צום אוניווערס, אַפילו בלויז צו אונדזער נאָענטסטן לבנה־סאַטעליט, וואָס איז נישט מער ווי אַן אומגעזען פּינטל אין דעם אומ־געהויערן, אומענדלעכן קאָסמאָס מיט זיינע מילי־מיליאָסן און טריליאָנען גאַלאַקסן און נעבולאָס, וועלן מיר, דאָס נאָך מער אומגעזעענע בריאהלע־פּינטל, ווערן אין גאַנצן פּסיכיש צעדריקט און פאַרלירן אונדזער רעשט ביסל „חשיבות היש" (זעלבסט־רעספּעקט).

צו קורץ איז דאָס מענטשלעכע לעבן, ווי צו ווייניק צייט איז אין זיין רשות, אַז מיר זאָלן פאַרנאַכלעסיקן די ערד און אַרויס אין אַ וואַנזיניקן פאַרמעסט קעגן אַנסופיקן קאָסמאָס, וועלכן מיר וועלן סיי ווי קיין מאָל נישט דעראָבערן, ווי דערפינדעריש דער מענטש זאָל נישט זיין.

און ווי עס זאָל דעם בן־אָדם נישט געלונגען צו פאַרגרעסערן די

טרייבקראַפט פון זיין מאַשין און דורך דעם צו פאַרגיכערן די צייט, וועט עס נאָך אַלץ נישט קענען דערגרייכן אַפילו דעם שטערן פון זיין נאָענטסטן גאַלאַקס. ווער רעדט שוין וועגן די נייע געפאַרן און סכנות, וואָס ער וועט דורך דעם ברענגען אויפן מענטש.

און די סכנה איז נישט נאָר אַ פיזישע, דראָענדיק דורך די נייע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען אַפילו אומצוברענגען דעם מענטש (ביי אַ מיליטערישן אויסנוץ), נאָר ווען אַפילו נישט קיין פיזישע, איז עס אַ גייסטיק־מאָראַלישע.

די צו גיכע אַנטוויקלונג פון דער טעכנאָלאָגיע, דער אימפעטיקער מאַרש פון דער מעכאַניזאַציע, ווי דאָס איינזייטיקע שטייגן פון איר וויסן איבערן גייסטיק־מאָראַלישן, איז דעם מענטשנס גרעסטע קללה.

מחמת קיין כוח אינעם מענטשלעכן לעבן — פיזישער צי גייסטיקער, טאָר זיך נישט צו פיל אַרויסהייבן, איבערשטייגן, אַ צווייטן כוח אין אים. און דאָס צו פיל אָנשפיצן די מענטשלעכע כוחות צו איין געביט, אַפילו צום מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלן איבער יעדן אַנדערן, צעשטערט זיין פסיכיש־מאָראַלישן גלייכגעוויכט, גאָר די האַרמאָניע פון זיין „איך״.

דאָס יאָגן זיך נאָך פיזיקאַלע דעראָבערונגען אין די ווייטע רוימען, בעת דאָס לעבן אויף דער ערד איז נאָך נישט געאָרדנט און געזיכערט, שאַפט אינעם מענטש אַן אומרויִקייט, אַן אומזיכערקייט.

עס צעשטערט אין אים זיין רעשט ביסל גלויבן אין זיין אייגענער זיכערקייט און פאַרוואָרצלטקייט, נישט געבנדיק אים קיין שום עקוויוואַלענט אַחוץ שרעק און זאָרג פאַרן מאָרגן.

דער אומזיניקער געיעג מיט דער צייט, וואָס דער אויפמאַרש פון דער טעכנאָלאָגיע רופט אינעם מענטשן אַרויס, רויבט ביי אים צו זיין לעצט ביסל מנוחה. און וואָס מער דער מענטש יאָגט זיך, אַלץ ווייניקער צייט בלייבט אים אָפּצופילן, אויסצולעבן ס׳אייגענע לעבן.

דער מענטש ווי ער איז

דער מענטש ווי אַ לעבעדיקע מאַטעריע און ווי אַ גייסטיקער „איך", אַן אינדיווידועלע איינהייט, איז אַ זייער קאָמפּליצירטער לעבנס־עצם.

ער איז קאָמפּליצירט דורך דער פאַרצווייגטקייט פון זיינע אָרגאַנען און געוועבן, ווי ער איז קאָמפּליצירט דורך דער פאַרשידנקייט פון זיינע לעבנס־עלעמענטן.

איז ער קאָמפּליצירט און אומקלאָר פאַר זיך, ווי ער איז קאָמפּליצירט, אומפאַרשטענדלעך אויך פאַר אַנדערע.

ער איז דער מענטש, אַ באַשאַפער און צעשטערער. אַ באַשאַפער פון זאַכן, אידעען און ווערטן, ווי אויך זייער צעשטערער. באַשאַפט ער וועלטן, זיינע אייגענע מאַטעריעלע, ווי גייסטיק אויסגעדאַכטע וועלטן — מאַכט זיי חרוב, צעשטערט זיי.

ער איז גוט און שלעכט, ווי ער איז וואַקלענדיק, יאָ און ניין. גוט און שלעכט און בייטנדיק און סתירהדיק צו זיך, ווי אויך צום אַרום, צו אַנדערע.

דאָס גוטע און דאָס שלעכטע איז אין אים, אין אים אַליין; ווי עס איז אויסער אים, גאָר פון אים נישט אָפּהענגיק.

ער איז אַ זעלבסט־פאַרוואַלטנדיקער עצם, וואָס פאַרוואַלטעט זיך אַליין, ווי ער ווערט געפירט, פאַרוואַלטעט פון אַנדערע כוחות און השפעות, נישט זייענדיק איבער זיך אַליין גאָר דער גאַנצער בעל־הבית.

איז ער אין דער וועלט, דער אַלגעמיינער וועלט, ווי ער איז אויסער איר, פאַרמאַכט אין דער אייגענער וועלט. ער איז באַזונדער ווי אַן עצם פאַר זיך, ווי ער איז ווי אַן איינהייט, אינדיווידועלע איינהייט, אין גאָר דער אַל־איינהייט.

די דאַזיקע טאָפּלטקייט פון זיין לעבן און נאַטור, פאַרשאַפט אים נישט ווייניק ליידן. זענען די מינוטן פון זיין פרייד ווייניק, דערפאַר פון זיין צער און פיין פיל.

און כאָטש ער באַהערשט און קאָנטראָלירט אַ טייל כוחות פון דער נאַטור אויסער אים, קען ער פון דעסטוועגן די כוחות וואָס אין אים, די וואָס באַהערשן און באַצווינגען זיין אייגן לעבן, נישט קאָנטראָלירן.

און ווייל דעם מענטשנס לעבן, גאָר זיין קיום; ווערט געטריבן פון כוחות וועלכע מיר קענען נישט קאָנטראָלירן, קענען מיר דעריבער אים אַליין, דעם מענטש אויך נישט קאָנטראָלירן, אין גאַנצן אים ענדערן.

וואָס מיר קענען איז נאָר, צוימען די איבערטריבנקייט וואָס אין אים און דורך באַפרידיקן גאָר זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפענישן און נויטן אים אויף אַ געוויסן אופן אויסבעסערן.

✶

איינער פון די דאַזיקע כוחות (אויב נישט דער הויפּט־כוח), וואָס באַהערשט און באַצווינגט גאָר דעם מענטש, איז דער כוח פון קיום, פונעם זעלבסט־דערהאַלט.

דער בלינדער אינסטינקט פון קיום, וואָס קאָנטראָלירט גאָר דעם מענטשנס לעבן, איז דער כוח וואָס שאַפט דעם גאַנצן מענטשלעכן עגאָאיזם, גאָר דאָס שלעכטס פונעם עגאָ־„איך" (אין זיין איבערטרייבונג), פונעם צו אַלץ גיריקן „אנוכי" („איך").

שוין דער זאָג „איך"!, דאָס האָפערדיקע פּראָקלאַמירן דעם „אנוכי", איז פּערזענלעך, מאָנט אַלץ פאַר זיך. דאָס איז די גלוסטונג צי גאָר דעם מאַטעריעלן, ווי צי גאָר דעם גייסטיקן דערגרייך און באַזיץ אין אַלע פאָרמען — אַריינגערעכנט אויך די תאווה צו כבוד און מאַכט. צו מאַכט, ווי אַ מיטל צו פאַרכאַפּן און צו באַהערשן אַלץ און אַלעמען, מענטשן און זאַכן.

און דאָס פּערזענלעכע אינעם מענטש איז פּריִער, ווי עס איז אין תוך דער גרונט־מאָטיוו פון יעדער אידעע און אידעאַל. מחמת דער עגאָאיזם פונעם זעלבסט, אַנערקענט נישט קיינעם אויסער זיך. אַלץ

ווערט ביי אים געוויגן און געמאָסטן דורך זיך, דורך זיין אייגענעם באַהערש און באַזיץ, ווען אַפילו טיילווייזן.

די דאַזיקע תאווה אַלץ צו באַהערשן און באַזיצן, וואָס שטאַמט פונעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלט און וואָס באַזיצט לויט זיינע כוחות יעדער איינער, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גאָר דעם מענטשנס שלעכטס.

און אין פּאַטענץ (מעגלעכקייט) איז יעדע בריאה ווי קליין און שוואַך זי זאָל נישט זיין, אַ פאַרכאַפּער, אַ מאַכטגיריקער באַהערשער.

און אויב די וועלט איז נישט פול מיט זיי און עס זענען אויך פאַראַן „שטילע״ נישט־פאַרכאַפּער יחידים, איז דאָס נישט צוליב דער מאָראַל און גוטסקייט וואָס אין זיי, נאָר צוליב דער מורא פאַר אומ־שטענדן און כאַראַקטערן, וועלכע זענען שטאַרקער פון זיי. נאָר סיי ווי ווערט דאָס באַהערשן און באַזיצן, ווי קליין און ווייניק און אויף וואָס פאַר אַן אופן דאָס זאָל נישט זיין (זאַכן, פרויען, באַדינער, כבוד און מאַכט), אַדורכגעפּירט פון יעדן איינעם.

און ס׳איז דער געיעג, ווי דער באַזיץ פון יעדן מאַטעריעלן, גייסטיקן, צי לעבעדיקן פאַרמעג, ווי פון יעדן ווערט בכלל, נישט ווייניקער ווי אַ גלוסט צו באַהערשן וואָס שטאַמט פון איינעם אין דעם זעלבן עגאָ־מקור.

און ווען פאַרט לעבן מענטשן צוזאַמען, ס׳עקסיסטירט די משפחה, ווי די מענטשלעכע געזעלשאַפט, איז עס נישט צוליב וועמענס אַל־טרויִסטישע געפילן נאָר דווקא געטריבן דורכן זעלבן עגאָ־חשבון פון באַהערשן און באַזיצן מיט אַלע זיינע ווירקונגען און אויסווירקונגען, ווען אַפילו פון אַ שותפותדיקן קעגנזייטיקן באַזיץ.

מחמת דער באַוווסטזיניקער, צי אומבאַוווסטזיניקער קעגנזייטיקער דראַנג צו באַזיצן (זיך צו האָבן) — שאַפט די משפחה ווי די שותפותדיקע איינהייט, די געזעלשאַפט, גאָר דעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

און דער כוח פון אויפהאַלטן דעם דאַזיקן צוזאַמענלעבן, איז דער כוח פון לאַווירן צווישן זיינע עלעמענטן, וואָס מיינט, צו באַפרידיקן דעם מענטשלעכן דראַנג צום באַזיץ, מאַטעריעלן ווי גייסטיקן, גייסטיקן, אין די פאַרשידנסטע פאָרמען..

יחיד און כלל

דער מענטש, דער יחיד איז דער עיקר. ער איז דאָס סאַמע זיין — פונעם כלל. און אָן אים, דעם יחיד, דעם איינצלנעם; איז נישט בנימצא נישט נאָר קיין כלל, ווייל „אין בכלל אלה מה שבפרט" (ס׳איז אינעם כלל נישטאָ מער ווי אינעם פרט), נאָר אָן אים, דעם מענטש, איז ווי בכלל גאָר נישט פאַראַן — איז גאָרנישט בנימצא.

ווייל די וועלט מיט אַלע זאַכן און דערשיינונגען, עקסיסטירט פאַר אונדז נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל נאָר דער מענטש איז איר מחייב, רופט איר אַרויס. און מעגן די זאַכן עקסיסטירן פאַר זיך, מעג די וועלט זיין אַ זיכערער יש, ווערט אָבער דאָס אַלץ ערשט אַרויסגערופן, קריגט דאָס אַלץ ערשט איר תיקון דורכן פיזישן און גייסטיקן באַריר פונעם מענטש.

דער יחיד, דער איינצלנער, איז אַ וועלט פאַר זיך. אַ קליין וועלטל, אין וועלכער נאָר ער אַליין איז איינגעשלאָסן — אַ מלוכה פון איין מענטש, פון איין בירגער, פון וועלכער ער איז אי דער קעניג אי דער אונטערטאַן.

אַ קעניג, וואָס הערשט בלויז איבער זיך אַליין, איבערן אייגענעם לעבן, און אַן אונטערטאַן, וואָס איז פונקט אַזוי אונטערוואָרפן די געזעצן און נאָרמען פונעם אייגענעם לעבן.

אַ וועלטל ווו עס פירט די גרענדע דער אייגענער „איך" און פון וועמען אויך ער אַליין דער „איך" איז אונטערוואָרפן צו די פאַרשידנסטע באַדינגונגען און אומשטענדן.

✶

יחיד און כלל

דער יחיד, ווי דער מענטש בכלל, איז זייער אַ קאָמפּליצירטער לעבנס־מעכאַניזם. אַ לעבנס־מעכאַניזם פון פילצאָליקע געוועבן און קעמערלעך. פון נערוון־פעדעם און נעצן וואָס נעמען אַרום זיין קערפּער און גייסט.

אַ לעבנס־מעכאַניזם וואָס פאַרוואַלטעט זיך אַליין. נאָר ווען עמענס פירונגען, נאָרמען און געוווינהייטן, זענען אים אַליין דעם בן־אָדם, אָפּט מאָל אומקלאָר און אומפאַרשטענדלעך.

אַ טונקעלער לאַבירינט, וועמענס וועגן זענען פאַרבאָרגן פאַרן אייגענעם אויג, און ווי אַלץ איז אַזוי סודותדיק פאַרקנוילט און פאַרפּלאָנטערט..

און פונעם דאָזיקן יחיד, פונעם מיט זיך אַליין און מחוץ זיך ראַנגלנדיקן איינצלנעם, הייבט זיך אַלץ אָן. הייבן זיך אָן אַלע באַגריפן און פאַרשטעלונגען וועגן דער וועלט און דעם זיין.

ער איז, דער מענטש, ווי דער באַשאַפער פון דער וועלט, פון דער גרויסער, ווי פון דער אייגענער קליינער. פון דער פיזישער און גייסטיקער. איר אַנטדעקער און אַנטפּלעקער, דער צענטער פון אירע, ווי פון זיינע אייגענע שאַצונגען און ווערטן.

ער איז דער שאַפער פון אַלע מענטשלעכע באַגריפן און ווערטן, זייער באַגרינדער און פאַרקערפּערער. ער באַלייכט זיי מיט זיין אייגן ליכט און צערטלט זיי לויט די פאַרלאַנגען און באַגערן פון זיין „איך", פון גאָר זיין לעבן. ווי פונקט אַזוי פאַרמיאוסט ער זיי, שאַצט ער זיי איבער אָדער ענדערט זיי. לויט די אייגענע אומגעענדערטע פאַרלאַנגען און באַגערן.

און אין דער אמתן, זענען אַלע אידעען און פאַרשטעלונגען וועגן גרויסקייט און קליינקייט, שיינקייט און מיאוסקייט, שטאַרקייט און שוואַכקייט, פרייד און טרויער, ווי אַפילו וועגן לעבן און טויט, נישט מער ווי מענטשלעכע באַגריפן־פאָרמען, וועלכע האָבן צו דער אמתער וועלט גאָר קיין שייכות נישט.

צו דער וועלט מחוץ אים, דעם מענטש; ווי פאַרן עצם זיין — האָבן אָט די אַלע מאָסן און קריטעריעס קיין שייכות נישט. די וועלט ווייסט נישט פון קיין גוטס און שלעכטס, ווי זי ווייסט נישט פון קיין צער און פּיין.

אין גערֿאַנגל פון צייט

✶

עגאָצענטריש און קאַפּריזנע ווי דער מענטש איז, איז ער אָפט מאָל ענדערנדיק און אַנדערשדיק. ענדערנדיק און אַנדערשדיק צו זיינע פריִער־דיקע געדאַנקען, ווי צו זיינע שפּעטערדיקע פאַרלאַנגען און שטימונגען. קען ער דעריבער בויען און צעשטערן, ליב האָבן און פיינט האָבן, זיין פריילעך און טרויעריק. ווי זיך אַליין דערהייבן און דערנידעריקן.

פון אים, דעם איינצלנעם; הייבט זיך אַלץ אָן. ער איז דאָס אמת־דיקסטע, דאָס קאָנקרעטע פון אַלע מינים און פאַרמערונגען. דער מין, דער כלל ווי דער רבים — קאָן אָן אים, ווי דער וואַלד אָן בוים נישט עקסיסטירן, ווי יעדע מערצאָל פון זאַכן קאָן אָן דער איינצלנער זאַך, אָן דעם איינס נישט עקסיסטירן.

ווי אַ מענטש איז ער פול מיט בענקענישן און גאַרונגען, זוכענישן און גלוסטונגען. ווי אַ יחיד זוכט ער אין זיין איינזאַמקייט זיין באַהעפט, דעם מיטמענטש, און ווי שוין אַ באַהאָפטענער בענקט ער צוריק נאָך זיין פרייַהייט, גאַרט ער צוריק נאָך זיין אַליינקייט.

ער וואָלט וועלן זיין אי מיט זיך אַליין, אי צוזאַמען מיט נאָך עמיצן. ער האָט מורא פאַר זיין אַליינקייט, ווי ער האָט מורא פאַרן צוזאַמענזיין. ער איז אַ מיסטעריע, טונקל און פאַרבאָרגן פאַר זיך אַליין, ווי ער איז אַ סוד, טונקל און פאַרבאָרגן פאַר אַנדערע.

ער איז גלויביק און אומגלויביק. גלויביק אין זיך, אינעם אייגענעם ביאָלאָגישן זיין — ווי ער איז אָפט אומגלויביק, סקעפּטיש, מחוץ זיך, מחוץ דעם אייגענעם זיין.

✶

און וואָס איז דער כלל? אין וואָס באַשטייט זיין מהות און כאַ־ראַקטער? דער כלל איז נישט מער ווי אַ צאָל פון יחידים, וואָס בילדן דעם דאָזיקן כלל. און כאָטש ער באַשטייט אָפט פון מענטשן מיט באַ־זונדערע נייגונגען און געוווינהייטן, באַגערן און שטרעבונגען, איז ער אָבער אין תוך דאָס וועזנטלעכסטע פונעם מענטש, דאָס סאַמע עיקרדיקע פון די יחידים, געמיינשאַפטלעך פאַר אַלע, פאַרן גאַנצן כלל. מחמת אַלץ וואָס געפינט זיך אינעם יחיד, איז אויך בנימצא אינעם רבים, אינעם כלל.

און אַחוץ דעם מענטש, דעם יחיד; איז נישט בנימצא קיין כלל, ווי עס איז אַחוץ דעם בוים נישט בנימצא קיין וואַלד. סתם כלל, ווי סתם פאָלק און מענטשהייט, איז נישט מער ווי אַ בלויזע אַבסטראַקציע, אַן אויסדרוק־פאָרעם זיך גרינגער צו מאַכן דאָס דענקען און דעם אופן פון רעדן.

און ס'איז קלאָר, אַז אָן דער הילף פונעם יחיד, פונעם איינצלנעם פאַרן כלל, קען דער כלל זיך נישט האַלטן, ווי אָן דער הילף פאַרן פאָלק, קען קיין פאָלק נישט עקסיסטירן.

ערשט די געגעבענע הילף פון יחיד באַשטימט און גיט כוח דעם כלל דעם רבים; ווי די אויפגאַבע פונעם כלל איז צוריק צו געבן כוח און הילף דעם יחיד.

מחמת דער כלל האָט אַזוי פיל חשיבות און ווערט, וויפל חשיבות און ווערט ער גיט צוריק דעם יחיד. און נאָר דער לעבעדיקער יחיד מיט אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע באַדערפעונישן, איז די באַזע פונעם כלל, פונעם רבים.

אָבער דער רבים, די מאַסע, הערשט נישט איבער זיך אַליין. זי קען אַליין נישט פאַרוואַלטן און אָנפירן מיט אירע ענינים. די מאַסע קען נאָר העכסטנס ווערן אָרגאַניזירט צו דעמאָנסטרירן, צו קעמפן פאַר גע־ווויסע זאַכן (ריכטיק, צי נישט ריכטיק), און דאָס אויך אָנגערעגט און געפירט פון אַ יחיד, צי פון יחידים. זי קען אָבער נישט און איז נישט בכוח איבער זיך אַליין צו געוועלטיקן.

איבער איר הערשט, מיט איר הסכם, צי אָן איר הסכם, דער פירנדיקער יחיד. און צי דער פירער איז געוויילט פונעם רוב, צי ער איז אַן אוזור־פאַטאָר, אַ פאַרכאַפּער פון דער מאַכט — איז ער אַלץ איינס נישט מער ווי דער זעלבער מענטש פון דער מאַסע, מיט אַלע זיינע קאָמפּליקאַציעס און שוואַכקייטן, מיט גאָר זיינע אַמביציעס און גיריקייטן, וואָס צעוואַקסן זיך ביי אים נאָך מער אין דער צייט פון זיין מאַכטבאַזיץ.

און דאָס קען גאָר אַנדערש נישט זיין. ווייל אויך דער איידלסטער מענטש איז קודם פערזענלעך אין זיינע אַמביציעס און פאַרלאַנגען. ערשט דערנאָך קומט דער אידעאַל פון זיין טראַכטן.

און נישט אויף די פליגל פונעם אידעאַל הייבט זיך דער פירער אויף, ווי נישט די געשיכטע מאַכט דעם מענטש (סתם געשיכטע איז בכלל נישט בנימצא) נאָר דער אַמביציעזער, מאַכטגיריקער מענטש, מאַכט זיין אייגענע געשיכטע, וואָס ווערט דערנאָך די געשיכטע פון זיין פאָלק און צייט.

און אַלע מענטשלעכע טוונגען זענען קודם פערזענלעכע — ערשט דערנאָך קומען די אידעאָלאָגיעס און באַגרינדונגען צו באַרעכטיקן דעם מענטשנס מעשים. און זיי זענען פאַרן אַמביציעזן פירער נישט מער ווי אַ צודעק פאַר זיין ווילן צו הערשן.

און ווילן מיר באַזייטיקן דעם וואָרצל פון שלעכטס, מוז מען קודם אים אַליין, דעם יחיד, אויסלייזן, איידער מען לייזט אויס דעם כלל. ווייל נאָר ער, דער יחיד, איז דער יסוד און מקור פון אַלץ.

נאָר פון אים, דעם יחיד, און נישט פון פאָלק, בפרט פונעם קלאַס, וואָס איז ווי יעדע פראָפעסיאָנעלע און עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע — נישט מער ווי אַ פּליסיקער בייטנדיקער באַגריף — בפרט אין אונדזער צייט פון אויטאָמאַציע און מעכאַניזאַציע, הייבט זיך אַלץ אָן.

און ווילן מיר איבערמאַכן, איבערדערציִען די געזעלשאַפט, מוזן מיר קודם איבערמאַכן, איבערדערציִען אים אַליין, דעם יחיד. און דאָס נישט בלויז דורך טעקסטן און אַבסטראַקטע טעאָריעס. אויך נישט דורך סתם רייד וועגן ליבע און גלויבן — נאָר דורך „בין אָדם לחברידיקע״ מצוות בפועל ממש, דורך פּראַקטישע לעבנס־געבאָטן פון מענטש צו מענטש.

דאָס איבן זיך אין מאַראַלישע מעשים, ווי דאָס גוטס טאָן איינער דעם אַנדערן, דאַרף זיין און ווערן די באַזע פון יעדער שולע, פון יעדער דערציִונג.

דאָס גוטע און דאָס שלעכטע איז אינעם מענטש (מער שלעכטס ווי גוטס). און דורכן דערווייטערן פון אים דאָס שלעכטס, דורכן צוימען די חיה אין אים, וועט דער מענטש ווערן זיין אייגענער אויסלייזער, זיין אייגענער משיח... און דורכן אויסלייזן דעם יחיד, וועט אויך דער כלל ווערן אויסגעלייזט.

קאָנסעקווענץ אינעם מענטשלעכן לעבן

איז פאַראַן אַ קאָנסעקווענץ אינעם מענטשלעכן לעבן? איז דער מענטש אויסגעהאַלטן אין זיינע געדאַנקען און געפילן? זענען דעם מענטשנס אויפפירונגען אין הסכם מיט זיינע טראַכטונגען, מיט זיינע באַשלוסן צו וועלכע ער קומט?

אָדער איז גאָרנישט פאַראַן בכלל קיין אויסגעהאַלטנקייט אינעם מענטשלעכן לעבן, און אַלץ וואָס דער מענטש טוט איז אין אַבסאָלוטן קעגנזאַץ צו זיינע געפילן און געדאַנקען?

די דאָזיקע פראַגע ווי אַלע אַנדערע פון דעם שטייגער פראַגן, וואָס זענען געקניפּט און געבונדן מיטן מענטשלעכן לעבן, ווי למשל, די פראַגע פון ווילן, קען נישט פאַרענטפערט ווערן אויף איין אַבסאָלוטן, באַשטימטן אופן.

אַזאַ ענטפער וואָלט פאַרן מענטשן, וואָס איז אַ זייער קאָמפּליצירטער לעבנס־מעכאַניזם, אַ לעבנס־מעכאַניזם מיט פאַרשידענע טיילן און אָרגאַנען, מיט אַ פּסיכאָ־עמאָציאָנעלע און פונקציאָנעלע פאַרשידנקייט, וואָס הגם ער איז ווי אַ פּערזאָן אַן איינהייט, איז ער אָבער ווי די נאַטור דינאַמיש, געוועזן נישט ריכטיק און איינזייטיק.

און די פראַגע וועגן קאָנסעקווענץ אינעם מענטשלעכן לעבן, איז אָפּהענגיק נישט בלויז פונעם ריינעם געדאַנק, נאָר זי איז ווי דאָס אויספירן פון אַלץ אינעם מענטשלעכן לעבן, אויך אָפּהענגיק פון די בייטנדיקע געפילן און פונעם ווילן, פון דער פראַגע פון פריי־הייט פון ווילן.

און ווי אויף דער פראַגע פון פריי־הייט פון ווילן, ענטפערן מיר אויך דאָ, אַז נישט אַבסאָלוט קאָנסעקווענט איז דער מענטש אין זיינע מחשבות

און מעשים, ווי ער איז אויך נישט אַבסאָלוט אומקאָנסעקווענט.

דער מענטש איז נישט און קען נישט זיין אַבסאָלוט אויסגעהאַלטן אין זיינע געדאַנקען און האַנדלונגען, ווייל ווי אַ פּסיכאָ־עמאָציאָנעל דינאַמיש וועזן, שטייט ער נישט אויף איין אָרט, איז ער נישט סטאַטיש.

ער איז אונטערוואָרפן פאַרשידענע ענדערונגען, בייטונגען און שטי־מונגען, און דאָס נישט בלויז פון זיך אַליין, פון זיין אייגענער נאַטור, נאָר אויך פון זיין סאָציאַלער און אַרומיקער סביבה.

און די דאָזיקע אַלע פאַקטאָרן איבן אויס אויף אים זייער ווירקונג. זיי צווינגען אויף אים אַרויף אַ נייעם געדאַנקען־גאַנג, אָדער אַ נייע געפילס־כוואַליע, וואָס פאַרשווענקט זיינע פריערדיקע געפילן און הייבן אים אָן אויף אַ נייעם אופן צו באַווירקן. און דער דאָזיקער נייער גע־דאַנקען־גאַנג אָדער באַווירקנדיק געפיל, פירט אים צו נייע אויספירן און במילא צו נייע האַנדלונגען.

און נישט שטענדיק איז דער וועג פון זיינע געדאַנקען, אַפילו פון די געענדערטע, אַ גלייכער. עס טרעפט אָפט, אַז נאָך אויפן וועג צו זיינע אויספירונגען, פאַרלירט זיך און פאַרפלאָנטערט זיך זיין מחשבה. זי פאַרלירט זיך נאָך אינעם אייגענעם מלכות פון טראַכטן.

און נישט נאָר אין לויף פון דער צייט, אין די באַזונדערע לעבנס־פעריאָדן בייט זיך דער געדאַנק, נאָר אַפילו אינעם זעלבן צייטאָפשניט בייט ער זיך לויט די אומשטענדן.

מחמת נישט נאָר די מאַטעריעלע באַדינגונגען דיקטירן דעם באַ־ווּסטזיין, נאָר אַלע מענטשלעכע באַדינגונגען און אומשטענדן, מאַטער־יעלע, ווי פסיכיש־עמאָציאָנעלע, ווי סאָציאַלע, אינעווייניקסטע ווי דרויסנ־דיקע, דיקטירן און באַווירקן, אַנדערשן איבער דעם פריערדיקן געדאַנקען־גאַנג ווי זיינע געפילן און סימפּאַטיעס. ס'איז נאָר אַ פראַגע וואָס עס באַ־ווירקט פריער, און וואָס עס באַווירקט שטאַרקער.

און דערפאַר טאַקע קומט נישט איין מאָל פאָר אינעם אייגענעם „מלכות האָדם”, אַ ביטערער געראַנגל, אַ ויתרוצצו, צווישן די פאַרשידענע כוחות און איינפלוסן, וואָס ווילן הערשן איבער אים, איבער גאָר דעם מענטשלעכן „איך”: ביז איינער פון זיי נעמט אויף אַ צייט איבער די

מאַכט. ווייל דער גערעאַנגל אינעם מענטש קען נישט אייביק אָנגיין, צוליבן אייגענעם קיום — מוזן די כוחות סוף־כל־סוף צווישן זיך שלום מאַכן. דערווייל אָבער ווירקט דאָס און שטערט דעם מענטשנס אויס־געהאַלטנקייט.

איז דעריבער, פונקט אַזוי ווי דער מענטשלעכער ווילן איז נאָר רעלאַטיוו פּריי, פּריי נאָר אין די ראַמען פון געוויסע לעבנס־פּראָצעסן, אַזוי אויך זענען דעם מענטשנס מחשבות און מעשים נאָר רעלאַטיוו אויס־געהאַלטן. אויסגעהאַלטן בלויז אין הסכם מיט די פּראָצעסן, וואָס גייען אָן אין אים.

✶

דער מענטש איז טאָקע אַ וועלט פאַר זיך אין וועלכער נאָר ער אַליין איז איינגעשלאָסן. ער איז אָבער נישט דער גאַנצער בעל־הבית איבער זיך, נישט גאָר דער אַליין־הערשער. ער איז אונטערגעוואָרפן פאַר־שידענע געזעצן און נאַרמען, באַדינגונגען און אומשטענדן, מיט וועלכע ער קעמפט אַ גאַנץ לעבן במחשבה ובמעשה.

באַזונדער קומט אין אים פאָר אַ פּערמאַנענטער געראַנגל, אַן אייבי־קער צונויפשטויס צווישן געפיל און געדאַנק, צווישן קילן, קאָנטראָלירנדיקן און באַרעכנטן פאַרשטאַנד, און צווישן לייביק־צעהיצטן, אומגעצוימטן צעווילדעוועטן געפיל. און דאָס אַלץ ווירקט זיך אויס אויף זיין געדאַנקען־גאַנג, אויף די וואַקלונגען און אומבייט פון זיינע מחשבות און במילא אויך אויף זיינע מעשים.

ווי אַ מענטש, איז זיין וועג נישט פעסט באַשטימט. און דאָרט ווו ער קלייבט שוין אויס זיין וועג, ווערט ער גייענדיק צו אים פונעם לעבן אַליין געשטרויכלט. און ער איז פול מיט בענקענישן, גאַרענישן, זוכענישן און אויסדאַכטענישן.

ווי אַן איינזאַמער זוכט ער און גלוסט נאָך זיין באַהעפט מיט דעם מיטמענטש. און ווי שוין אַ באַהאָפטענער, וואָלט ער וועלן צוריק האָבן גאָר זיין פרייהייט, גאָר זיין אַליינקייט.

ער וואָלט וועלן זיין אי מיט זיך אַליין, אי צוזאַמען, מיט נאָך עמיצן.

ער האָט אָבער אין דערווירקלעכקייט מורא פאַר זיין אַליינקייט, ווי ער האָט אויך מורא פאַר זיין צוזאַמענזיין, בפרט פאַר אַ רבים.

ווען ער איז אונטערדריקט, בענקט ער און גאַרט נאָך פרײַהייט. נאָר ווען ער באַקומט זי, בפרט צו פיל פרײַהייט, ווייסט ער נישט וואָס צו טאָן מיט איר, ווערט זי אים פאַרמיאוסט.

דאָס זעלבע איז ווען ער איז באַשעפטיקט, איז אַקטיוו. ער גלוסט דאַן און בענקט נאָך רו, צו זיין פרײַ. נאָר ווען ער קריגט שוין זיין רו, איז אַ צייט אומטעטיק, בענקט ער צוריק נאָך זיין פאַרנומענקייט.

ער האָט ליב צו זיין פרײַ און וויל פון קיינעם נישט געשטערט ווערן, בפרט צו ווערן פון וועמען באַהערשט. פון דעסטוועגן וואָלט ער וועלן באַרויבן דעם צווייטנס פרײַהייט, איבער אַנדערע הערשן. און דאָס אַלץ זענען אמתן פונעם מענטשלעכן לעבן, פונעם מענטשנס נאַטור. אַוודאי איז דאָס אין אַלגעמיין אַ נישט־אויסגעהאַלטנקייט, אַן אומקאָנסעקווענץ. ער איז אָבער, דער מענטש, קאָנסעקווענט אין הסכם צו די באַדינגונגען און אומשטענדן אין וועלכן מאָמענט ער געפינט זיך, ווי ער איז אין הסכם צו אַ טייל פון זיינע פאַרלאַנגען און ווונטשן.

ד. ה. ער איז קאָנסעקווענט לגבי זיין אייגענער מאָמענטאַנער נאַטור. און דאָס איז אַ מין רעלאַטיווע קאָנסעקווענץ. ווייל גאָר קיין אַבסאָלוטע קאָנסעקווענץ אינעם מענטשלעכן לעבן איז נישטאָ, איז נישט בנימצא.

די מאַטעריאַליזאַציע פונעם לעבן

מען מוז צוגעבן, אַז אין אונדזער צייט פון ממשלת אַ מעכאַניק, ווען פאַר די אויגן קומט פאַר אַזאַ ראַשנדיקע אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און די טעכנאָלאָגיע איז נישט נאָר, וואָס זי דרינגט אַריין אין אַלע ווינקעלעך פונעם לעבן, נאָר זי איז ווי „לובש צורה און פושט צורה", בייטנדיק און באַנייענדיק כסדר איר געשטאַלט — אין אַזאַ צייט מוז פאַלן די חשיבות פונעם מענטש מיט אַלדאָס גייסטיקע און מענטשלעכע וואָס אין אים.

עס קומט פאַר אַ מאַטעריאַליזירונג פונעם לעבן, וואָס איז פון איר זייט גורם צו אַ גייסטיקער אַנטווערטונג. און מיט גייסטיקער אַנטווערטונג מיינען מיר נישט דווקא אַן אַנטווערטונג אין אַלע רעגיאָנען פון גייסט.

אַן אַנטווערטונג פון די העכסטע אַבסטראַקטע אידעען און פאַרשטעלונגען, הגם אויך דאָרטן אין דער וועלט פון אַבסטראַקטע אידעען, מוז אַנגיין לגבי דעם מענטש — אַ פּראָצעס פון קעגנזייטיקייט.

פון אַ קעגנזייטיקער השפעה פון איין אידעע אויף דער אַנדערער, פון דער העכערער אויף דער נידעריקער, וואָס איז משפיע דאָס מענטשלעכע דענקען.

נאָר מיר מיינען דאָ פשוט די גייסט־אַנטווערטונג, וואָס ווירקט זיך אויס אויפן פּראַקטישן מענטשלעכן לעבן. די אַנטווערטונג פונעם מענטשנס מאָראַליש־גייסטיקע ווערטן וואָס פאָרמען און געשטאַלטן דאָס לעבן פונעם יחיד און רבים.

און ס'איז דאָ נישט וויכטיק און ס'וועט אויך די דערשיינונג פון אַנטווערטונג נישט ענדערן, אונדזער צוגאַנג צו דער פראַגע פון וועלט און זיין — דהיינו: צי איז די מאַטעריע דער הויפּט־כוח פון וועלט און לעבן וואָס האָט אַלץ באַשאַפן און באַשאַפט, צי גאָר איז דער דאָזיקער

כוח דער גייסט, א̤דער אויף א̤ געוויסן אופן — זיי בײדע צוזאמען (מאַ־טעריע און גייסט).

ווא̤רעם ווי עס זא̤ל נישט זיין אונדזער צוגאַנג, צי גאָר ווונטש (מער ווונטש ווי צוגאַנג), צו דער דאָזיקער קאַרדינאַלער פראַגע, מוזן מיר אָבער מודה זיין, אַז די מאַטעריע, די אַזוי־גערופענע אומבאַלעבטע מאַ־טעריע, אַנטפּלעקט לעצטנס וואָס מער איר קראַפט. און אַרויסרוקנדיק זיך אַלץ מער אין פאָדערגרונט פון אונדזער לעבן — שוואַכט זי אָפּ די ביז היינט פעסט פאַרנומענע פאַזיציע פונעם גייסט.

פונעם גייסט ווי אַ ראש וראשון פון וועלט און לעבן, מיט זיינע אויסווירקונגען אויף אונדז...

אמת, אויך די לעצטע מאַטעריעל־טעכנישע אויסגעפינסן און דער־גרייכונגען זענען נישט געקומען פון זיך אַליין. האָבן זיך נישט אַליין אַנטפּלעקט און געשטעלט פאַר אונדזערע אויגן אין גאָר זייער מאַיעסטע־טישער אָפּנקייט.

עס האָט דעם מענטשנס גייסט, זיין אַריינדרינגענדיקער פאַרשטאַנד, אויף דעם געבוג געאַרבעט. געהאָרעוועט מיטן אייגענעם כוח, מיטן כוח פון לערנען איין זאַך פון דער אַנדערער, און אויך (אפשר נאָך מער) מיטן כוח פון דער אָנגעזאַמלטער דורותדיקער דערפאַרונג.

איז אָבער ראשית ווייסן מיר נישט וועמענס כוח ס׳איז דער גאַנצער מורנו — אַ פאַרשטאַנד. דער פאַרשטאַנד, וואָס איז אַליין אַ פּראָדוקט פון דער חושמדיקער דערפאַרונג און ווערט אויסגערייפט און אויסגע־טראָגן אינעם מענטשנס מאַרך, ווי אַן עמבריאָ ווערט אויסגערייפט און אויסגעטראָגן אינעם מוטערס לייב.

און שנית, איז דען דאָס אַליין נישט, די אַלץ גרעסערע פּרעציזקייט און דאָס כסדרדיקע אַנטדעקן פון נייע רוים־מאַשינען און קאָמפּיוטאָרס, מעגן זיי נאָך אַלץ קאָנטראָלירט ווערן פונעם מענטש, אַ באַווייז פון אומבאַגרענעצטן כוח וואָס געפינט זיך אין דער מאַטעריע? אַ כוח, וואָס קען חרוב מאַכן און באַשאַפן וועלטן.

אַוודאי וואָלטן מיר, גייסט־אָנהענגער, מיר גאַרנדיקע און בענקנדיקע בעלי־חיים, גיכער וועלן די הערשאַפט פונעם גייסט. אונדז איז שווער

שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק וועגן דער מאַכט פון אַ קערפּערלעכער, אַ מאַראַלישער, אומבאַוווסטזיניקער מאַטעריע (דערווייל ווייסן מיר נישט וועגן דער מאַטעריעס באַוווסטזיין), אַ מאַטעריע, וואָס איז געפּילדאַז, נשמהלאַז, און פּונקט אַזוי טרייסטלאַז.

נאָר צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט, מוזן מיר שלום מאַכן מיט די פאַקטן פון לעבן. און דאָס לעבן, נישט דאָס גליסטנדיק־גאַרנדיקע, דאָס אַליין אויסגעחלומטע, נאָר דאָס לעבן פון איך — דאָס האַרטע, אמתע לעבן, דערציילט גאָר אַן אַנדערע געשיכטע.

אַ געשיכטע פון אַ כסדר שטייגנדיקער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק. אַן אַנטוויקלונג, וואָס נישט נאָר גייט זי נישט אין אַ גלייכער ליניע מיט די מאָראַליש־גייסטיקע כוחות פונעם מענטש, נאָר, וואָס מיט איר איינזייטיקייט דריקט זי נאָך אַראָפּ אָט די כוחות עד שאול תחתיה, און איז מיט איר מאַטעריאַליזירונג פונעם מענטשלעכן לעבן פון איין זייט און מיט דער צעשטערערישער מעגלעכקייט פון דער צווייטער זייט, אַ סכנה סיי פאַרן גייסטיקן און סיי פאַרן פיזישן קיום פונעם מענטש.

מחמת דער מענטש איז נישט נאָר אַ קערפּער, אַ פיזיש־מאַטעריעלער קאָמפּלעקס, אַ פיזיש־מאַטעריעלע איינהייט, וואָס זוכט קודם־כל צו באַפרידיקן זיינע קערפּערלעכע אינטערעסן און באַדערפענישן, נאָר ער איז אויך אַ פּסיכאָ־עמאָציאָנעלער.

ער האָט אויך אַ גייסטיק־עמאָציאָנעלן טייל, וואָס וויל באַפרידיקן זיינע קלאָרע, ווי אומקלאָרע געפילן, דערוואַרטונגען און בענקעניש.

און הגם ער איז אַן אינדיווידועלע איינהייט, איז ער פאָרט אַ פאַרשידנאַרטיקע ביאָלאָגישע קאָמפּאָזיציע, וואָס וויל קומען צום אויסדרוק נישט נאָר אין זיינע פּראַקטישע לעבנס־שפּילערייען — נאָר אויך, און אפשר נאָך מער, אין זיינע פאַנטאַזיע־אַרטיקע גייסטיקע.

דער מענטש איז נישט איינזייטיק, „מעור אחד". ער איז זוכנדיק און פאַרשעריש. בייגעריק און גיריק, נישט נאָר צו מאַטעריעלע דערגרייכונגען, נאָר אויך צו זיינע אומקלאָרע גייסטיק־עמאָציאָנעלע. און דאָס אַרויסהייבן און זיך קאָנצענטרירן בלויז אויף דער מאַטעריעלער זייט פונעם לעבן, איז דעם מענטשנס גרעסטע קללה.

פּאָפּולאַריטעט און גרויסקייט

איז פּאָפּולאַריטעט, דאָס פּאָפּולער ווערן צווישן מענטשן, גלייך, „הייבן הך" (דאָס זעלבע) מיט גרויסקייט? קלאָרער: איז דעם מענטשנס באַקאַנט זיין צווישן פאָלק, אויך אַ סימן, אַז ער איז גרויס, אַז ער איז אויך אַ גרויסער מענטש?

אָדער אַנדערש געזאָגט, איז גרויסקייט, איז דער מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אויף אַ געוויסן אופן, וואָס איז גרויס געוואָרן דורך זיין אויפטו פאַרן פאָלק, נאָך מער, פאַר גאָר דער מענטשהייט, אידענטיש, גלייך מיט פּאָפּולאַריטעט? ד. ה. אַז דער גרויסער מענטש איז שטענדיק פּונקט אַזוי פּאָפּולער, פּונקט אַזוי גרויס אין פּאָפּולאַריטעט ווי ער איז גרויס אין זיין אויפטו, אין זיין אייגנטלעכן ווערט?

איידער מיר ענטפערן אויף דער פראַגע, לאָמיר פריִער, זיך קלאָר מאַכן וועגן די באַגריפן פון פּאָפּולאַריטעט און גרויסקייט אַן און פאַר זיך. לאָמיר זען וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר. איז וואָס שייך פּאָפּולאַריטעט, איז נישטאָ קיין סך וואָס מאריך צו זיין.

עס איז „פשוטו כמשמעו". ס'איז פראָסט און פשוט, דאָס באַקאַנט זיין צווישן מענטשן. דעם פּאָפּולערן מענטש קענען כמעט אַלע. זיי קענען אים פערזענלעך. און די וועלכע קענען אים נישט פערזענלעך, האָבן זיי יעדנפאַלס וועגן אים געהערט, קענען זיי זיין נאָמען.

און לגבי פּאָפּולאַריטעט זענען אַלע מענטשן גלייך. ס'איז נאָר אַן אונטערשיד אין מאָס און גרויס. דער נאַר, ווי דער חכם, דער אָרעמאַן, ווי דער גביר, דער משוגענער, ווי דער פאַרברעכער, זיי אַלע קענען אויף

זייער אופן צוגלייך ווערן פּאָפּולער. קורץ: פּאָפּולאַריטעט איז נישט באַגרענעצט צו קיין באַשטימטע גרופּעס און קאַטעגאָריעס.

די זאַך אָבער פון גרויסקייט, איז שוין מער קאָמפּליצירט. און כאָטש ביידע, פּאָפּולאַריטעט און גרויסקייט, זענען בלויז מענטשלעכע באַגריפן, ווייל לגבי דער נאַטור, דער נאַטור אַן און פאַר זיך, עקסיסטירן נישט ביידע, ווייל פאַרן עצם זיין — איז נישט וויכטיק קיין פּאָפּולאַ־ריטעט און קיין אומפּאָפּולאַריטעט, ווי עס איז פאַר איר נישט וויכטיק קיין גרויסקייט און קיין קליינקייט, איז אָבער אינעם מענטשלעכן לעבן; באַזונדער אין אונדזער מאָראַליש־גייסטיקן אָפּשאַץ, שוין יאָ פאַראַן אַ חילוק צווישן גרויסקייט און פּאָפּולאַריטעט.

מחמת בעת פאַר פּאָפּולאַריטעט זענען אַלע מענטשן גלייך, זי — באַגרענעצט זיך נישט צו קיין שטאַנדן און געביטן, און זי דאַרף זיך אויך נישט אויסצייכענען מיט עפּעס אַ באַזונדערן ווערט, איז אָבער דער ענין פון מענטשלעכער גרויסקייט, יאָ צעטיילט אין באַזונדערע געביטן און דאַרף זיך שוין גאָר, גאָר, מיט עפּעס אַ באַזונדערן ווערט און אויפטו זיך אויסצייכענען.

✶

אמת, עס קאָן טרעפן, אַז אַ גרויסער מענטש, ווי אַ שטייגער אַ גרויסער דענקער, געלערנטער און שריפטשטעלער, זאָל גלייכצייטיק פּונקט אַזוי אויך זיין פּאָפּולער ווי ער איז גרויס. ווי עס טרעפט, אַז אַ זייער פּאָפּולערער מענטש זאָל פּונקט אַזוי אויך זיין גרויס אין זיין גייסטיק־מאָראַלישן ווערט.

און אין אַזאַ פאַל ווו עכטע גרויסקייט גייט צוזאַמען מיט פּאָפּולאַ־ריטעט, איז עס אַ ברכה סיי פאַר אים אַליין, דעם גרויסן מענטש, סיי פאַר דער געזעלשאַפט, וועלכע געניסט פונעם ווערט פון זיין גרויסקייט.

אַזעלכע ביישפּילן האָבן מיר גענוג אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווי פון די פעלקער. מיר ווייסן, למשל, פון באמת גרויסע מענטשן, פון נאַציאָנאַלע און וועלט־פיגורן, וועמענס גייסטיקער, צי וויסנשאַפטלעכער אויפטו פאַרן מענטש, איז ביז היינט דויערנדיק, און

ביי אייניקע, באַזונדער פאַר זייערע פעלקער, קען עס אַפּילו דויערן אייביק, ווי לאַנג זייער פאָלק לעבט.

געגוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי משה, אַריסטאָטל, פּלאַטאָן, ישעיה, דעמאָקריט מיט זיין אַטאָמען־טעאָריע, ווי די גאַר שפּעטערדיקע, שפּינאָזאַ, מיקל אַנדזשעלאָ, איינשטיין א״אַ.

און כאָטש נישט יעדע גרויסקייט און פּאָפּולאַריטעט איז פון איין גלייכער מאָס, ווייל עס טרעפט, און דאָס באַזונדער ביי דענקערישער, צי גייסטיק־מאָראַלישער גרויסקייט, ווו דעם מענטשנס פּאָפּולאַריטעט איז באַגרענעצט בלויז צו אַ געוויסן קרייז, ווי בלויז צום קרייז פון דער אינטעליגענץ, צי פון דער רעליגיע — אָדער פונעם געגעבענעם פאָלק, גייען זיי אָבערביידע: די פּאָפּולאַריטעט מיט דער גרויסקייט, ענג צוזאַמען. און אַזאַ פּאָפּולאַריטעט איז אַ ווערטיקע.

פאַראַנען אָבער פאַלן, און דאָס אינעם גרעסטן טייל, אין צייטן פון גייסטיק־מאָראַלישער אויסגעליידיקטקייט און פּסיכישער צערודערונג, מעג דאָס אַפּילו זיין אין אַ צייט פון וויסנשאַפטלעכן אויפבלי, נאָר אָן אויפבלי אָן איינזייטיקער, אַ טעכנאָלאָגיש־מעכאַנישער, וואָס וואַרפט אָן אַ שרעק אויפן מענטש. ווען דעם מענטשנס פּאָפּולאַריטעט גייט נישט, נישט נאָר צוזאַמען מיט גרויסקייט, נאָר זי איז פאַר זיך אַליין, אַ ביליקע, אַ ווערט־לאָזע, און אָפט מאָל אַ שעדלעכע.

עס קומט דאַן אַ צייט, ווען די חשיבות פון גייסטיקייט בכלל ווי פון עכטער גרויסקייט, אַזוי פון אַלץ, וואָס איז עכט און מענטשלעך, פאַלט. פאַלט עד שאול תחתיה (ביזן אָפּגרונט).

דאַקעגן הייבט זיך און שטייגט די פּאָפּולאַריטעט פון לצים, פון ביליקע און וווּלגאַרע פאַרווײַלער, ווי בכלל פון יעדער פלאַכקייט וועלכע וואַקסט אַריבער דורך מיטלען פון רעקלאַמע, און מאַכט — (אָפט אויך שרייבערישע מאַכט) צו פּאָפּולאַריטעט פון יעדער עכטער גרויסקייט.

און דאָס באַווייזט נישט נאָר, אַז אַלץ, וואָס איז פּאָפּולער איז נישט תמיד גרויס, ווי אַלץ וואָס איז באמת גרויס איז פּאָפּולער, נאָר, אַז ס'איז אויך פאַראַן אַ פּאָפּולאַריטעט, וואָס איז שעדלעך און אַפּילו צע־שטערעריש.

איבערטיילן די ערד

מיר מוזן קומען צום באַשלוס, אַז דער מענטש, דער „בחיר היצירה", איז נישט די קרוין פון באַשאַף, ווייט נישט. און כאָטש ער וואָלט לויט זיין פאַנטאַזיע און שווונג, ווי דורך זיין אימפּעט פון שאַפן און איבערשאַפן די מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן, דאָס יאָ געקענט זיין, איז ער אָבער לויט זיינע מחשבות און מעשים דאָס נישט.

ער איז דאָס נישט, צוליב דאָס שלעכטס וואָס אין אים. און הגם אויב נאָר מיר וועלן זוכן אויף אים אַ זכות, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז אין גרונט איז ער אַליין, דער מענטש אין דעם נישט שולדיק, ווייל דאָס נעמט זיך פון זיין עגאָ, פון עגאָ־„איך", וואָס איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ טייל פון דער נאַטור, פון דער נאַטור, וואָס אין אים און אַרום אים.

פון דעסטוועגן האָט אָבער אויך דער מענטש זיין אייגענעם באַזונדערן חלק שלעכטס. ער האָט דעם „נופך משלו" (זיין אייגענעם צוגאָב) — פון גיריקייט און איבערטרייבונג, פון איבערטרייבן מיט די אייגענע פאַרלאַנגען און באַגערן.

און דאָס דאָזיקע שלעכטס פון איבערטרייבן, ווי פון דער אומבאַגרענעצטער גיריקייט, וואָס אין אים — דערפירט נישט נאָר צו קאָנפליקטן צווישן איינעם און דעם אַנדערן, צווישן יחיד און יחיד, נאָר אויך צווישן יחיד און כלל, ווי צווישן כלל און כלל.

די גיריקייט פון די פאַרלאַנגען, ווי די אומגעשטילטע אַמביציעס פונעם יחיד און כלל, אַזוי דער אויפגעבלאָזענער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, וואָס גיט למעשה דעם יחיד גאָרנישט אַחוץ פאַרדרוסן און ביטערנישן (ווען ער

ווערט אָנגערירט), און וואָס נאָך ערגער — וואָס מאַכט אים צו זיין דער קרבן אויפן אייגענעם מזבח — שוין נישט רעדנדיק פון דער אימפּעריאַליסטיש־מלוכהשער גיריקייט, וואָס ווערט געוויקלט אין סאַמעט און זייד פון צוגעטראַכטע אידעאַלן, איז דער הויפּט־גורם פונעם נאַציאָנאַלן פּיין, פון גאָר דעם צווישן־פעלקערלעכן שלעכטס.

און דאָס צווישן־פעלקערלעכע שלעכטס ווידער, טרעפט — און קומט צוריק צום יחיד. ווייל דער יחיד, דער איינצלנער; איז דער וואָרצל פון אַלץ, פון יעדער געשעעניש, פון גאָר דער מענטשלעכער געשיכטע.

✶

דאָס מלוכהשע און דאָס צווישן־פעלקערלעכע שלעכטס, ווי דאָס פאַר־כאַפּן און באַהערשן פרעמדע לענדער און די מלחמות צווישן זיי, ווערט קודם אַרויסגערופן פון די מאַכט־גיריקע אַפּעטיטן פון די יחידים־פירער.

עס ווערט אָבער פאַר די אַנדערע געגערט און אונטערהאַלטן דורכן מאָטיוו פון פאַרשידענע אידעען און רעכטן. רעכטן, היסטאָרישע, רעליגיעזע און פון חזקה. — נאָר קיין מאָל נישט דורך די אמתע רעכט פון מאָראַל און נאַציאָנאַלער נויטווענדיקייט פון געגעבענעם פאָלק. די נויטווענדיקייט — פון פאַרהיטן דעם קיום און נאַציאָנאַלע רעכט פונעם פאָלק.

און הגם וואָס שייך היסטאָרישע רעכט, שוין נישט צו רעדן וועגן רעכט פון איינפלוס־ספערן — וואָס איז באַלד אַ געוואַלט־רעכט — וואָלטן זיך כמעט אויפן יעדן לאַנד און מלוכה געפונען גענוג פּרעטענדענטן פון אַ נאָך פריערדיקע היסטאָרישע רעכט, וועמענס פאָלק די שפּעטערדיקע פּרעטענדענטן, די פאַרכאַפּער, האָבן אויסגעהרגעט, אָדער פאַרטריבן, הערן זיי פון דעסטוועגן נישט אויף זיך צו פאַררופן אויף די דאָזיקע רעכט.

אָבער אַפילו די דאָזיקע אָפּט מאָל פאַרפירערישע רעכט, וואָס זיי ווענדן אָן צו זיך און צו אַנדערע, ווערט נישט אָנגעווענדט צום ייִדישן פאָלק. צום פאָלק, וואָס האָט טויזנטער יאָרן געלעבט אין זיין לאַנד (אויף וויפל ייִדן האָבן גאָר קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אין ארץ־ישראל) און ווו יעדער שטיין דערציילט ייִדישע געשיכטע.

אויך נישט קיין רעליגיעזע רעכט, הגם די ייִדישע רעליגיע איז אין

ארץ־ישראל געווען נאָך פּאַר די שפּעטער־אויפגעקומענע קריסטלעכע און מחמדאַנישע. ווי נישט די רעכט פון חזקה, הגם אויך אַזאַ רעכט האָט זיך ישראל דערוואָרבן סיי דורך איר פּריִערדיקער מלוכה־מאַכט און סיי שוין באַנייטער מדינהשאַפט.

אָבער ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, זענען אין דער אמתן אָט די אַלע רעכטן, די רעכט אויף צו באַזיצן און באַהערשן אַ לאַנד דורך טעמים פון היסטאָריע, רעליגיע און חזקה, אָפט נישט קיין גערעכטע און קענען ווערן אָפּגעפרעגט.

זיי זענען נישט קיין גערעכטע און אָפט אויך נישט פּראַקטיש, מחמת דער היסטאָרישער, רעליגיעזער און חזקה־מאָטיוו, קאָן אונדז צו ווייט פאַרפירן און נאָך מער פאַרפּלאָנטערן.

וואָרעם נישט די הײַנטיקע צפון־אַמעריקאַנער, דרום־אַמעריקאַנער, ווי נישט די רוסן אין צפון — אַפריקאַנער, אויך נישט געוויסע מערב־אייראָפּעיִשע פעלקער, זענען היסטאָריש די אָריגינעלע באַוווינער פון זייערע לענדער.

שבטים און פעלקער האָבן כסדר געוואַנדערט איבער אַלע ערדישע וועגן. זיי האָבן זיך אָפט געקרייצט, ביז איינער האָט פאַרכאַפּט ביים אַנדערן זיין לאַנד, וואָס איז אָריגינעל אויך נישט געווען זיינס, דעם פאַרכאַפּטנס.

און אויב שוין יאָ רעדן פון היסטאָרישע רעכט, פון אַ פּריִערדיקן באַוווינער־עלעמענט, זענען דווקא אין אַ טייל לענדער די ייִדן געווען פריִער ווי די איצטיקע באַוווינער.

ווי עס זענען אין געוויסע לענדער אויך אַנדערע שבטים און פעלקער געווען פריִער ווי די איצטיקע באַוווינער. דאָס זעלבע איז מיט די רעליגיעזע רעכט, אויף וועלכע אויך אַנדערע פעלקר און גרופּן קענען זיך פאַררופן. און חזקה איז דאָך אָפט אַוודאי נישט קיין זאַך פון יושר און מאָראַל, נאָר פון אַן „אוחז ביד" — פון באַזיץ און מאַכט.

און דאָס טאַקע, דאָס פאַררופן זיך אויף די דאָזיקע רעכטן, איז דער ברען־פּונקט — פון קאָנפליקטן, מלחמות און פאַרכאַפּונגען. מחמת אַחוץ דעם, וואָס יעדע מלוכה האַלט, אַז דאָס לאַנד וואָס זי באַזיצט איז היס־

טא͏ָריש אירס, געפינט זי נא͏ָך אויס (א͏ָדער זי וויל אַזוי אויסגעפינען) — אַז עפּעס אַ שטיקל טעריטא͏ָריע פונעם שכן הא͏ָט אַ מא͏ָל געהערט צו איר. צי אַז ביי אַ געוויסן פא͏ָלק געפינען זיך זיינע רעליגיעזע ברידער, וועמען מען דאַרף אויסלייזן, באַפרייען.

דא͏ָס זעלבע איז מיטן מא͏ָטיוו פון עטנישן א͏ָפּשטא͏ָם, מיט וועלכן גיריקע אימפּעריאַליסטן־פאַרכאַפּער קענען פון צייט צו צייט מאַניפּולירן. הא͏ָט דא͏ָך מיטן מא͏ָטיוו פון פאַן־סלאַוויזם נא͏ָך דא͏ָס צאַרישע רוסלאַנד גע־פּרוווט א͏ָפּערירן, ווי דייטשלאַנד הא͏ָט געפּרוווט א͏ָפּערירן מיטן פאַן־גערמאַניזם.

אַזוי הא͏ָט רוסלאַנד אין ניינצנטן יא͏ָרהונדערט געפּרוווט אַרונטער־נעמען אונטער אירע פליגל די סלאַווישע פעלקער, ווי עס הא͏ָבן זיי טאַקע סוף־כּל־סוף אַרונטערגענומען די זעלבע רוסן, שוין אונטערן קא͏ָמוניסטישן טלית.

מוזן דעריבער א͏ָט די אַלע רעכטן און מא͏ָטיוון אויף צו באַזיצן און באַהערשן אַ לאַנד, וואָס רופן און קענען אַרויסרופן מהומות און מלחמות, בפרט אין אַ צייט פון אַטא͏ָם און פּלאַנעטן־געציג, פאַרוואָרפן ווערן. דאַקעגן מוז א͏ָנגענומען און אָנגעווענדט ווערן אַן אַנדערער פּרינציפּ — אַ ריין מא͏ָראַלישער פּרינציפּ.

און דער דא͏ָזיקער פּרינציפּ איז: אַז די וועלט און די ערד וואָס אין איר, די ערד און די וועלט אין איר גאַנצן אַרומנעם, געהער נישט צו קיינעם באַזונדער. צו קיין באַזונדערן פא͏ָלק און מלוכה, נאָר זי געהער מיט אַלע רעסורסן צו אַלעמען, צו אַלע פעלקער און מענטשן צוגלייך.

דערפון דרינגט, אַז היות די וועלט געהער צו אַלע פעלקער און מענטשן צוגלייך, דאַרפן אַלע פעלקער לויט זייער צא͏ָל און באַדאַרף — אין איר הא͏ָבן אַ גלייכן חלק. און דער חלק דאַרף זיי צוגעטיילט א͏ָדער אָנערקענט ווערן, לויט זייער געא͏ָגראַפיש־היסטא͏ָרישער נייגונג.

און כדי צו פאַרמיידן קא͏ָנפליקטן און מלחמות, ווי אויך צו באַזא͏ָרגן מיט אַ לאַנד די וואָס הא͏ָבן דא͏ָס נישט, א͏ָדער די וואָס הא͏ָבן לויט דער גרויס פון זייער באַפעלקערונג צו ווייניק — מוז די וועלט און די ערד לויטן באַדאַרף פון יעדן פא͏ָלק, איבערפאַרטיילט ווערן.

דער מצב, ווו אַ פֿאָלק פֿון זעכציק מיליאָן מענטשן זאָל באַזיצן און באַהערשן אַ זעקסטל וועלט און שטייט נאָך מיט אויסגעשטרעקטע הענט פֿאַר ווייטערדיקע פֿאַרכאַפּונגען, אָדער אַ פֿאָלק פֿון צוואָנציק מיליאָן זאָל באַזיצן אַ שטח וואָס קען באַפֿעלקערן און באַשפּייזן הונדערטער מיל־יאָנען, מוז אָפּגעשאַפֿט ווערן.

דאַרפֿן די גרענעצן לויט דער נויט פֿון יעדן פֿאָלק און לויט דער זיכערקייט פֿאַר זיין קיום — איבערגעשטעלט און באַוואָרנט ווערן.

איבערגעשטעלט און ווערן באַוואָרנט דורך אַ פֿאַראייניקטער וועלט־רעגירונג, וועלכע באַשטייט פֿון פּרייוויליק פֿעדערירטע לענדער־מלוכות אין די ראַמען פֿון זייער רעגיאָנאַלער, צי קאָנטינענטאַלער רעגירונג, וואָס זאָרגט פֿאַר דער געמיינזאַמער אַנטוויקלונג פֿון אַלע פֿעדערירטע לענ־דער, ווי פֿאַר גאָר זייערע נויטן און באַדערפֿענישן.

אַזוי אויך, כדי קעגנזייטיק זיך אַרויסצוהעלפֿן און צו פֿאַרמיידן אַלערליי סכסוכים צווישן זיך, ווערן די נאָך פֿאַראַנענע שבטים און שטאַמען מלוכהש פֿאַראייניקט און פֿעדערירט אין זייער טעריטאָר־יאַלער שכנותשאַפֿט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די פֿעדערירטע רעפּובליקן, ווי די פֿאַראייניקטע וועלט־רעגירונג, שטערט נישט און מישט זיך נישט אין די רעליגיעזע און קולטורעלע ענינים פֿון די אין זיי אָנגעשלאָסענע מיטגלידער־מלוכות, ווי זי מישט זיך בכלל נישט אין זייערע אינערלעכע פֿאַרוואַל־טונגס־ענינים, אויב נאָר זיי זענען נישט אין סתירה צו די מאָראַלישע פּרינציפּן אויף וועלכע אַזאַ פֿעדערירטע וועלט־רעגירונג דאַרף זיין געבויט.

מענטש און מאַשין

איז פֿאַראַן אַ געפֿאַר, אַז די מאַשין, אָט דער מעטאַלענער גולם וועמען דער מענטשלעכער געניוס האָט פֿאַרטראַכט און אים דערפֿירט צו זיין מעכאַנישער פּרעציזקייט, זאָל זיך ווען עס איז אויסגלייכן, אָדער אַפֿילו איבעריאָגן, איבערשטייגן, דעם מענטש? ניין! אַזאַ געפֿאַר שטייט נישט פֿאַר.

יאָ, די אַלע געוווערן און טייוול־מאַשינען, וועלכע זענען באַשטימט צו פֿאַרניכטן און צעשטערן זענען אַ סכנה פֿאַרן מענטש, פֿאַרן מענטש־לעכן מין. ווי יעדע סתם מאַשין אָדער מעכאַניזם, פֿאַרמאָגט צוגלייך, ווי יעדער מענטש, איר פּאָזיטיוון און נעגאַטיוון כוח.

ווען מיר רעדן אָבער וועגן דער געפֿאַר פֿון דער מאַשין זיך אויס־צוגלייכן אין איר טעטיקייט מיטן מענטש, מיינען מיר נישט אָט די אַלע טייוול־מאַשינען, ווי מיר מיינען בכלל נישט אין צעשטערעריש־פֿאַרניכטנדיקן זין, נאָר דווקא אין פּאָזיטיוו־העלפֿנדיקן.

מיר מיינען די אַלערליי לעצטנס אויפֿגעקומענע קאָמפּליצירטע מעכאַ־ניזמען, וועמענס טעטיקייט איז נישט נאָר צו פֿאַרגרינגערן יעדע פֿי־זישע אַרבעט פֿונעם מענטש, נאָר אויך זיין יעדע גייסטיקע.

די אַלערליי רעכן־מאַשינען און קאָמפּיוטאָרס וועלכע קומען דעם מענטשן צו הילף דורך זייערע פֿאַרשידענע פֿונקציעס וואָס געהערן צום מענטשנס גייסטיקן געביט, זעען אויס ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרנומען צו קאָנקורירן מיט זיין גייסט.

פֿאַר אָט די אַלע אויפֿגעקומענע און אין דער צוקונפֿט אויפֿקו־

מענדע מאַשינען און מעכאַניזמען, ווי קאָמפּליצירט און דעליקאַט זייערע פונקציעס זאָלן נישט זיין, איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

מחמת קיין זאַך, קיין יצירה, וואָס איז געוואָרן געשאַפן פאַר אַ באַשטימטער פונקציע אָדער פונקציעס, קען זיך נישט אויסגלייכן, בפרט זיך אויפהייבן העכער ווי זיין מייסטער, זיין באַשאַפער.

און קיין מעכאַניזם, וואָס איז בלויז מעכאַנישע מאַטעריע וועט קיין מאָל נישט קענען קאָנקורירן מיטן מענטשלעכן גייסט, וואָס איז אַ העכערע לעבעדיקע מאַטעריע.

צווישן דער לעבעדיקער העכערער מאַטעריע — דעם מענטש פון גייסט, און די מעכאַנישע מאַטעריע, אויף וועלכער נאָר שטופּע זי זאָל זיך נישט געפונען — ליגט נאָך אַלץ אַ תהום, אַ גאַנצער, נישט אַריבערצושפּאַנען.

און כדי קלאָרער צו מאַכן דעם ענין, וועלן מיר מוזן באַהאַנדלען סיי דעם פיזיש־גייסטיקן כאַראַקטער פונעם מענטש, דעם באַשאַפער פון דער מאַשין, סיי דעם מאַטעריעל־מעכאַנישן כאַראַקטער פון דער מאַשין דאָס ווערק פון זיינע הענט.

*

פיזיאָלאָגיש איז אויך דער מענטש נישט מער, ווי אַ פּרעציזער מעכאַניזם. ער איז אָבער ביאָלאָגיש אַ לעבעדיקער זיין — אַ פּסיכאָ־עמאָציאָנעלע איינהייט, וועמענס אָרגאַניזם באַלעבט זיך און פאַרוואַלטעט זיך אַליין.

און ווען מיר זאָלן רעדן אויף דער שפּראַך פון דער מאַטעריע, איז דער מענטש נישט נאָר אַ לעבעדיקע מאַטעריע, וואָס באַזיצט ווי אַלע לעבעדיקע מאַטעריעס אַ פעיקייט זיך אַליין צו באַלעבן און פאַרוואַלטן, נאָר זיין לעבעדיקע מאַטעריע איז אויף וויפל אונדז איז ביז היינט באַקאַנט, די העכסטע פאָרעם פון אַ לעבעדיקע מאַטעריע.

מיט זיין גייסט און וויסן הייבט ער זיך, טראָגט זיין באַגרענעצדיקייט אַרויס פונעם גאַנצן באַשאַף. און מיט דער הילף פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע און דערפאַרונג קען ער באַווייזן וווּנדער.

נאָר דער עיקר איז, וואָס זיין, דעם מענטשנס ביאָלאָגישער מעכאַ־

ניזם, איז נישט נאָר אַ לעבעדיק־פּרעציזער, נאָר אַ טראַכטנדיק־דער־פינדערישער מיט פול פאַרצווייגטע און פאַרשידנאַרטיקע פונקציעס און טעטיקייטן.

און הגם זיינע טראַכטונגען זענען טיילווייז וואַקלדיקע און זענען זיך סותר איינע די אַנדערע, זענען זיי אָבער אין זייער אויספיר, ביי דער סאַמע פאַרווירקלעכונג, פעסטע און איינהייטלעכע.

און דאָס טאַקע, וואָס זיין געדאַנק איז טייל מאָל וואַקלנדיק און זיך סותר, איז דעם מענטשנס ברכה און קללה. וואָרעם דאָס וואַקלען זיך פונעם מענטשנס מחשבה, זיין ישוב הדעת און באַרעכנטקייט איידער ער פירט עפּעס אויס, איז טראָץ דעם פיין פון ספקות — זיין שטאַרקייט און העכערקייט איבער יעדן פּרעציזן אויטאָמאַטישן מעכאַניזם.

שוין דאָס אַליין, וואָס דער מענטש איז פאַרשידנאַרטיק און פול פונקציאָנירנדיק, וואָס ער קען אין איין צייט אויספירן פאַרשידנאַרטיקע אין פיל פונקציעס, ווי למשל, בעתן שרייבן: שרייבן און טראַכטן, גיין און לייענען, וואָס יעדע פון זיי הויפּט־פונקציע האָט אין זיך איינצייטיק נאָך פונקציעס, ווי ביים לייענען און שרייבן אויך די פונקציע פון זען און טראַכטן אַז״וו, ווייזט אויף דער גרענעץ צווישן דעם מענטש באַשאַפער און זיין באַשאַף די מאַשין, ווי פּרעציז זי זאָל נישט זיין.

נאָר דער גרונט־אונטערשיד צווישן מענטש און דער מאַשין איז טאַקע דעם מענטשנס שוואַכקייט, דאָס וואַקלען זיך, וואָס קען ביים אָננעמען אַ שעדלעכן באַשלוס אין דער לעצטער מינוט אים אויסמיידן. און אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען די קללה פון וואַקלען זיך אין אַ ברכה.

אין אַ ברכה: פון חרטה האָבן אויפן שלעכטס פון צעשטערן און שעדיקן. צו וואָס עס פירט דער ישוב־הדעת, די באַרעכטנקייט פונעם מענטשנס געדאַנק און וואָס די מאַשין, די פּרעציזסטע, קען עס נישט באַווייזן.

דער מענטש, ווייל ער איז אַ גייסטיק־טראַכטנדיק וועזן, וואָס קאָנטראָלירט זיך אַליין, קען חרטה האָבן אויף זיינע געדאַנקען און נישט אויספירן זיין בייזע מחשבה, די מאַשין אָבער, וואָס איז בלויז

אַ מעכאַנישער אויטאָמאַט און ווערט פון אַנדערע קאָנטראָלירט, קען נישט חרטה האָבן אויף איר געגעבענע אויפגאַבע.

✶

דער קאָמפיוטאָר, פון וואָס פאַר אַ דעליקאַטן מעכאַניזם ער זאָל נישט באַשטיין, קען נישט ווי דער מענטשלעכער מאַרך טראַכטן פאַר זיך. ער קען נישט אַליין אָננעמען קיין באַשלוסן. ווי אַן אויטאָמאַט מוז ער אויספירן די באַפעלן, וואָס ער קריגט.

זיין פונקציע איז און מוז זיין, אַן איינזייטיקע, אַן איינליניעדיקע. און ווען אַפילו ער פירט אויס אייניקע פונקציעס צוזאַמען, באַשטימט ער נישט אַליין זיינע פונקציעס און קען זיך פון זיי נישט צוריקציִען, איבער זיי חרטה האָבן.

ער קען אַליין אויך נישט ענדערן און אויף אַ געוויסן אופן מאָדי־פיצירן זיינע פונקציעס. און מיט זיין גאַנצער פרעציזקייט און וואונדער־לעכער פינקטלעכקייט, איז עס אַ גייסטלאָזע בלינדע פינקטלעכקייט, מיט וועלכער ער קען אַליין נישט מאַנעווורירן.

ווען דער מענטש, אַפילו דער נאַרישסטער, באַשטימט אַליין זיינע אויפגאַבן, און דעם אופן פון זייער אַדורכפירן — באַשטימט נישט אַליין דער קאָמפיוטאָר זיינע פונקציעס און נישט דעם אופן פון זייער אַדורכפירן.

דעם קאָמפיוטאָרס פונקציעס און דער אופן פון אַדורכפירן זיי, זענען אָפּהענגיק פונעם מעכאַניזם־קאָנסטרויִרער, פון זיינע כוונות, וואָס ער האָט לכתחילה אין זיי אַריינגעלייגט.

און ווען ביי אַ מענטש קאָן דאָס אויספירן פון זיינע פונקציעס און דער אופן פון זייער אַדורכפירן זיין אָפּגעטיילט, אָפּגעזונדערט; קאָן עס ביי דער מאַשין נישט זיין. מחמת די אויפגאַבע און דער ווי אַזוי פון דער פונקציע, איז ביי דער מאַשין איינס און דאָס זעלבע און פון איר אַליין נישט אָפּהענגיק.

נאָר דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס דער מענטש קאָן, נישט נאָר באַ־צייטנס חרטה האָבן, זיך אָפּזאָגן פון זיין אַרבעט, וואָס ער האָט באַשלאָסן

אַדורכצופירן, נאָר ער קען אויך אין סאַמע מיטן פון זיין דאַזיקער טע־טיקייט פון איר זיך אָפּזאָגן, איר נישט מער אַדורכפירן.

און נישט נאָר קען ער זיך אָפּזאָגן פון זיין איבעריקער טעטיקייט, נאָר ער קען אויך צוריקשטעלן די לאַגע ווי זי איז געווען, איידער ער האָט אָנגעהויבן זיין באַשטימטע טעטיקייט. אַזוי אין פּאָזיטיוון ווי אין נעגאַטיוון זין. למשל, צוריק אויפבויען די וואַנט, וואָס ער האָט צעריסן, אָדער פאַרקערט, צעשטערן אויך דאָס וואָס איז געווען נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן זיין באַשטימטע אַרבעט. און דאָס קען קיין מאַשין נישט באַווייזן, אַפילו די פּרעציזסטע.

✶

די מאַשין, די פּרעציזסטע, איז אַ טויטער מעכאַניזם, אַ נישט לעבעדיקע מאַטעריע; וואָס איז אין איר טעטיקייט אָפּהענגיק פון אַנדערע. דער מענטשלעכער ביאָלאָגישער מעכאַניזם דאַקעגן, איז אַ לע־בעדיקע מאַטעריע, וואָס איז אָפּהענגיק פון זיך אַליין, פונעם אייגענעם ווילן, און קען פאַרשידנאַרטיק פונקציאָנירן און מאַנעווורירן.

און קיין מאָל וועט דער טויטער מעכאַניזם נישט באַווייזן צו קאָנ־קורירן מיטן טראַכטנדיקן מענטש.

צווייטער טייל

ייִדישקייט און וועלטלעכקייט

פאַראַנען אידעען און באַגריפן וואָס ווערן גלייך ווי געבוירן אַנעמיש. און מעגן זיי זיך ווי שטאַרק האַלטן ביי געוויסע טיילן — זאָגט עס נאָך גאָרנישט וועגן זייער באַטייט — איז עס נאָך אַלץ נישט קיין באַווייז פאַר זייער ווערט.

און ווער ווייסט עס נאָך בעסער ווי מיר ייִדן, מיר דער נאָך השכלה און קאַטאַקליזם־דור, ווי אָפּגעלעבט און אויסגעליידיקט אַ טייל באַגריפן און אידעען זענען מיט דער צייט געוואָרן.

באַגריפן און אידעען וואָס האָבן אַ מאָל געקלינגען ווי די שענסטע מוזיק אין אונדזערע אויערן, וואָס האָבן געצונדן און גערייצט אונדזערע געפילן און פאַנטאַזיע, ליגן היינט ביי אונדזערע פיס ווי צעבראָכענע שערבלעך.

און נישט נאָר אויסגעליידיקט פון זייער תוך, ווערן מיט דער צייט אַ טייל אידעען, נאָר אַנדערע קומען גלייך אויף ווי אַ ליידיקער שאָל, ווי אַ גאָרנישט־זאָגנדיקער נאָמען.

✶

אַזאַ מין באַגריף איז פאַר אונדז ייִדן, קיום־ייִדן, געוואָרן דער באַגריף פון וועלטלעכקייט, פון וועלטלעכער ייִדישקייט, וועלכע איז ווי אַן אידע־יִשע פיקציע, אַ פיקטיווע איינרעדעניש.

און דאָס איז נישט דערפאַר ווייל מיר אַנערקענען בכלל נישט קיין שום וועלטלעכן, צי פרעמדן געדאַנק און אידעאַל. ניין, מיר נעמען אָן און זענען גורס יעדן געדאַנק און אידעע, וואָס איז דערהויבן און שיין, אויב נאָר ס׳איז נישט אין קעגנזאַץ צו אונדזער נאַציאָנאַלן זיין און גייסט.

אין גערױנגל פון צייט

ווי מיר אַנערקענען אויך אַלע אַנדערע מענטשן און פעלקער, מיט וועלכע מיר זענען אַפילו גרייט טראָץ אונדזער נאַציאָנאַלער באַזונדערקייט, זיך צו פאַרברידערן. פאַרברידערן, אָבער נישט זיך צונויפגיסן.

נאָר מאַכן פון דער ייִדישקייט, פון אונדזער באַזונדערן גאַנג און לעבן — וואָס דאַרף אויך דינען ווי דער פאַנצער פון אונדזער נאַציאָ־נאַלן קיום, — אַ וועלטלעכע ייִדישקייט, אַן אויסגעהוילטע ייִדישקייט פון וואָס מער זיך צופּאַסן און אויסגלייכן מיט די אַנדערע פעלקער, מיט זייער אופן פון לעבן און שטייגער, איז אַ סתירה אין זיך אַליין.

ייִדישקייט און וועלטלעכקייט אינעם ענגן זין — איז אַ „תרתי דסתרי״, מחמת ייִדישקייט איז אַ באַזונדערער אופן (עטישער) פון לעבן, אַן אייגע־נער פיר און אויפפיר, וואָס איז אייגנטימלעך נאָר דעם ייִדישן פאָלק און וואָס דינט אויך צו שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, דעם ייִד־באַוווסטזיין.

און דער ייִד־באַוווסטזיין קען נאָר געדייען אין באַהעפט מיטן אייגענעם עבר, מיטן ווייטסטן עבר, דורך אַן אַלץ אַרומנעמענדיקער איי־גענער ליטעראַטור און קולטור אין די אייגענע און פאַרייִדישטע לשונות.

אַ נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס באַשטייט פון אַלע ייִדישע גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן פון ישראל סבא (אַלטן ישראל) נאָך פון בראשית... פון אַלץ וואָס איז געוואָרן געשאַפן דורך ייִדן און פאַר ייִדן אין העברעיִש און ייִדיש, אַרייַנגערעכנט אויך די מיטלען און אינסטרומענטן פאַרן נאַ־ציאָנאַלן קיום.

ייִדישקייט, נאַציאָנאַלע ייִדישקייט, ציט צו זיך, צום נאַציאָנאַלן אייגנאַרטיקן, צום יסודותדיקן אייגענעם לעבן — און זי איז אַן אַלץ אַרומ־נעמענדיקע, אַן אַל־פאָלקישע, וואָס איז אויסער אָרט און צייט — בעת וועלטלעכקייט, וועלטלעכע ייִדישקייט, איז אַ לויזע אידעע, וואָס איז אויפגעקומען ווי אַקעגנזאָץ צו דער פאָרמעלער רעליגיעזער ייִדישקייט (באַגרינדעט פון ד״ר זשיטלאָווסקי).

און כאָטש זי איז אויך קעגן אַסימילאַציע און פאַר פאָלקס־קיום (וואָסערער און ווי אַזוי?), נעמט זי אָבער אויך אַריין אין זיך דעם אינ־טערנאַציאָנאַליזם, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט נישט בנימצא.

מחמת מען לעבט אײַן־און מיטן פֿאָלק, און נישט מיט עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַליזם, וועמענס עקסיסטענץ וואָלט אויך געווען אין סתירה צום אייגענעם נאַציאָנאַלן זײַן.

מען קען אין געוויסע פֿאַלן האַנדלען איבערנאַציאָנאַל, ווי מען קען זיך פֿאַרברידערן מיט מענטשן און פֿעלקער. מען קען אָבער נישט גורס זײַן אַן אידעע וואָס איז אין איר מהות אַ פֿאַקטאָר פֿון דענאַציאָנאַליזאַציע.

די וועלטלעכקייט, איז נישט ווי די ייִדישקייט — אַל־דורותדיק. און נישט פֿון בראשית פֿון דער אומה — און איז באַגרענעצט בלויז צו אַ טייל פֿונעם פֿאָלק. אַפֿילו בלויז צו אַ טייל פֿון אַשכּנזישן ייִדנטום, און הגם זי האָט איר צושטייער אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם שפּעטערדיקן ייִדיש (ייִדיש ווי אַ ריידשפּראַך) און ייִדישער ליטעראַטור, האָט זי אָבער נישט איר חלק אינעם אויפֿקום פֿון ייִדיש, וואָס איז אויפֿגעקומען און האָט זיך דווקא אַנטוויקלט ווי אַ נאַציאָנאַלער פֿאַקטאָר (קיום־פֿאַקטאָר) אינעם שויס פֿון דער נאַציאָנאַלער, צי נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אַשכּנזישער ייִדיש־קייט. און דער וועלטלעכער צושטייער פֿון דער ייִדישקייט איז אויך באַגרענעצט בלויז צו דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

*

די השכּלה, אַפֿילו די מזרח־אייראָפּעיִשע, (מחמת די מערב־אייראָ־פּעיִשע האָט זיך באַלד אַליין פֿאַרלייקנט), איז איבער זיך באַגאַנגען „כאַראַקירי״, דערמיט וואָס זי איז אויפֿגעשטאַנען קעגן צו גרויסן יאָך פֿון דער רעליגיעזער ייִדישקייט. קעגן דער פֿאַרצווייגטקייט פֿון רעליגיעזן פֿאָרמאַליזם און זײַנע פֿאַרעלטערטע פֿאָרמען. און געמיינט האָט זי לכתחילה בלויז לויזער צו מאַכן די פּענטעס פֿונעם ייִדישן לעבן.

זי האָט אָבער אין איר נאַיִווקייט נישט מבחין געווען צווישן אַ ריין רעליגיעזן ווערט און אַ נאַציאָנאַלן. און שטעלנדיק צו פֿיל אויף די פֿעל־קער, אויף זייערע פֿאַרלאַנגען און הבטחות, האָט זי נישט נאָר מזלזל געווען אין אַ טייל אייגענע ווערטן, נאָר האָט גאָר געזען די ייִדישע ישועה אין דער וועלטלעכקייט, אין זיך דערנענטערן וואָס מער צו דער וועלט. און אויפֿן מזבח פֿון דער דאָזיקער דערנענטערונג, האָט זי שוין נישט

איבערקלייבעריש אין די מיטלען, געפרוווט מקריב זיין נישט נאָר די אויסערלעכע, אַרכאַיִש־רעליגיעזע פאָרמען, נאָר שוין אויך די יסודות־דיקע נאַציאָנאַלע געדאַנקען און פאָרמען.

און אַזוי איבערטרייבנדיק לטובת דער וועלט און די פעלקער, האָט זי אַפילו געפרוווט שפּאַלטן די ייִדישקייט, די מענטשלעכקייט וואָס אין איר. פּונקט ווי ס׳וואָלט טאַקע געווען אַ קאָנפליקט צווישן דער ייִדישקייט און מענטשלעכקייט.

„זיי אַ ייִד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס״ (י. ל. גאָרדאָן), אַנשטאָט ייִד און מענטש אין שטוב און ייִד און מענטש אין גאַס — איז געוואָרן איר לאָזונג.

און אויב אַזוי האָט געטראַכט און געהאַנדלט די געלערנטע בירגער־לעכע השכלה — ווי אַזוי האָבן שוין געקענט האַנדלען די פּראָלעטאַרישע טיילן; די ייִדיש־באַוווסטזיניקע, ווי די לחלוטין אומבאַוווסטזיניקע, אין זייער נאַיִוון געיעג נאָך די אַלערליי וועלט־ישועות און גאולות?

האָבן די אַנדערע נאָך מער זיך און דאָס פאָלק פאַרלייקנט. און נישט נאָר פאַרלייקנט האָבן זיי, נאָר האָבן זיך געבוקט צו די נייע אידעען־עבודה־זרהס, ווי אַן אַמאָליקער געצנדינער צו זיין געץ.

און זיי האָבן אין זייער בלינדן דאָגמאַטיזם, אַפילו די אַנדערש גלויביקע, אייגענע ברידער, גערודפט. גערודפט פאַר זייער נאַציאָנאַלן גלויבן און נאַציאָנאַלער קולטור. און דאָס אַלץ אין געיעג נאָך עפּעס אַ וועלט־לעכקייט כומערע.

מען קען אַבסטראַקט דענקען, און וואָס ריינער און אַבסטראַקטער דאָס דענקען איז, אַלץ בעסער איז דער רעזולטאַט. מען קען אָבער נישט אויף אַן אַבסטראַקטן אופן, אויף אַ פון אייגענעם לעבן אָפּגעריסענעם שטייגער, פיראָווען נאַציאָנאַלן קיום.

איינהאַלטן און אויפהאַלטן אַ פאָלק, בפרט אַזאַ צעשפּרייט פאָלק ווי דאָס ייִדישע איז, קען מען נישט מיט פרעמדע אידעען און אַבסטראַק־ציעס. דאָס קען מען נאָר דורך אייגענע אידעען און דורך פּראַקטישע נאַ־ציאָנאַלע מעטאָדן און מיטלען. און אין דעם שטעקט דער ווערט פון דער נאַציאָנאַלער ייִדישקייט.

אַ ייִדישקייט — אמת נישט קיין באַזונדערע רעליגיעזע, אָבער אַ נאַציאָנאַלע, וואָס נעמט צוליבן קיום־האומה אין זיך אויך אַריין רע־ליגיעזע, ווי נאַציאָנאַל־רעליגיעזע קיום־עלעמענטן[1].

און מען קען נאָך אויך אין דער רעליגיעזער געדאַנקלעכער ייִדישקייט ווי אין דער סאָציאַלער (למשל, דער גערייניקטער גאָט־באַגריף פון רמב״ם, דעם רלב״גס נשמה־באַגריף, די עטישע סאָציאַלע געזעצן), געפינען געננג מאָדערנע אידעען און ווערטן, ווי ייִדישקייט־עלעמענטן, וואָס זאָלן דער־הייבן און קרעפטיקן נישט נאָר דעם ייִד און זיין קיום, נאָר אויך דעם מענטש, אַנשטאָט די סתירהדיקע און ליידיקע וועלטלעכקייט, וואָס בינדט נישט און פאַרבינדט נישט, בפרט אין דער היינטיקער צייט פון פאַר־לוירנקייט און סאָציאַל־אידעיִשן באַנקראָט.

אַ צייט, ווען דאָס ייִדישע פאָלק איז אויפסניי אַרומגערינגלט און צו סכנה אויסגעשטעלט דווקא דורך די וועלטלעך־„פּראָגרעסיווע”, סאָציאַלע „דערלייזער” און „באַפרייער”.

1. זע יעקב כהן — „לעבן און טראַכטן” ז׳ 43, ניו יאָרק 1957.

„די הייליקע קונסט"

איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי הייליקייט? לעולם, אַן און פאַר זיך, איז קיין הייליקייט נישטאָ. קיין זאַך און דערשיינונג איז פאַר זיך אַליין נישט הייליק.

פאַר דער נאַטור, זענען אַלע זאַכן און דערשיינונגען גלייך. זי אַנער־קענט נישט קיין יחוס און קיין באַזונדערע חשיבות און ווערט. און אויב מיר באַנוצן זיך פאָרט מיט אַזאַ באַגריף ווי הייליקייט, איז עס מער נישט ווי אַ פאָרעם פון אויסדרוק צו באַצייכענען די העכסטע חשיבות פון אַ זאַך.

דער באַגרענעצטער מענטש, אין זיין ווילן אַרויסצוהייבן אַ געוויסן אָביעקט, צוגעבן אים חשיבות און דערהויבנקייט, באַצייכנט ער אים מיט עפּעס אַ באַזונדערן אויסדרוק. און מיטן וואָרט הייליק, טיילט ער צו דעם פון אים אויסגעוויילטן אָביעקט, די העכסטע מאָס חשיבות און פאַרערונג.

*

דער אָפּשטאַם פונעם באַגריף קומט פון דער רעליגיע. פון דער רע־ליגיעזער וועלט־אַנשויונג און לעבנס־באַנעם, וואָס איז ווי ס׳ווייזט אויס די עלטסטע פאָרעם פון טראַכטן. הגם פון אַ נאַיוון טראַכטן, פון אַ נאַיוון אַריינבליק אין דער וועלט.

דער נאַיווער גלויבן אין התעוררות און השתפכות הנפש, מוז אין זיין עקסטאַטישן גלויבן האָבן אַ באַזונדערע באַצייכענונג פאַר דאָס העכסטע, וואָס זאָל זיין דער העכסטער אויסדרוק פון פאַרערונג. און מיטן באַצייכענען זיין אָביעקט מיט וואָרט הייליק, באַקרוינט ער אים מיט דער העכסטער מדרגה פון גרויסקייט.

די רעליגיעזע וועלט־אַנשויונג, וואָס דערקלערט אַלץ מיט דער הילף

פון אונדזער פאַרשטעלונגס־קראַפט און שטעלט אַלץ פאַר אין אַ מענטש־לעכן זין, לויט די פאַרלאַנגען און ווונטשן פון אונדזער האַרץ — דאַרף אויך האָבן אַזאַ שטייגער אויסדרוק. אויף צו באַצייכענען דאָס העכסטע, דאָס אויסערמענטשלעכע.

דעריבער איז די העכסטע הייליקייט גאָט. און אַלץ וואָס איז נאָענט צו אים, וואָס דינט אים לויט די אָנגענומענע באַגריפן פון רעליגיע זענען אויך הייליק, ווי אַלע שריפטן און אַנטפּלעקונגען, וואָס ווערן צוגעשריבן צו גאָט זענען הייליק.

גאָטס הויז אין ירושלים ווו די שכינה רוט איז הייליק. דאָס בית־המקדש, ווי דער פריִערדיקער משכן, ווו גאָט האָט גערוט איז געווען הייליק. אַלע שירים זענען הייליק, נאָר שיר השירים דורך זיין רעליגיעז־סימבאָלישן אויסטייטש, איז קודש קדשים, איז גאַנץ הייליק.

אַזוי, אַלץ וואָס איז נאָענט צו אים, צו דער העכסטער הייליקייט. און וואָס העכער אין דער מדרגה פון נאָענטקייט, אַלץ הייליקער.

און דער דאָזיקער רעליגיעזער באַגריף פון קדושה, פון באַצייכענען דעם פאַרערטן אָביעקט מיטן העכסטן אויסדרוק הייליק, איז געוואָרן איבער־גענומען, איז אַריין אין באַנוץ אויף פאַר וועלטלעכע אָביעקטן און קעגנ־שטאַנדן.

ער גייט איבער, דער דאָזיקער באַגריף פון דור צו דור, און ווי אַלע באַגריפן פון דער רעליגיע, בירגערט ער זיך שוין אויך איין מיטן אויטאָ־ריטעט פון טראַדיציע.

און דאָס איז אויך חל לגבי דער קונסט. אויך די וועלטלעכע קונסט ווערט דורך אַ טייל פון אירע פאַרערער פאַררעכנט פאַר הייליק, און ווי באַצייכנט — „די הייליקע קונסט”.

און ווי אַלץ וואָס איז פאַררעכנט פאַר הייליק איז אומבאַרירבאַר — אַזוי איז אויך פאַר זיי די „הייליקע קונסט” נישט אָנצורירן. הוילע קדושה אַז קיין שטויבעלע טאָר אויף איר נישט פאַלן. ווער רעדט שוין גאָר אַראָפּ־צונעמען פון איר די הייליקייט־קרוין.

נאָר איידער מיר רירן אָן איר מאַיעסטעט, די הייליקע קונסט, לאָמיר פריִער באַטראַכטן איר מהות. לאָמיר זען וואָס זי, די קונסט שטעלט מיט

זיך פא̈ר. בפרט ווען די שיינקייט, די עסטעטיק, הא̈ט א̈ גרויסן איינפלוס און איבט אויס איר ווירקונג אויפן לעבן פונעם יחיד און רבים, אין דער געזעלשא̈פט.

✶

קיין קלא̈רע, א̈לגעמיין א̈נערקענטע דעפיניציע וועגן קונסט, צו וויסן גענוי וואָס זי איז, ווי א̈זוי זי באַווירקט דעם צוקוקער און דעם לייענער הא̈בן מיר נישט. הגם די גריכישע פילא̈זא̈פן הא̈בן זיך שוין מיט איר באַ־שעפטיקט.

מיר ווייסן נא̈ר, א̈ז ווען מיר באַטראַכטן א̈ בילד, הערן מוזיק און לייענען א̈ בוך, ווערן מיר א̈פט באַגייסטערט און א̈נגעפילט מיט פרייד. באַזונדער דא̈ן, ווען דער קינסטלער טרעפט אונדז צו מיט זיינע געדאַנקען און געפילן.

די וויסנשאַפט איז נא̈ך ביז היינט נישט געקומען צו קיין הסכם וועגן די באַדינגונגען פונעם עסטעטישן געניס. מיר ווייסן נא̈ך נישט, וואָס און ווי א̈זוי עס באַווירקט אין אונדז דא̈ס געפיל פון שיינקייט.

איינס איז א̈בער קלא̈ר: א̈ז די שיינקייט הא̈ט צו טא̈ן מיטן איינדרוק פון די חושים. איז א̈ פסיכישער פרא̈צעס און זי באַרירט אויף איר אופן דעם סאַמע וועזן פונעם מענטש.

ביידע; דער קינסטלער ווי די קונסט־געניסער לעבן עפעס איבער מיט דער הילף פון עסטעטישן געשמאַק וואָס מיר קענען א̈נרופן ריינער עסטעטישער פאַרגעניגן. און די עסטעטיק איז די פילא̈זא̈פיע פון פילן.

א̈בער ווי יעדע זאַך וואָס הא̈ט צו טא̈ן מיטן מענטש, איז זי אויך, א̈ סא̈ציא̈לא̈גישער פאַקטא̈ר, וועמענס סא̈ציא̈לא̈גישע באַווירקונג הא̈בן א̈פילו א̈נערקענט פלאַטא̈ן און א̈ריסטא̈טל.

און דא̈ קומען מיר צו דער פאַרבינדונג צווישן עסטעטיק און עטיק. הא̈ט טאַקע הערבאַרט[1] צונויפגעבונדן די לערע פון מא̈רא̈ל און דער שיינ־קייט אונטער איין א̈לגעמיינעם נא̈מען — עסטעטיק.

---

1. הערבאַרט — 1776—1841.

און אויך וואָס שייך דעם פאַרגעניגן פון עסטעטישן גענוס, זען מיר די ענגע פאַרבינדונג פונעם ריינעם מענטשלעכן מיט דער קונסט.

אַזוי האָלט דיובא, אַז דער פאַרגעניגן נעמט זיך פון דעם, וואָס ער גיט דעם געדאַנק אַן אַנגענעמע איבונג. און ער ווערט לויט קאַנטן נישט באַגלייט דורך קיין פניות און חשבונות. און לויט שילערן איז די שיינ־קייט, דער מקור פון וויסן און מאָראַל און די קונסט שטאַמט פונעם שפּיל־אינסטינקט, וואָס יעדער מענטש און לעבעדיקע בריאה באַזיצט.

נאָר, ווי מיר זאָלן נישט אויסטייטשן דעם מהות פון קונסט און דעם פאַרגעניגן פון עסטעטישן געגוס, איז די קונסט — ווי אַלץ וואָס דער מענטש שאַפט און ברענגט פון זיך אַרויס — נישט מער ווי אַ געצייג וואָס איז באַשטימט צו דינען דעם מענטש, זיין פונקציע־אַקטיוויטעט און דאָס מענטשלעכע וואָס אין אים.

און זי האָט נישט פאַר זיך אַליין קיין קדושה, ווי קיין זאַך איז פאַר זיך אַליין נישט הייליק. איר קדושה איז בלויז אין דעם, אויף וויפל נאָר זי דינט ווי אַ מיטל צו אַ העכערן צוועק פון לייטערן און דערהייבן דעם מענטש.

און ווי דער קינסטלער זאָל נישט זיין פריי אין זיין שאַפן, ווי ער זאָל זיך נישט רעכענען מיט קיינעם, אויך נישט מיט דער קריטיק, מוז ער פאָרט איינזען, אַז קונסט און מאָראַל זענען צווישן זיך ענג געבונדן, ווי אַלץ וואָס דער מענטש רופט אַרויס, אויך דאָס שיינע, איז מיט אים געקניפּט און געבונדן.

אַנדערש, קען דער גרויסער קינסטלער פאַר אונדז מאָלן אָדער באַ־שרייבן אויף אַזאַ אופן די רויע פיזישע קראַפט, ווי די ווילדסטע תאווה נאָך מאַכט און מאָרד, אַז אויך זי — זאָל ביי אונדז אַרויסרופן אַ געפיל פון שיינקייט, ווי די לעבעדיקסטע פונקציע־באַפרידיקונג, נאָר וועלכער רעזולטאַט ס׳זאָל זיין אַן אַנטי־מענטשלעכע, אַ צעשטערערישע.

און נישט נאָר די קונסט איז פאַר זיך אַליין נישט הייליק, אומבאַריר־באַר; נאָר נאָך ווייניקער איר שאַפער — דער קינסטלער.

דער קינסטלער, וואָס וויל האָבן זיין עסטעטישן פאַרגעניגן און באַ־פרידיקן זיין פונקציע־אַקטיוויטעט, דאַרף אָבער וויסן, אַז דורך זיין שאַפן

נעמט ער אויף זיך אַ גרויסע אַחריות. אַז מיטן איבערגיין פון ווערק אין רשות הרבים, ווערט ער אַליין אַ סאָציאָלאָגישער פאַקטאָר. און געבנדיק דעם קונסט־געניסער די מעגלעכקייט איבערצולעבן אַ ריינעם פאַרגעניגן, דאַרף ער אים גלייכצייטיק אויפהייבן איבער די נידעריקסטע עגאָיסטישע אימפּולסן.

אַז דאָס שלעכטע און פאַרדאָרבענע טאָר נישט געפינען קיין אָרט אין די מענטשלעכע הערצער. ווער רעדט שוין צו רייצן דורך זיין קונסט די נידעריקסטע מענטשלעכע אינסטינקטן, און וואָס נאָך ערגער — גאָר צו רופן צו האַס און מאָרד.

אַזאַ קונסט איז נידעריק, אומווירדיק, און איר שעפער פאַרדינט נישט ביי אונדז, נישט נאָר דעם נאָמען קינסטלער, נאָר אויך נישט דעם נאָמען מענטש. און זיי ביידע; די קונסט און דער קינסטלער, דאַרפן פאַרמיאוסט און פאַרוואָרפן ווערן.

✶

די אַלטע גריכן האָבן אין זייער פּאָליטעיזם, אין זייער פּילגעטעריי, אויך אַריינגענומען דעם גאָט פון שיינקייט, פון קונסט. באַזונדער די פּלאַסטישע קונסט, איז פאַר זיי געווען דאָס העכסטע, וואָס זיי האָבן פאַרערט און פאַרגעטערט.

זיי האָבן אין זייער איבערטרייבונג מיט דער קונסט, זיך נישט אָפּגע־שטעלט פאַר קיין זאַך, אויך נישט פאַר רייצן די נידעריקסטע מענטש־לעכע תּאַוות און אינסטינקטן, ווי וואָס בולטער אַרויסצוברענגען די אינטימסטע מענטשלעכע טיילן.

און טאַקע, אויב זייערע געטער האָבן געלעבט און געזינדיקט ווי די מענטשן, פאַר וואָס זאָל דער גאָט פון קונסט זיין אַנדערש? איז די קונסט — די בלויזע אויסערלעכע שיינקייט, ביי זיי געווען דאָס הייליקסטע וואָס זיי האָבן פאַרערט.

און די בני ישראל, ווי די אָנהענגער פון יהוה, ווען ס'איז געווען דערווידער די פּילגעטעריי, ווי בכלל יעדער אָפּנויג פון ריינעם מאָנאָ־טעיזם און גייסטיקייט — האָבן געמוזט אָנקומען צום צווייטן עקסטרעם פון „לא תעשה לך פסל״ ((זיך נישט צו מאַכן קיין אָפּבילד), הגם אין

די הייליקע קונסט

דער אמתן האָבן פריער די בני ישראל, ווי שפעטער די יודעער נישט אין גאַנצן פאַרלייקנט די קונסט, ווי ס׳ווייזט די חשיבות וואָס דער חומש טיילט צו בצלאלן, וועמען גאָטס גייסט האָט אָנגעפילט מיט חכמה און יעדער קונסט־מייסטערשאַפט [1] דאָס זעלבע דער קינסטלערישער געבוי פון שלמהס מקדש, די מאָזאַיק און די באַפּוצונגען פון די אויסגעגראָבענע בתי כנסת; די ספרדישע ספר־תורה שיידן, ווי די אַשכנזישע מענטעלעך, יַדן און תורה־קרוינען, ווי בכלל גאָר די קינסטלעריש־רעליגיעזע חפצים ביי ייִדן.

זייענדיק אָבער קעגן סתם קונסט, קעגן סתם פאַרהייליקן אויסער־לעכע שיינקייט, האָבן זיי אויפגעהויבן די אידעע פון אינערלעכער שיינקייט. פון דער מאָראַל, פון גוטס־טאָן, פון דער שיינקייט וואָס באַוועכטיקט, לייטערט און דערהייבט דעם מענטש.

אויך די היינטיקע קונסט, בפרט די ייִדישע, דאַרף גיין אויפן וועג פון אויפהייבן דעם מענטש אין העכערע און ריינערע ספערעס. אַרויס־צוהייבן דעם טיפערן עצם פונעם מענטש, אויף אַ ווייל אים אָפרייסן פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט און אַוועקטראָגן אין שענערע, דערהויבענערע וועלטן, דערהייבן און אויסאיידלען דעם מענטשלעכן גייסט און גלייכצייטיק אים דערמאָנען אין די פליכטן צום לעבן, צום מענטש.

און פון דעם איז קלאָר, אַז מען דאַרף פון דער קונסט באַזייטיקן אַלדאָס מיאוסע, וווּלגאַרע און פלאַכע, בפרט דאָס שעדלעכע און צעשטע־רערישע.

---

1. מלא אתם חכמת לב לעשות כל מלאכת חרש וכו׳ (שמות לו, לה).

וואָס דאַרף זיין די היינטיקע יידישע ליטעראַטור?

לאָמיר זיך קודם קלאָר מאַכן וואָס מיר פאַרשטייען אונטערן באַגריף פון יידישער ליטעראַטור. מיט יידישע ליטעראַטור מיינען מיר אַלץ, וואָס איז אין תוך און אין דער שפּראַך יידיש און האָט אַ געוויסן ליטעראַרישן ווערט.

מיר מיינען די יידישע ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען. די בעלעטריסטישע ווי די עסייִסטישע, די וויסנשאַפטלעכע ווי די פילאָזאָפישע. דאָס גאַנצע קינסטלערישע און געדאַנקלעכע שרייבן.

און מיט דער באַצייכנונג — היינטיקע יידישע ליטעראַטור מיינען מיר נישט צו שאַפן אַ מחיצה צווישן איר און דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, ווי זי, די נייע יידישע ליטעראַטור וואָלט געווען עפּעס אַ נייע אַנטפּלעקונג אינעם יידישן לעבן, אַ נייער בראשית אינעם לעבן פון ישראל סבא (אַלטן ישראל).

ניין, דאָס נישט! וואָרעם וואָלטן מיר אַזוי געמיינט, וואָלט געווען, „יצא שכרו בהפסדו". וואָלט איר פאַרדינסט פאַרן יידישן פאָלק פאַרלוירן געגאַנגען אינעם שאָדן, וואָס זי וואָלט אים, דעם פאָלק געבראַכט.

מחמת אַ פאָלק, בפרט אַזאַ צעשפּרייט פאָלק ווי מיר זענען, רייסט זיך נישט פלוצים אָפּ פון זיין שורש. באַשאַפט נישט איבער נאַכט קיין נייע אָנהייבן. דער כוח החיוני פון אַ פאָלק, באַזונדער פון אַזאַ פאָלק ווי מיר, איז אינעם טרינקען פון די אַלטע קוואַלן, אינעם זייגן פון די אַלטע יצירה־זאַפטן. אין זיין עבר, געפינט ער נישט נאָר טרייסט און

האָפענונג, נאָר פון אים שיילט ער אַרויס גאָר די ווערטן פאַר זיין קיום, פאַר זיין ווייטערדיקן גאַנג אינעם לעבן.

און די נייע יידישע ליטעראַטור, אויב נאָר זי וויל בלייבן אַ „דבר של קימא״ (אַ קיום־זאַך), אויב נאָר זי וויל פאַרזעצן איר עקסיסטענץ צוזאַמען מיטן פאָלק, מוז זי, ווי דאָס פאָלק אַליין, שעפן אירע כוחות פון די אַלטע יידישע ווערטן. אַנדערש קען גאָר נישט זיין. ווייל אָן דעם פאָלק איז נישטאָ קיין ליטעראַטור.

און ס׳איז בכן קלאָר, אַז מיר הייבן נישט אָן מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווי בכלל מיט דער יידישער ליטעראַטור, גאָר אונדזער ליטעראַרישן אָנהייב. מחמת אונדזער חשבון, אַ חשבון אַ ליט. ציט זיך העט ווייט פון סאַמע בראשית פון דער אומה. און מיר שליסן אינעם דאָזיקן חשבון איין, אַלע, אַלע, יצירה־פאָרמען פון גאָר זיין בראשית.

און טאַקע, אויב די נאַיווע, ווילד־פרימיטיווע מעשהלעך פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, צי די נאַיווע פרימיטיווע מעשהלעך פון אַ פּי־נישן, אָדער פון אַן אַנדערן פון אַזאַ שטייגער עפּאָס, קען געלערנט ווערן אין די שולן, בפרט אַריינגענומען ווערן אינעם אַלגעמיינעם ליטעראַרישן אוצר, מעגן די אידעיִש אָנגעלאָדענע און מער ריינערע ספורי התנ״ך אַוודאי און אַוודאי אַריינגענומען ווערן אין אונדזער ליטעראַרישן אוצר.

דורך דעם ווערט די ליניע פון אונדזער ליטעראַרישער יצירה אויס־געצויגן. ווערט די צייט פון אונדזער ליטעראַרישן שאַפן (אין העברעיִש צי אין אַרמיש) פאַרגרעסערט. און אונדזער ליטעראַרישער אוצר באַ־רייכערט.

און אינעם דאָזיקן חשבון היצירה, אין דער דאָזיקער אַל־נאַציאָנאַלער ליטעראַרישער שעפערישקייט, גייט אויך אַריין דער חשבון פון דער יידיש־יידישער ליטעראַטור.

און דאָס נישט בלויז פונעם לעצטן צוויי־הונדערט־יאָריקן צייט־אָפּ־שניט — מער ווייניקער דער צייט־אָפּשניט פון דער נייער יידישער ליטעראַטור — נאָר דער חשבון פון גאָר דעם אָנהייב פון דער יידיש־יידישער ליטעראַטור, פון דער גאַנצער יאָרהונדערטער תקופה פונעם נוסח אַשכנז.

ס'איז כדאי צו מאַכן אָט דעם חשבון, נישט נאָר כדי קלאָרער צו מאַכן דעם גאַנצן חשבון אַ ליטעראַטור ביי יידן, נאָר כדי אויך צו באַווייזן דאָס חשיבות פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור בכלל.

אַ חשיבות וואָס נעמט זיך נישט נאָר פונעם בראשית פון דער אייגענער ליטעראַטור — אַ ליטעראַטור, אויפגעקומען און דערצויגן „על ברכי נוסח אַשכנז" (אויף די קני פון נוסח אַשכנז), נאָר נאָך מער, וועלכער שטאַמט פונעם בראשית פון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור און ציט איר יניקה (מיט קליינע אויסנאַמען) פון גאָר אירע עטיש־אידעיִשע ווערטן.

און אין דער אמתן, וואָס מען זאָל אויף דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור נישט זאָגן, מוז מען פאָרט צוגעבן, אַז זי איז ווי די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור מער ווייניקער אויפגעקומען „בקדושה וטהרה" (אין הייליקייט און ריינקייט).

הגם דאָס מיינט נישט, אַז דאָ אָדער דאָרט קענען נישט זיין קיין אויסנאַמען, אַז אין דער פול־פאַרצווייגטער ייִדישער ליטעראַטור זאָלן זיך נישט געפינען קיין ווערק, וועלכע האָבן געבראָכן מיט אָט דעם סטאַנ־דאַרט.

✶

אַצינד, נאָכן קלאָר מאַכן זיך דעם יחוס אָבות און דעם בשותפות־דיקן יסוד פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, קענען מיר שוין איבער־גיין צו דער פראַגע וואָס עס פעלט און דאַרף זיין די היינטצייטיקע ייִדישע ליטעראַטור.

די היינטיקע ייִדישע ליטעראַטור אין אַלע אירע צעשפרייטקייטן, זעצט פאָר אין איר רוב די נאַציאָנאַל־אידעיִשע קולטור־טראַדיציע פונעם עבר. זי איז עטיש און פאָלקיש אין איר תוך, כאָטש זוכנדיק און עקספּע־רימענטירנדיק (באַזונדער אין דער פּאָעזיע) און איר פאָרעם.

נאָך מער, זינט דעם ראַשיקן פונאַנדערבלי און פונאַנדערוווקס פון דער ייִדישער ליטעראַטור צווישןביידע וועלט־מלחמות, האָט די נאָך מלחמהדיקע און נאָך קאַטאַסטראָפעדיקע ייִדישע ליטעראַטור פולשטענדיק

אויסגעהאַלטן איר עקזאַמען. זי האָט נישט פאַראַטן איר נאַציאָנאַל'ע שליחות.

איך ווייס נישט צי נאָך אַ ליטעראַטור ביי וועלכן ס'איז פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גורל־געמיינשאַפט, אַזאַ געטריישאַפט דעם ליידנדיקן פאָלק, ווי די נאָך חורבנדיקע יידישע ליטעראַטור האָט באַוויזן.

אָפט דאַכט זיך, ווי די היינטיקע יידישע ליטעראַטור וואָלט איבער־געכאַפּט די מאָס. אַז זי פאַרוועגדט שוין צו פיל שעפערישע ענערגיע אויפן לעצטן חורבן־פעריאָד. און „עוד ידה מגעת”, איר האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט.

נישטאָ כמעט קיין איין יידישער שרייבער, וועלכער זאָל נישט אויף אַזאַ צי אויף אַן אַנדער אופן, מיט אַ קלענערער צי מיט אַ גרעסערער קראַפט, זיך האָבן אָפּגעגעבן מיטן לעצטן יידישן חורבן.

דאָס אַלץ ווערט אָבער געמאַכט אויף אייגענער האַנט, אויף אייגענער אחריות. עס פעלט אין דעם אַ נאַציאָנאַלע פּלאַנירונג און פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. ס'פעלט דער יידישער ליטעראַטור אַ פירערשאַפט. אַ פי־רערשאַפט, וואָס זאָל זאָרגן פאַר דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ גאַנצע, פאַר איר פאַרטיפונג, וווקס און אַנטוויקלונג.

דאָס יידיש־לאַנד האָט נישט קיין אייגענע מלוכה־פאַרוואַלטונג, וואָס זאָל אָביעקטיוו פאַרוואַלטן מיט גאַר איר נאַציאָנאַל־גייסטיקער באַלעבאַטישקייט. באַזונדער מיט איר וויכטיקסטן אָפּטייל — דער יידישער ליטעראַטור.

די פען־קלובן זענען רוטינע צונויפקומענישן, ווו די שרייבער־פאַר־איינען זענען בלויזע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. און די שרייבער אַליין, יעדער איינער פאַר זיך, מוז אויך אין זיין שרייבערישער עסקנות זוכן דעם אייגענעם אָנשפּאַר.

באַזונדער פעלט דער יידישער ליטעראַטור אַ ליטעראַרישע אַקאַ־דעמיע, אָדער כאָטש צום ווינציקסטן, אַ קוואַליפיצירטער שרייבער־ראַט, וועלכער זאָל מיט זיין ערלעך אָפּשאַצנדיק וואָרט קומען צו הילף דעם יוגנטלעכן ווי דעם עלטערן יידישן שרייבער, נאָך איידער ער גיט אַרויס זיין ווערק.

ווייל אויך דער עלטערער שרייבער, דער שרייבער מיט סטאַזש, האָט זיין זעלבסט־סוגעסטיע. און זיין איבערטריבענע איינגעלויבטקייט אין זיך קען אים אָפּט פאַרפירן. דער באַדינג פון שרייבערישער יצירה איז דאָס פריַי זיין אינעם שאַפן, נאָר דאָס באַראַטן דעם שרייבער, העלפט אים אָפּשוואַכן די אייגענע איבערטריבנקייט.

די אַקאַדעמיע וואָלט אויך געדאַרפט פאַרהיטן קעגן שפּראַך־ און אַנדערע ווילדקייטן. זיין דעם שרייבער צו אַ הילף און בכלל וואַכן איבער גאָר דער יידישער שעפערישקייט. זי וואָלט אויך געקענט געפינען די מיטלען פאַר אַן אמתן יידיש־געזעלשאַפטלעכן פאַרלאַג.

עס פעלט אויך דער הייַנטיקער יידישער ליטעראַטור די פאַרטיפטע עסיי, דער פאַנטאַסטישער ראָמאַן, די וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישע פאָר־שונג, און באַזונדער די היסטאָרישע באַלייכטונג פון אַ ריי טונקעלע תקופות אין דער יידישער געשיכטע.

און ווען מיר פרעגן וואָס דאַרף זי זיין? ענטפערן מיר: זי דאַרף קודם זיין אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע ליטעראַטור. אַ ליטעראַטור, וואָס גייט איר אייגענעם קינסטלערישן און קיומדיקן וועג. אַ וועג, וועלכער איז טראָגן זיינע זוכערישע פאָרמען, פאַרגייסטיקט און באַלערנדיק אין תוך.

וואָרעם אַ ליטעראַטור וואָס דינט דעם פאָלק, וועמענס שליחות איז אונטערצוהאַלטן דעם פאָלקס קיום, דאַרף אויך אין איר פאַרווילנדיקן טייל זיין נאָענט צו זיין גייסט. און דער יידישער נאַציאָנאַלער גייסט באַשטייט פון דריי גרונט־שטריכן: 1) גייסטיקייט, דאָס פאַריידעלערן, פאַרגייסטיקן יעדע לעבנס־דערשיינונג, 2) באַלערנדיקייט, אַז יעדע גע־שריבענע זאַך דאַרף מיט עפּעס באַלערנען, און דריי, אַרויסהייבן גאָר די עטיש־עסטעטישע שיינקייט פונעם לעבן.

מחמת אַזאַ פאָלק ווי דאָס יידישע, קען זיך נישט פאַרגינען צו זיין פלאַך, ווי ס׳קען זיך אויך נישט דערלויבן צו גיין אויף די וועגן פון איבערטריבענעם עראָטישן און אַוואַנטוריסטישן שונד, בפרט אין אַ צייט פון אַלגעמיינער פאַרלוירנקייט און בלאָנדזשעניש.

פּרץ האָט זיין שרייבן פאַרוועלטלעכט. ער האָט אין דער יידישער

ליטעראַטור אַריינגעבראַכט אייראָפּעיִשע פֿאָרמען. ער האָט אָבער זיין שרייבן פֿאַרטיפֿט, דעם אויסדרוק קאָנדענסירט און זיין וואָרט מצמצם געווען. ער האָט אונדז באַפֿרייט פֿון די צוויטן פֿון איבערחזערונגען, איבער־טריבענעם סענטימענטאַליזם און מליצה.

דער עיקר אָבער: וואָס ער האָט דורך דעם נישט מזלזל געווען אינעם יידישן גייסט. פֿאַרקערט, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טיפֿענישן פֿונעם יידישן געדאַנק און פֿאַרשטעלונג און האָט פֿון דאָרט אַרויסגעפּערלט גאָר זיינע עטיש־עסטעטישע שיינקייטן.

און דאָס דאַרף זיין דער וועג פֿון דער הייַנטיקער יידיש־יידישער ליטעראַטור.

אָפּטימיזם און פּעסימיזם

זינט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אויפגעקומען האָט זיך אַנטוויקלט און דיפערענצירט, באַזונדער, זינט ס׳האָט זיך ביים מענטש געשטאַרקט דער חוש פאַר אַנאַליזירן און שאַצן גייסטיקע ווערטן און דערשיינונגען, איז צווישן אַנדערע אויך אויפגעקומען די פראַגע פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם.

די פראַגע: צי מען דאַרף אויפנעמען די וועלט מיט אַלע אירע דער־שיינונגען אָפּטימיסטיש, מיט אַ פריידיקן לעבנסבליק אויף וועלט און לעבן. צי גלייבן, אַז אַלץ, דער גאַנצער באַשאַף און דאָס לעבן וואָס אין אים, איז גוט, האָט אַ זין און אַ צוועק, צו פאַרקערט, אַז אָט דאָס אַלץ, בפרט דאָס מענטשלעכע לעבן, איז שלעכט, האָט נישט קיין זין און קיין צוועק און ס׳איז גאָרנישט כדאי, וואָס דער מענטש לעבט אויף דער וועלט?

איז וואָס נוגע דער אויבנדערמאָנטער פראַגע, באַזונדער אין איר שייכות צום מענטש, האָבן שוין וועגן דעם אונדזערע קדמונים לאַנג געפּסקנט.

אין דער פּיליאַריקער דיסקוסיע צווישן די בית שמאי און בית הלל וועגן ווערט פונעם מענטשלעכן לעבן, איז „נמנו וגמרו״: אַז „נוח לו להאדם שלא נברא משנברא״. אַז בעסער וואָלט פאַרן מענטש געווען נישט געבוירן צו ווערן ווי צו ווערן געבוירן.

און ווי מיר אַליין קענען דאָס לעבן, איז עס אויך ריכטיק. וואָרעם קיין גוט לעבן איז גאָרנישט בנימצא. „אויך דער קעניג וויינט אויף זיין טראָן״ — זאָגט ערגעץ אַ דיכטער.

און נישט נאָר ווערט ווי אַ שטראָף פאַרן געבוירן ווערן — יעדעס לעבן גלייך פאַרמשפּט צום טויט, נאָר אויך יעדע רגע פון לעבן איז אָפּט פול מיטליידן און פּיין, פיזישן ווי גייסטיקן.

און אויב מיר לעבן פאָרט, מיר גייען ווייטער אָן מיט אונדזער עק־סיסטענץ, איז עס קודם כל אַ דאַנק דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דער־האַלט. דעם כישוף־כוח פונעם לעבן.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז עס אויך דער כוח פון שפּיל און פאַרווייל אין אַלע זיינע פאַרשידנסטע פאָרמען, וואָס געפינט זיך אין אַלץ — אין אַלע אונדזערע אַקטיוויטעטן און מעשים און וואָס גיט אונדז נישט קיין צייט צו פיל צו טראַכטן וועגן זיך. דאָס מאַכט אונדז פאַרגעסן אין אַלע אונדזערע לעבנס־ביטערנישן.

מיר וועלן זיך אָבער מיט גאָר דעם פּראָבלעם, מיטן פּראָבלעם פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם ווי אַ גאַנץ — מער נישט פאַרנעמען. מיר וועלן זיך נאָר באַנוצן מיט די דערמאָנטע אויספירן פאַר דער פראַגע פון אונ־דזער אייגענעם נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, דער עיקר אויפן געביט פון ייִדישער זיכערקייט.

✶

מיר ייִדן זענען אַן אָפּטימיסטיש פאָלק. דער ו„בחרת בחיים" — קלייב אויס דאָס לעבן (חומש), ווי אַפילו דער שפּעטערדיקער שוין נישט אַזוי אָפּטימיסטישער ו„בדמיך חיי" (מיט דיין בלוט זאָלסטו לעבן — הגדה), אָבער מיטן טראָפּ אויפן חיי! (זאָלסט לעבן!), איז אַריין אין בלוט און פלייש פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּסיכיק.

און ס'איז געבליבן ווי אַן אַלגעמיינער געבאָט, ווי אַ געבאָט און שטיצפּונקט פאַרן נאַציאָנאַלן קיום אויך לאָגיש און ריכטיק פאַרן פאָלק־דערהאַלט.

נאָר אָנווענדן אין דער פּראַקטיק אַזאַ הויך־גראַדיקן אָפּטימיזם צו די באַזונדערע דערשיינונגען פונעם ייִדישן לעבן. צו פאַרכליניען זיך מיט פרייד און זען זון און ליכט אויך דאָרט ווו פינצטערע וואָלקנס הענגען איבערן ייִדישן קאָפּ — דאָס איז שוין נישט קיין הילף פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, נאָר פאַרן נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג.

אַן אָפּטימיזם, וואָס איז טעאָרעטיש געצילט צו שטאַרקן גייסטיק און פּסיכיש דעם ייִד און דאָס פאָלק, דאָס פאָלק ווי אַ גאַנץ, אַ נאַציאָנאַלער אָנזאָג וואָס איז קודם געווענדט כלפּי פנים (צו זיך), צו שטאַרקן די

אייגענע אינערלעכע כוחות — טאָר נישט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּ־טימיזם אין שייכות צו די אויסערלעכע באַדראָענדיקע כוחות פונעם ייִדישן לעבן אין גערצַנגל מיט די פרעמדע כוחות וואָס באַדראָען אונדז. ווי ער טאָר בכלל נישט ווערן קיין ביליקער אָפּטימיזם.

און פונקט ווי דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלט, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין, קען נישט אָפּהאַלטן דעם יחיד פון אונטערגאַנג, אויב נאָר ער וועט זיך פאַרלאָזן בלויז אויף אים אַליין, אַזוי קען אויך נישט דער אינסטינקט פון נאַציאָנאַלן־זיין — מיט זיין גאַנצן מעכאַניזם פון בטחון־אָפּטימיזם, אָפּהאַלטן דעם ייִדישן יחיד פון אונטערגאַנג, אויב נאָר ער וועט זיך פאַרלאָזן בלויז אויף אים אַליין, דעם בטחון־אָפּטימיזם.

דער איבערטריבענער אָפּטימיזם, ווי דער איבערטריבענער בטחון, איז סם פאַרן פאָלק. ער פאַרוויגט און שלעפערט איין דאָס פאָלק — בפרט אין אַ סכנה — מיט זיסע חלומות און אומרעאַלע דערוואַרטונגען.

און וואָס נאָך ערגער, ער לאָזט אים באַלד נישט פאַרויסזען די סכנה, כדי מיט פולער אויפמערקזאַמקייט און קאָנצענטראַציע — צו איר זיך גרייטן.

אין דער צייט פון די נביאים, האָט אַ טייל פונעם פאָלק (די רייכע), ווי די הערשער פון יהודה און ישראל, זיי איינגעטיילט אין גוטע און שלעכטע נביאים. און די שלעכטע לויט זיי — נביאים האָבן זיי גערודפט עד חרמה.

און אויב אַ טייל פון זיי זענען פאַרט געבליבן לעבן, האָט מען דערפאַר זכריהן, וואָס איז אויך געווען אַ כהן און וועמען דער מקונן פון „איכה" דערמאָנט אין זיין ספר — דערמאָרדעט אין סאַמע בית המקדש (אויך וועגן ישעיהן איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז מען האָט אים דערמאָר־דעט). דאָס זעלבע איז ירמיה געוואָרן ביטער פאַרפאָלגט און האָט זיך קוים אויסגעדרייט פון טויט.

אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס שלעכטס פון די שלעכטע נביאים? זענען זיי געווען פאַרברעכער, אָדער פאַררעטער פון זייער פאָלק? ניין, ביידע זאַכן נישט.

פאַרקערט, אַ טייל פון זיי, פון וועמען מיר האָבן שריפטלעכע באַווייזן,

ווי למשל: ישעיה, עמוס, מיכה, ירמיה און זכריה, זענען גאָר מיט זייער פלאַמיקן וואָרט אַרויסגעטראָטן קעגן די אונטערדריקער און באַרויבער פון די אָרעמע, און זענען געווען די בעסטע היטער פון די פאָלקס־אינטע־רעסן. זיי האָבן אין גרונט אויך נישט אָפּגעבייגט פון דער תורה און נישט פונעם קולט.

איז אין וואָס איז פאָרט, לויט די פאַרפאָלגער באַשטאַנען דער חילוק צווישן די גוטע און שלעכטע נביאים? ער איז באַשטאַנען אין דער עטי־שער, ווי אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער אויפפאַסונג פון דער דעמאָלטי־קער לאַגע פונעם פאָלק און מלוכה. אינעם צוגאַנג — וואָלט איך גע־זאָגט — צווישן אָפּטימיזם און פּעסימיזם.

וואָרעם בעת די „גוטע" נביאים האָבן אין אַלץ נאָר געזען גוטס און האָבן אויך כדי צו געפעלן ווערן די הערשער און דעם פאָלק, פאַרלייקנט די אמתע לאַגע, דאָס קעגנווערטיקע און אָנקומענדיקע שלעכטס — האָבן דאַקעגן די „שלעכטע" נביאים געשילדערט די אמתע ווירקלעכקייט און געוואָרנט קעגן קעגנווערטיקן און אָנקומענדיקן שלעכטס.

דאָס מיינט: אַז בעת די „גוטע" נביאים האָבן געזען די לאַגע אָפּ־טימיסטיש — אומקריטיש האָבן געהאַט פאַרן פאָלק נאָר גוטע, לאַשטשענ־דיקע רייד — האָבן דאַקעגן די „שלעכטע" נביאים מיט זייער פּעסימיסטיש־קריטישן צוגאַנג, אמתער געזען און אויפגענומען די לאַגע. זיי האָבן ממש געריסן פאַסן פונעם פאָלק, בפרט פון די מאַכטהאָבער, וואָרנענדיק זיי קעגן אָנקומענדיקן שלעכטס, וואָס האָט טאַקע נישט פאַרזוימט צו קומען.

אויך היינט האָבן מיר אַזאַ ענלעכע לאַגע. דער רוב פון אונדזערע פירער (אויב מען קען זיי אַזוי רופן), ווי אַ טייל פונעם פאָלק, זענען נישט קוקנדיק אויף דער דערפאַרונג פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, ווי אויך דער ביטערער אַקטועלער לאַגע, סיי אַרום דעם אַרומגערינגלטן ישראל און סיי אַרום די גלותן — אָפּטימיסטיש געשטימט.

זיי, די פירער, זעען אומעטום אַך ורק זון און ליכט. און פון יעדן פינטעלע ליכט, וואָס באַווייזט זיך אַ מאָל אויף אונדזער פאַרחושכטן הימל, ווערט ביי זיי אַ גאַנצע זון.

און גלייך הייבן זיי אָן מיט פאַרפירעריש־באַרויקנדיקע דערקלערונגען

אין גערא̇נגל פון צייט

וואָס האָבן נישט קיין ממשות, לאמור: „קיין פיזישע סכנה דראָט נישט מער דעם פאָלק. וואָס ס׳קאָן יאָ דראָען, איז בלויז אָן אינערלעך־גייס־טיקע״ וכדומה אַזעלכע דערקלערונגען.

און דאָס אין אַ צייט ווען מפנים, אין דער מדינה, בושעווען אַראַבישע טעראָריסטן און מחוץ, רינגלען איר אַרום כמעט אַלע אַראַבישע אַרמייען מיט דער אָפענער כוונה איר אין גאַנצן צו פאַרניכטן.

און אין די גלותן; ווי אין רוסלאַנד, פוילן, א. אַ. ווערן ייִדן פאַרלייקנט אין זייערע נאַציאָנאַלע רעכט און גערודפט אין זייער ייִדישקייט. און אינעם לאַנד פון די שטאַטן „ווו ס׳איז נישט קיין גלות און ווו דאָס וואָס איז געשען אין דייטשלאַנד קען דאָ נישט געשען״, ווערן ייִדן געמאָרדעט (אָנפאַלן בלע״ז), זייערע שולן אונטערגעצונדן, מצבות, געשענדעט, ס׳ווערט אָפן און פריי קעגן זיי געהעצט און מען פרוווט אויך זיי אַרויסשטויסן פון זייערע פאָזיציעס. און דאָס אַלץ איז לויט די חכמים־אָפטימיסטן נישט קיין פיזישע באַדראָונג...

נאָר דאָס ערגסטע איז, וואָס אַזעלכע דערקלערונגען, אַזאַ ביליקער אָפטימיזם, שטימט נישט, נישט נאָר מיט דער ווירקלעכקייט, נאָר איז נישט מסוגל צו וועקן און טרייבן צו מעשים. צו מעשים גבורהדיקע אַרויס־צושטויסן פון זיך ווען נייטיק, די פונקען פון גבורה.

✶

דאָס לעבן פאַרדינט נישט מ׳זאָל איבער דעם זיין אָפטימיסטיש און אַוודאי און אַוודאי פאַרדינט דאָס נישט דאָס ייִדישע לעבן.

מוזן מיר בכן אויסקלייבן דעם פעסימיזם. אָבער נישט אַ פעסימיזם וואָס ליימט די גלידער, וואָס האַמעוועט דעם יחידס און פאָלקס־ענערגיע, אַ פעסימיזם פון אַ קלאָג־מוטער, פון אַ „שב ואל תעשה״, נאָר אַ קאָנ־סטרוקטיוון פעסימיזם.

אַ שעפערישן פעסימיזם, וואָס באַגרייפנדיק קלאָר די לאַגע, באַנעמט ער איר אָן אילוזיעס און איינגערעדטע דערוואַרטונגען.

ער מאַכט דעריבער קודם כל אַלע אָנשטרענגונגען פאַרויסצוזען דאָס שלעכטס און דורך באַצייטנס צו דעם זיך צוגרייטן, נעמט ער אָן אַלע מיטלען דאָס שלעכטס צו באַקעמפן.

מאַרקסיזם, קאָמוניזם און די ייִדישע פראַגע

דער מאַרקסיזם, ווי דער סאָוועטישער קאָמוניזם, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן צו לייזן די סאָציאַלע פראַגע און דורך דעם צו באַפרייַען, דערלייזן מענטש און וועלט, האָט נישט נאָר דעם מענטש נישט באַפרייַט, אים נישט אויסגעלייזט פון זיינע גייסטיקע דריקונגען, שרעקן און זאָרגן, נאָר האָט אים אַפילו נישט באַפרייַט פון זיינע מאַטעריעלע זאָרגן. ווער רעדט שוין, אים אויסגעגלייכט אין גאָר זיינע רעכט.

וואָרעם אויב דער לעבנס־סטאַנדאַרט האָט זיך ביי אַ טייל פון דער באַפעלקערונג פאַרבעסערט, איז עס נאָר ביי די פּריוועליגירטע פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, ביי די אָנפירנדיקע ביוראָקראַטן און באַאַמטע. און אויך די דאָזיקע פאַרבעסערונג איז פאַרגעקומען און קומט פאָר אויפן חשבון פון די איבריקע פון דער זעלבער געזעלשאַפט, די נישט פּריווילעגירטע.

און נישט נאָר האָט דער מאַרקסיזם נישט געלייזט די סאָציאַלע פראַגע און נישט דערפירט צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, נאָר האָט גאָר באַשאַפן אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן קלאַס. אַ קלאַס פון מאַכטגיריקע ביוראָקראַטן, וועלכע געוועלטיקן נאָך שטאַרקער און אומברחמנותדיקער, ווי דער פריִער־הערשנדיקער.

און נישט נאָר איין נייער קלאַס איז אויפגעקומען, נאָר עס פּיקן זיך שוין אויס — ווי קליין און נישט אָנזעעוודיק זיי זאָלן דערווייל זיין — אויך אַנדערע קלאַסן. קלאַסן פון אַרויפגעאַרבעטע קליינבירגער, פון וויסנ־שאַפטלער און פראָפעסיאָנאַלן.

וואָס ס׳איז נאָר אין דער ווירקלעכקייט געשען, איז אַן איבערגרופּירונג פון די כוחות. אַן איבערגאַנג פון הערשאַפט און מאַכט, און מיט דעם אויך אַ העכערער לעבנס־סטאַנדאַרט. פון איין טייל פון דער באַ־

פעלקערונג צו אַ צווייטער. און אַלע איבריקע זענען ווי פריִער אומגלייך אין זייערע פריווילעגיעס און רעכט.

און נישט נאָר אומגלייך זענען זיי, נאָר זיי ווערן נאָך ערגער עקס־פּלאָאַטירט און גייסטיק דערנידעריקט (ווייל אָן פרייַהייט) פון דער נייער מאַכט, ווי פון דער פריִערדיקער צאַרישער.

דאָס וואָס זיי ווערן עקספּלאָאַטירט דורך דער מלוכה (מלוכה־קאַפּי־טאַליזם) אונטערן נאָמען פון אַ נייעם גאָט, צי עבודה זרה, ווי ער און זי זאָל נישט הייסן, מאַכט נישט גרינגער זייער לאַגע און ענדערט נישט דעם פאַקט פונעם אויסנוץ.

און ווען אַפילו דער מאַרקסיזם וואָלט יאָ געלייזט די מאַטעריעלע פראַגע, וואָלט עס אויך נישט פאַרענטפערט גאָר דעם מענטש־פּראָבלעם. ווייל „לא על לחם לבדו יחיה האָדם״ נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש.

וואָרעם דאָס קאָנצענטרירן זיך בלויז אויפן עקאָנאָמישן אַספּעקט, נישט נעמענדיק אין אַכט דעם גאַנצן מענטש — זיינע איבריקע פאַרלאַנגען און גלוסטונגען, כבוד און מאַכט אַריינגערעכנט, הגם אויך די ריינע עקאָנאָ־מישע פראַגע איז נאָך ווייט נישט געלייזט און אויך אויף דעם געביט הערשט נאָך ווי פריִער אָן אומגלייכקייט — באַווייזט די קורצזיכטיקייט פונעם מאַרקסיזם לגבי דעם מענטש.

מחמת דער מענטש אַפילו ווי אַ מאַטעריע — נאָר ווי די העכסטע לעבעדיקע מאַטעריע און ווי אַ גייסטיקער איך, אַן אינדיווידועלע איינ־הייט, איז מער ווי בלויז עקאָנאָמיע. מער ווי דאָס בלויזע באַפרידיקן פון זיינע עקאָנאָמישע באַדערפעניש, ווי לעבנס־וויכטיק פאַר אים זיי זאָלן נישט זיין.

דער מענטש איז אַ קאָמפּליצירטע באַשעפעניש. ער איז קאָמפּליצירט און פאַרשידנאַרטיק דורך דער פאַרשידנקייט פון זיינע אָרגאַנען און גע־וועבן, ווי ער איז קאָמפּליצירט און פאַרשידנאַרטיק דורך דער פאַרשידנ־קייט פון זיינע לעבנס־עלעמענטן און פאַרלאַנגען.

ער איז, דער מענטש אַ וועלט פאַר זיך. און נאָר פון אים, דעם קאָמפּליצירטן יחיד, הייבט זיך אַלץ אָן און עס בילדעט זיך אויס דער כלל.

און אין דעם טאָקע באַשטייט דער טעות פונעם מאַרקסיזם ווי פון

וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, וואָס אין זיין סאָציאַלן דאָגמאַטיזם, ווי אין זיין טעאָרעטישן געיעג נאָכן קאָלעקטיוויזם, פאַרזעט ער גאָר דעם מענטש, דעם יחיד; וואָס נאָר ער, דער יחיד, איז דער קערן און דער יסוד פון יעדן כלל. ער פאַרזעט דעם מענטש און אַלע זיינע אַספּעקטן און אויס־ווירקונגען, מאַטעריעלע ווי גייסטיקע.

מחמת דער קאָלעקטיוו, ווי דער כלל, איז מער ווי אַ מערצאָל. מער ווי אַ בלויזער מאַטעמאַטישער סכום, ווייל ער באַשטייט פון באַזונדערע יחידים, וועלכע באַהעפטן זיך נאָר דורך זייערע געמיינזאַמע אינטערעסן און שטרעבונגען. און נאָר דער צעמענט פון זייערע געמיינזאַמע יחידישע אינטערעסן, האָפענונגען און שטרעבונגען, האַלט זיי ווי אַ כלל.

און נאָר דאָס געמיינזאַמע יחידישע באַשאַפט דעם כלל. ווייל „אין בכלל אלא מה שבפרט״. די באַזע פונעם כלל איז דער פרט, דער איינצלנער.

און דער קאָלעקטיוו האָט נאָר דאַן אַן עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג, אויף וויפל נאָר ער דריקט אויס דעם ווילן און די באַדערפענישן פונעם יחיד פון וועמען ער באַשטייט. און דאָס איז נוגע נישט נאָר זיינע מאַטעריעלע באַדערפענישן און שטרעבונגען, נאָר גאָר זיינע גייסטיקע.

✶

דער געדאַנק, אַז די עקאָנאָמישע באַדינגונגען דיקטירן דעם באַוווסטזיין, איז נאָר אַ טיילווייזער אמת. מחמת נישט בלויז די מאַטעריעלע באַדינגונגען דיקטירן דעם באַוווסטזיין, נאָר אַלע מענטשלעכע באַדינגונגען, אַלע נויטן און באַדערפענישן, מאַטעריעלע ווי גייסטיקע אין וועלכע נאָר דער מענטש געפינט זיך, דיקטירן און באַהערשן זיין באַוווסטזיין.

און הגם ס׳איז אמת, אַז די עקאָנאָמישע נויט, ווי די זאָרג פאַרן מענטשלעכן קיום, פאַר זיין זעלבסט־דערהאַלט; איז קודמער, בכורהדיקער ווי די איבריקע, איז אָבער אויך אמת, אַז נאָך דעם ווי ער פאַרטיקט זיך נאָר מיט איר אָפּ, ווי נאָר ער באַפרידיקט זיינע ערשטע באַדערפענישן (שפייז, קליידונג א. אַ. וו.), אַזוי קומען גלייך אויף די איבריקע נויטן און באַדערפענישן (סעקונדערע), וואָס צוזאַמען מיט די ערשטע פאָרמירן זיי גאָר דאָס לעבן פונעם יחיד.

און די איבריקע נויטן און באַדערפענישן זענען נישט וויניקער

וויכטיק פא̇רן אויפהא̇לט פונעם מענטשלעכן לעבן ווי די ערשטע. און קיין שום פשטלעך און דיא̇לעקטישע דריידלעך וועלן נישט העלפן צו פא̇רדרייען א̇ט דעם פשוטן מענטשלעכן אמת.

*

דא̇ס זעלבע איז מיט דער פרא̇גע פונעם פרא̇לעטא̇ריא̇ט. דא̇ס א̇רויס־הייבן דעם פרא̇לעטא̇ריער, דעם לוין־א̇רבעטער, ווי דעם א̇רעמסטן און עקספלא̇א̇טירסטן טייל פון דער געזעלשא̇פט און אים צוטיילן די גרעסטע מא̇ס זא̇רג און חשיבות, איז נישט ריכטיק און איז מער ווי איבערטריבן.

עס איז איבערטריבן, ווייל צייטן בייטן זיך. און בימינו, אין דער צייט פון מעכא̇ניזא̇ציע און א̇נטוויקלונג פון דער טעכניק, ווי פון קא̇פּיטא̇ליס־טישן רעפא̇רמיזם, קומט ראשית פא̇ר א̇ דעפּרא̇לעטא̇ריזא̇ציע פונעם פּרא̇־לעטא̇ריער ווי פונעם לוין־א̇רבעטער בכלל.

און מען קען היינט ביי דער כסדרדיקער מעכא̇ניזא̇ציע און פא̇ר־גרינגערונג פון דער א̇רבעט, ווי ביים אויפקום פון גוט־געצא̇לטע נייע קא̇מפּליצירטע פא̇כן, בכלל נישט רעדן פון א̇ פּרא̇לעטא̇רישן קלא̇ס, בפרט א̇ סטא̇בילן און אים צושרייבן די רא̇לע פונעם שווא̇כסטן און א̇רעמסטן טייל פון דער געזעלשא̇פט.

ווייל מיטן שטייגן פון דער טעכניק און טעכנישן וויסן, קומט ראשית פא̇ר א̇ כסדרדיקער איבערגא̇נג פון שווערע און נידעריק געצא̇לטע א̇ר־בעטן צו לייכטערע און בעסער געצא̇לטע, און דורך דעם אויך צו א̇ פא̇ר־קלענערונג פון דער עקספּלא̇א̇טא̇ציע. און קלא̇ס איז בכלל א̇ פּליסיקער בא̇גריף וווא̇ס אונטערליגט בייטונגען און ענדערונגען

דער היינטיקער א̇רבעטער ווי דער א̇נגעשטעלטער, א̇פילו דער נא̇ך שווא̇רצער־א̇רבעטער וועמענס א̇רבעט ווערט אויך מעכא̇ניזירט, איז נישט מער ווי בימי מא̇רקס דער ווייניק געצא̇לטער און אונטערדריקטער א̇ר־בעטער וווא̇ס א̇רבעט פון פינצטער ביז פינצטער (א̇חוץ אין די סא̇וועטישע לא̇גערן) און גא̇רט דעריבער א̇זוי, נא̇ך בא̇פרייונג, נא̇ך א̇ סא̇ציא̇לער אומענדערונג; ווייל ער הא̇ט נישט מער וווא̇ס צו פא̇רלירן ווי זיינע קייטן.

דער היינטיקער א̇רבעטער ווי דער א̇נגעשטעלטער (מער א̇נגעשטעל־טער ווי א̇רבעטער), שוין נישט רעדנדיק פון די מער געשולטע און בא̇־

צאָלטע, האָט אין די פרייע לענדער יאָ וואָס צו פאַרלירן.

ראשית האָט ער צו פאַרלירן זיינע כסדר אויסבעסערנדיקע לעבנס־באַדינגונגען, און ער האָט דער עיקר צו פאַרלירן גאָר זיין פרײַהייט. זיין פרײַהייט פון אויסדרוק אין וואָרט און אין שריפט, ווי גאָר זיין מענטש־לעכע חשיבות.

און גערעכט איז דער חומש ווי די נביאים, וועלכע זאָרגן זיך נישט פאַר קיין בייטנדיקע קאַטעגאָריעס און גרופּן — נאָר תמיד פאַר דעם מענטש, דעם יחיד; פאַר דעם שוואַכן און באַעוולטן מענטש. פון וועלכער נאָר קאַטעגאָריע ער זאָל נישט זיין. ווייל פאַראַן קען אויך זיין אַ נישט־אַרבעטנדיקער, נאָר פאַר דער גע׳זעלשאַפט נוצלעכער מענטש, ווי אַ סתם קראַנ־קער, וועלכער איז מער פאַראָרעמט און באַעוולט ווי דער אַרבעטנדיקער.

✶

אָבער נישט נאָר איז די סאָציאַלע פראַגע ווי די גייסטיקע, נישט געלייזט און עס הערשט נישט אין דער מאַרקסיסטיש־סאָוועטישער מלוכה קיין פרײַהייט און גלייכהייט (אַפילו נישט אין דער פראַגע פון אַרבעט און לוינען), נאָר אויך נישט אין דער ייִדישער פראַגע, ווי אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל.

אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, באַזונדער אין דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער פראַגע, הערשט צום גרויזאַמסטן דער סאָוועטישער צוואַנג, ווי די מאַרק־סיסטישע דאָגמע.

די מאַרקסיסטיש־סאָוועטישע באַהערש־תאווה ווייזט זיך שוין אמת אַרויס אויך אין דער באַציִונג צו אַנדערע פעלקער וואָס באַוווינען דאָס גרויסע רוסלאַנד. אויך זיי ווערן געהאַלטן אין אַ פּאָליטישן צוואַנג אונטערן „חסד און שוץ" פונעם גרויס־רוסישן ברודער און אויך צו זיי ווערט אָנ־געווענדט די אַלט־נייע מעטאָדע אויף צו פאַרזיכערן די איבערהערשאַפט פון דער גרויס־רוסישער מלוכה און קולטור.

נאָר אויב לגבי זיי ווערט נאָך איבערגעלאָזט די מעגלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג (הגם אָן גרויסן חשק) און צום ווינציקסטן ווערט זייער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט באַוואָרנט דורך אַ טער־ריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און געוויסע מלוכהשע פּרעראָגאַטיוון (רע־

פובליק, צי אויטאָנאָמיע), ווי באַגרענעצט זיי זאָלן נישט זיין — איז דאָס אַלץ אָבער נישט חל לגבי דעם סאָוועטישן ייִדנטום.

די ייִדיש־נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע איז נישט קיין טעריטאָריאַלע און איז נישט באַוואָרנט דורך קיין שום באַזונדערע זעלבסט־פאַרוואַלטנדיקע אָרגאַנען, איז די איינציקע מינדערהייט, וואָס ווערט צום ברוטאַלסטן באַרויבט פון אירע נאַציאָנאַלע רעכט. און דורך אַ פּאָליטיק פון צוואַנג־אַסימילאַציע געוואָרפן פאַרן מאַרקסיסטישן מולך פון אונטערגאַנג.

דער ייִדישער מענטש אין רוסלאַנד צוגלייך מיט די איבריקע, ווערט נישט נאָר נישט באַפרײַט פון זיינע גייסטיקע דריקונגען, נאָר ער ווערט נאָך ווי אַ ייִד באַרויבט און געשענדט אין זיינע נאַציאָנאַלע רעכט. ער ווערט נישט נאָר באַרויבט פון זיינע רעליגיעזע און קולטורעלע רעכט, נאָר אויך דורך אינטריגעס און בלבולים געשענדט אין גאָר זיינע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און האָפענונגען. באַזונדער דורך פּרוון אינטערמינעווען די עקסיסטענץ פון ישראל.

און דאָס אַלץ ווערט אַדורכגעפירט אין נאָמען פון דער „אויסלייזנדיקער" מאַרקסיסטישער טעאָריע. די טעאָריע פון צוואַנג־אַסימילאַציע און ייִדיש נאַציאָנאַלער פאַרלייקענונג.

און די דאָזיקע דאָגמע פון אונדזער נאַציאָנאַלער פאַרלייקענונג, פון נישט אַנערקענען אונדז ווי אַ פאָלק; איז נישט נאָר אַ מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע, צי סטאַליניסטישע, נאָר צום אום־כבוד פון דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק, אַן אַלגעמיין־מאַרקסיסטישע.

מחמת כמעט אַלע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער האָבן אונדז נישט אַנערקענט ווי אַ פאָלק. און נישט נאָר האָבן זיי אונדז טעאָרעטיש נישט אַנערקענט, נאָר זיי האָבן למעשה געשטרעבט צו אונדזער אויסמיש — צו אונדזער נאַציאָנאַלען אונטערגאַנג.

און גאָר דער אמת איז, אַז אַפילו אין אַ ריין דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער וועלט־הערשאַפט, ליגט די טענדענץ און די סכנה פון אַ נאַציאָנאַלן אויסמיש (אַחוץ אין ישראל ווי אַן אייגענע מדינה), פון אַן אונטערגאַנג פון די באַזונדערע ייִדישע ישובים.

באַמערקונגען צו ד״ר רפאל מאַהלערס אויסטייטש פון דער יידישער געשיכטע*

ד״ר רפאל מאַהלער איז בלי ספק אַ געלערנטער פון פאַרנעם. איינער פון די געציילטע היסטאָריקער היינט צו טאָג. כ׳וואָלט געזאָגט, פון די געציילטע יידישע היסטאָריקער־האָרעפּאַשניקעס.

מיט רפאל מאַהלער שבעל פּה האָב איך זיך באַקאַנט נאָך איידער כ׳האָב אים באַקאַנט בכתב. אין 1947 אין ווראצלאַוו, פּוילן, נאָך מיין צו־ריקקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין ביאַליסטאָק, פון וואַנען כ׳בין ווי אַ קולטור־פאַרוואַלטער (אַ צייט אויך לערער) ביים ביאַליסטאָקער יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט געוואָרן דעלעגירט אויף זיינע היסטאָריע־קורסן.

און דאָרט טאַקע, אויף זיין צען־־טאָגיקן קורס פון יידישער געשיכטע, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט זיינע מאַרקסיסטישע געשיכטע־אויסטייטשונגען, וואָס האָבן מיר אויסגעזען ווי יעדער קער־און־ווענד אין דער יידישער געשיכטע וואָלט אין פאָרויס געוואָרן פּלאַנירט פון עפּעס אַ היסטאָרישן מאַטעריאַליסט.

און איך בין דאַן געווען דער איינציקער פון די צוהערער, וואָס האָב מיט מיין גאַנצער אַכטונג, ווי צו אַ געלערנטן און גאַסט־לעקטאָר, זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן אים צו אָפּאָנירן.

אַצינד, נאָך איבער צוואַנציק יאָר פון זיין לעקציע־טור און נאָך צענדליקער יאָרן דערפאַרונג מיטן מאַרקסיזם־קאָמוניזם, באַזונדער מיטן סאָוועטישן און פּוילישן, ווי אויך מיט דער אַנטוויקלונג פון די פיזיקאַלע וויסנשאַפטן און דער איבערקערעניש, וואָס די טעכנאָלאָגיע רופט אַרויס

---

* דאָס איז נישט קיין אָפּשאַץ פון מאַהלערס ווערק און עסייען. נאָר קענענדיק זיינע פריערדיקע געדאַנקען און אָנגערעגט פון זיין בוך „היסטאָריקער און וועג־ווייזער״ (1964), וויל איך בלויז מאַכן עטלעכע קריטישע באַמערקונגען.

אויפן סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן, ווי אויפן גייסטיקן געביט פונעם מענטשל־עכן לעבן, זע איך ערשט ווי געדעכט איך בין שוין דאַן געווען.

✶

די צרה מיט געוויסע געלערנטע איז, וואָס זיי קענען זיך נישט באַ־פרייַען פון זייערע געדאַנקען־פּאַראורטיילן און סוביעקטיוון צוגאַנג צו די פון זיי באַהאַנדלטע ענינים.

דער מענטש איז אין תוך דאָגמאַטיש. אים איז ווי דעם אַמאָליקן געצנדינער זיך שווער צו שיידן מיט זיין געץ — אַפילו ווען ער ליגט שוין צו זיינע פיס אַ צעשטויבטער.

עס גלוסט זיך אים נישט און עס איז אים אויך שווער אויפסניי איבער־צוטראַכטן זיינע פריערדיקע געדאַנקען און מיינונגען און זיי אונטער־וואַרפן אַ נייעם אַנאַליז. די געוווינהייט און די פּיל־יאָריקע אידעיש־פּסיכישע איינדרעסירונג — טוט דאָס איריקע.

וויל ער בעסער בלייבן ביים אַלטן, ביי זיינע פריערדיקע געדאַנקען און אידעען, ווי אומלאָגיש זיי זאָלן נישט זיין, איידער זיי אויפסניי צו רעווידירן אינעם ליכט פון די נייע אומגעענדערטע באַדינגונגען. אינעם ליכט פון דער נייער ווירקלעכקייט.

און אַז דאָס לעבן און די לאָגיק פרעגט זיי פּאַרט אָפּ, איז בעסער צו לייקענען אין דער לאָגיק און לעבן, איידער די אַלטע פיקטיווע אידעען צו פאַרוואַרפן.

✶

מאַהלער איז אַ פּאַרעקשנטער היסטאָרישער־מאַטעריאַליסט, וואָס מעסט אַלץ מיט דער מאָס פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, ביי וועמען דער עקאָ־נאָמישער פאַקטאָר איז דער וויכטיקסטער און איז אַלץ.

און לויט זיין איינשטעל פון עקאָנאָמישער פונקציע־אויפפאַסונג, נעמט ער אויף און טייטשט אויס אַלע פּראָצעסן און געשעענישן פון דער יידי־שער געשיכטע. און מיט דעם זעלבן איינשטעל דערקלערט ער אויך דעם סוד פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום.

אויף דער פראַגע ווי אַזוי און מיט וועלכע וועגן און מיטלען האָבן יידן ווי אַ מלוכהלאָז פאָלק אויפגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן קיום? האָבן

זיך דערהאַלטן ווי אַ פאַלק? ענטפערט מאַהלער, אַז דאָס איז געשען צוליב עקאָנאָמישע סיבות. צוליב דער באַזונדערער עקאָנאָמישער פּאָזיציע, אָדער פונקציע, וואָס ייִדן האָבן ווי אַ האַנדל און קרעדיט־עלעמענט אויסגעפירט צווישן די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט.

און דאָרט ווו ייִדן האָבן אויפגעהערט אויספירן אַ ספּעציפישע עקאָ־נאָמישע פונקציע אין דערווירטשאַפט פון די פעלקער, איז דער באַ־זונדערער סאָציאַל־עקאָנאָמישער געבוי פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געוווען דער גורם וואָס האָט זיי נישט געלאָזט זיך אַסימילירן, אונטערגיין.

אין דער דאָזיקער ספּעציפיש עקאָנאָמישער פונקציע זעט מאַהלער דעם אַנטשיידנדיקן און לעצט־גילטיקן פאַקטאָר וואָס האָט אויפגעהאַלטן דעם ייִדישן קיום אין די גלותן. אַלע אַנדערע פאַקטאָרן זענען לויט אים, צווייט־ראַנגיקע.

איז ערשטנס די גאַנצע מעשה מיט דער ספּעציפישער עקאָנאָמישער פּאָזיציע וואָס ייִדן האָבן אין די גלות־לענדער פאַרנומען איינזייטיק, אויב נישט אין גאַנצן אויסגעטראַכט. מחמת דאָס האָבן די מאַרקסיסטישע טעאָ־רעטיקער געדאַרפט האָבן פאַר זייער מאַטעריאַליסטישער דאָגמע.

אין דער אמתן האָבן גאָר זעלטן ייִדן אויסגעפירט בלויז איין ווירט־שאַפטלעכע פונקציע. און אין רוב לענדער ווו ייִדן האָבן געלעבט, האָבן זיי אויסגעפירט פאַרשידענע עקאָנאָמישע פונקציעס, ווי מיר געפינען דאָס אין די אַלטע ייִדישע מקורות, ווי אינעם תלמוד, מדרשים, מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור, פון וואַנען עס דרינגט, אַז ייִדן זענען אין יענע צייטן געווען טעטיק אויף פאַרשידענע ווירטשאַפטלעכע געביטן.

עס באַווייזט דאָס די באַהאַנדלטע הלכות און סוגיות אינעם תלמוד ווי אין די שפּעטערדיקע מקורות, וועגן לאַנדווירטשאַפט, הייזער־קויף (חזקת הבתים), האַנדל, געלד־לייען, מלאכה, לוין־אַרבעט אאַז״וו.

און דאָס איז נישט נאָר נוגע די לענדער פון אַמאָליקן מזרח (בבל און פּערסיע), נאָר אויך די שפּעטערדיקע לענדער ווו ייִדן האָבן געלעבט, ווי שפּאַניע, צפון־אַפריקע א״אַ, ווו ייִדן האָבן זיך נישט נאָר, נישט אַסי־מילירט, נאָר זיי האָבן נאָך אַנטוויקלט אַ רייך נאַציאָנאַל־קולטור לעבן.

און וואָס שייך די לעצטע צייט, ווייסן מיר דאָך פון אונדזער אייגענער

דערפא̈רונג, ווי למשל אין מזרח־אייראפּע, א̈ז יידן הא̈בן געטא̈ן א̈לץ (עקא̈נא̈מיש) וואָס עס הא̈ט זיך נא̈ר געלאָזט.

זיי זענען אין די צייטן פון צא̈ריזם געווען בא̈שעפטיקט ביי צושטער־לעריי (פּא̈דריא̈ד), גרויס און קליין אינדוסטריע, הא̈נדל, שענקעריי, פּא̈ר־מעריי, תשמושי קדושה און מיט א̈לערליי מלאכות.

דא̈ס זעלבע איז געווען אינעם לעצטן פּוילן, ווו יידן הא̈בן זיך פּא̈ר־נומען מיט א̈לערליי עקא̈נא̈מישע טעטיקייטן און נישט בלויז מיט איין בא̈זונדערע עקא̈נא̈מישע פונקציע, וואָס זא̈ל זיין די סיבה פון זייער נא̈־ציא̈נא̈לן אויפהא̈לט.

נא̈ר וואָס דען, די מא̈רקסיסטישע היסטא̈ריקער, וואָס ווילן א̈לץ פּא̈ר־ענטפערן, אויך יעדע דערשיינונג אין דער יידישער געשיכטע מיטן עקא̈־נא̈מישן פא̈קטא̈ר, ווילן אויך דא̈ס פּרא̈בלעם פון יידישן קיום מיט אים פּא̈רענטפערן.

און ווידער, אויב די בא̈שטימטע עקא̈נא̈מישע פונקציע איז דער גורם פונעם נא̈ציא̈נא̈לן אויפהא̈לט, איז פּא̈ר וואָס הא̈ט די זעלבע עקא̈נא̈מישע פונקציע נישט א̈פּגעהא̈לטן פון אונטערגא̈נג, פון א̈סימילירן זיך; די א̈נ־דערע נישט־יידישע סוחרישע עלעמענטן אין זייערע פרעמדע לענדער, ווי: די צידונים, גריכן, א̈רמענער, א״א̈?

איז דא̈ך אונדז גוט בא̈קא̈נט די עקא̈נא̈מישע רא̈לע וואָס די גריכן הא̈בן געשפּילט אין א̈לכסנדריה של מצרים, א̈פילו זייער קא̈נקורענץ־קא̈מף וואָס זיי הא̈בן געפירט מיט די דא̈רטיקע יידן, וואָס הא̈ט גורם געווען צו דער דעמא̈לטיקער יידן־שנאה.

ניין, נישט די ספּעציפישע עקא̈נא̈מישע פונקציע איז געווען דער גורם פונעם יידישן נא̈ציא̈נא̈לן קיום. נא̈ר ווייל די מא̈רקסיסטישע דא̈גמא̈טיקער מוזן אין א̈לץ זען דעם עקא̈נא̈מישן פא̈קטא̈ר, מוזן זיי שוין אויך אין דער פרא̈גע פון יידישן קיום זען דעם זעלבן פא̈קטא̈ר.

און צוליב דעם אויך — מוזן זיי שוין אין זייער איינזייטיקייט א̈לץ פּא̈רא̈לגעמיינערן. אויב א̈ צא̈ל יידן הא̈בן זיך ווען פּא̈רנומען מיט קרעדיט־הא̈נדל, צי ווּכעריי, הא̈בן זיך אין זייערע אויגן א̈לע יידן פּא̈רנומען מיטן זעלבן, א̈בי ס׳זא̈ל זיך בא̈קומען א̈ ספּעציעלע עקא̈נא̈מישע פונקציע.

אין דער אמתן אָבער, האָט נישט בלויז איין פֿאַקטאָר גורם געווען צום נאַציאָנאַלן קיום אין די גלותן. און ווי נישט בלויז איין קעמערל האַלט אויף דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, ס׳לעבן פֿונעם יחיד,— אַזוי האָט אויך נישט בלויז איין גורם אויפֿגעהאַלטן און האַלט אויף ס׳לעבן פֿונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין די תפֿוצות.

אויפֿגעהאַלטן די ייִדישע מינדערהייטן אין גאָר זייערע צעשפּרייטקייטן, האָבן פֿאַרשידענע פֿאַקטאָרן. צווישן זיי: די ייִדישע רעליגיע, וואָס איז אין תוך אַ נאַציאָנאַלע, מיט פֿול נאַציאָנאַלע קיום־עלעמענטן. דער „צדקה עשה הקב״ה לישראל שפזרו לבין האומות״ (דאָס צעשפּרייט זײַן צווישן די פֿעלקער) די אייגענע, ווי די פֿאַרייִדישטע שפּראַכן (אַרמיש, לאַדינאָ, ייִדיש) און אַ ריי אַנדערע גורמים, וועלכע זענען די תּולדות פֿון די ערשטע וויכטיקסטע צוויי. ווי: די ייִדישע אַחדות אין צייט פֿון נויט, די הילפֿס־גרייטקייט פֿון איין ייִד צום אַנדערן, די משיחישע האָפֿענונג, דאָס קהילה־לעבן, וואָס האָט אויף אַזאַ צי אויף אַן אַנדער אופֿן, אַרייַנ־געערכנט אויך די פֿאַרשידענע חברות און געזעלשאַפֿטן, וואָס האָבן גאָר קיין מאָל נישט אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן.

וואָס שייך ווידער די ייִדישע רעליגיע און דאָס זײַן צעוואָרפֿן צווישן די פֿעלקער, מוז מען מודה זײַן, אַז זיי זענען געווען פֿון די וויכטיקסטע פֿאַקטאָרן פֿאַרן ייִדישן גייסטיקן און פֿיזישן דערהאַלט און אויפֿהאַלט פֿונעם פֿאָלק.

און אויב פֿון דער צווייטער זײַט האָבן זיי צוליב דער שנאה וואָס די ייִדישע רעליגיע האָט אַרויסגערופֿן בײַ די אַנדערש־גלויביקע, ווי צוליב דער צעוואָרפֿנקייט, וואָס האָט די באַזונדערע ייִדישע ישובֿים געמאַכט צו זײַן קליין און שוואַך אויף זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן די שונאים, אויך גע־קענט און זענען אָפֿט אויך געווען די גורמים פֿאַרן אונטערגאַנג פֿון אַ טייל פֿון די דאָזיקע ישובֿים — זענען זיי אָבער טראָץ דעם — פֿאַרט געווען פֿון די הויפּט־פֿאַקטאָרן פֿאַרן אויפֿהאַלט פֿון די איבריקע, פֿאַרן איבערבלייב פֿונעם פֿאָלק, — פֿאַר גאָר זײַן נאַציאָנאַלן קיום.

דאָס זעלבע איז נישט ריכטיק, ווײַט פֿאַרעלטערט, מאַהלערס פֿעסט־שטעלונג וועגן דעם ענגן צוזאַמענבונד צווישן דער פּאָליטישער רעאַקציע

און אַנטיסעמיטיזם, וואָס ביי אים מיינט עס בלויז אויף דער רעכטער זייט, די רעכטע קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע. די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעאַקציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אָ, ווי עס קען אויך זיין און געדייען פּאָליטישע און סאָציאַלע רע־אַקציע, נישט נאָר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר אויך און נאָך מער און דאָס אויף אַ מער פּערווערזן און ציניש̇ן אופן, אין די קאָמוניס־טישע לענדער.

און אויב אַנטיסעמיטיזם, ווי די באַציִונג צו דער יידישער פראַגע — איז דער באַראָמעטער (און אַזוי איז עס) פון פּאָליטישער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער רעאַקציע, דאַן האָט זיך מאָהלער שוין לאַנג געמעגט אָפּזאָגן פון זיינע מאַרקסיסטישע אידעען און היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־אויסטייטשונגען.

נאָר דאָס איבעררא̇שענדיקסטע פאַר מיר איז, זיין צוגאַנג צו דער פראַגע פון קיבוץ־גלויות. ער, דער מאַרקסיסט און היסטאָרישער מאַטער־יאַליסט, וויל דווקא האָבן אַ פולן, משיחישן קיבוץ־גלויות.

און איך דער אַנטי־מאַרקסיסט, ציוניסט און קיום־ייִד, וויל גאָרנישט האָבן קיין פולן קיבוץ־גלויות. איך וויל איבערלאָזן אַ ביסל אַרבעט — אויך פאַר משיחן...

איך וויל נישט קיין פולן קיבוץ־גלויות (אַ פול גרעסערן ישוב — יאָ), ווייל איך וויל נישט מכמה טעמים, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף איין אָרט. אַפילו נישט אין זיין אייגן לאַנד ישראל, ווי איך וויל אויך נישט, אַז די שארית־הפליטה אין די גלותן זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף איין אָרט.

דער „שפּ̇רן לבין האומות״ — איז פאַר מיר, בפרט אין דער היינ־טיקער וועלט פון אויפוואַכנדיקן אַנטיסעמיטיזם און אַטאָם, — נאָך אַלץ דאָס בעסטע מיטל פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

איך האַלט פון צעטיילן די מחנות, בפרט אין אַ צייט פון רעכטן און לינקן אַנטיסעמיטיזם און פראַגרעסיוו־האַסנדיקן אַרומרינגל.

און איך וויל אויך אין די גלותן האָבן אַ קרבנות־גרייטן, נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקן רעזערוו — אי פאַר זיך אַליין — אי לטובת דער מדינה.

גשן — מאי קאָ משמע לן?...

גשן, דאָס אַלטע גשן פון מצרים, האָט אונדז אַ סך צו לערנען. ווי די אַנדערע דערציילונגען און עפּיזאָדן פון תנ"ך, איז אויך די פאַרציי־כענונג וועגן גשן ווי דער אויסוואַל פון יוסףן פאַרן באַזעצונגס־אָרט פון די בני־ישראל און די ברידערס געבעט ביי פרעהן: „ועתה ישבו נא עבדיך בארץ גשן"[1] (און אַצינד זאָלן דיינע קנעכט וווינען אינעם לאַנד גשן) — זייער באַלערנדיק

עס לערנט אונדז קודם, אַז נישט שטענדיק איז אַ פּרייוויליקער געטאָ, וואָס אַ שבט אָדער אַ פאָלק נעמט אויף זיך, אַזוי שלעכט. פאַרקערט, גאָר אָפט מאָל איז דאָרט ווו די מינדערהייט ווערט באַהערשט פון אַ שטאַר־קער פון זיך מערהייט, — צי די באַהערשונג קומט פאָר דורך דער מער־הייטס פּאָליטיש־רעליגיעזער מאַכט (הערשנדיקע רעליגיע), צי דורך איר קולטור און שטייגער־דרוק, — איז דאַן דער איינציקער אויסוועג פון אַזאַ מינדערהייט וואָס קעמפט פאַר איר קיום, נישט נאָר צו פאַרשטאַרקן דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן גייסט, נאָר אויך ווען נייטיק, פון אָט אַזאַ מערהייט זיך אָפּצוגרענעצן פיזיש און גייסטיק (געטאָ בלע"ז).

און דער אויסוואַל פון גשן פאַרן באַזעצונגס־אָרט פון די בני ישראל, איז שוין גאָרנישט געווען קיין צופאַל, אָדער עפּעס אַ קאַפּריז. ער איז געווען אַ גוט באַרעכנטער פּלאַן אויף צו באַוואָרענען נישט נאָר דעם קעגנוווערטיקן זיין פון די בני ישראל, נאָר וואָס נאָך מער, דעם שפּע־טערדיקן ווערן פון די בני ישראל צו אַ פאָלק.

---

1. בראשית מז, ד.

עס הא͏ָט דא͏ָן די יונגע נישט צעמענטירטע שבטים געדרא͏ָט די געפא͏ַר פון פא͏ַרלענדט צו ווערן נא͏ָך אינעם שפרא͏ַך. זיי זענען געווען אונטער דער סכנה פון פא͏ַרשווענקט צו ווערן אין די מוטנע וואַסערן פונעם נילוס־טייך...

און וואָלטן די בני יעקב לכתחילה זיך צעוואָרפן איבער די שטעט און ישובים פונעם מצרים־לאַנד און נישט גלייך ביי זייער קומען גע־בילדעט אַ פעסטן שבט־רעזערוואַט, וואָלטן זיי פאַרלוירן געגאַנגען נאָך איידער ס׳וואָלט צו זיי דערגאַנגען די בשורה פון באַפרײַונג.

ווייל נאָר די גשן־קאָנצענטראַציע, דעם ענגן שטאַם־לעבן וואָס זיי האָבן געפירט, האָט זיי געקענט דערמעגלעכן, און דאָס אויך אַ דאַנק די עלטסטע (עלטסטע אין יאָרן) פון די בני־ישראל, צו האַלטן פריש און וואַך דעם זכרון פאַר די אַלטע אָבות־פאָרמען, כדי צו פאַרהיטן דעם שטאַם פון צערפאַל.

און עס ווייזט אויך אויס, אַז די עברים־טראַדיציעס זענען אין יענער צייט שוין געווען גאָר אַלטע. די דאָזיקע טראַדיציעס זענען נישט אַרויס־געשפרונגען פון די אָבות ווי פון דער העלער הויט — ווייל נישט די אָבות זענען געווען די אָנהייבער פון דער עברישער טראַדיציע, נאָר שוין זייער פאַרזעצער.

וואָרעם וואָלטן די אָבות פון זיי געווען די אָנהייבער, וואָלטן די איבער־געגעבענע פון זיי טראַדיציעס נאָך געווען צו יונג און שוואַך און עס וואָלט אַפילו מיט דער הילף פונעם געטאָ, שווער געווען אויסצוהאַלטן דעם דרוק פון דער מער פאַרוואָרצלטער מצרישער קולטור.

✶

די אָבות זענען נאָר די איינציקע אונדז באַקאַנטע אור־פאַטערס, און־דזערע שטאַם־ראשונים, וועמענס לעבנס־געשיכטע זענען פאַר אונדז גע־וואָרן פאַרצייכנט. און ס׳איז וואַרשיינלעך, אַז נאָך פאַר זיי זענען אומגע־גאַנגען עברישע טראַדיציעס, הגם מינדלעכע, מפה אל פהדיקע.

דער אויפטו פון אברהמען איז וואַרשיינלעך געווען אין דעם, וואָס ער איז געווען גאָר דער שליח פונעם דאָזיקן נאָך פאַר אים עברישן גייסט. זיין געטרייסטער אויסדרוקער און איבערגעבער.

מיר הייבן טאַקע אָן אונדזער געשריבענע געשיכטע מיט אברהמען. אָבער מיר האָבן ווייזט אויס אויך אַ נישט געשריבענע געשיכטע. מיר האָבן אַ שפּאָר קאַפּיטל פּרע־היסטאָריע, פון וואַנען עס ציט זיך ווי אַ רוי־טער פאָדעם דער עברים־גייסט, וואָרצלענדיק נאָך אין די פאַר אונדז שמישע טונקלעניישן...

דאָס זעלבע איז אויך מיט ארץ־ישראל, דעם פריִערדיקן כנען. אויך דאָס לאַנד כנען, איז ווייזט אויס פאַר די בני־ישראל נישט געווען קיין אין גאַנצן פרעמדע דעראָבערונג.

עס זענען פאַראַן אָנדייטן, אַז אויך די שייכות פון די אָבות מיטן לאַנד כנען, האָט זיך נישט אָנגעהויבן בלויז מיט אברהמען, נאָר האָט זיך וואָרשיינלעך נאָך אָנגעהויבן אַ סך פריִער פאַר אים.

שוין תרח, אברהמס פאָטער, ווערט דערציילט — קלייבט זיך אַרויס פון אור־כשדים (בבל) צו גיין אין לאַנד כנען[1].

די דאָזיקע צוגעבונדנקייט צו כנען וואָס מיר זעען נאָך פאַרצייכנט ביי תרחן, האָט נאָך געמוזט וואָרצלען אין אַ פריִערדיקן עברישן פעריאָד. און עס קאָן גריילעך זיין, אַז אורשפּרינגלעך האָט כנען גאָר געהערט צו די עברים, ביי וועמען די כנענים, אָדער אַנדערע האָבן עס צוגענומען.

דערפון די צוזאָגן וועגן איבערגעבן דאָס לאַנד צו אברהמס קינדער און גאָר די צוגעבונדנקייט פון די אָבות צו כנען, אויף וואָס עס זאָגט עדות דאָס פאַרקנסענען זיך מיטן לאַנד אַפילו אויף נאָכן טויט (דאָס קויפן די מערת המכפלה); די שבועה וואָס אברהם פאָדערט פון אליעזרן באין אופן נישט אַרויסצונעמען יצחקן פון כנען; אַזוי אויך מיט יעקבס און יוספס אָנזאָג אויפצובערענגען זייערע ביינער פון מצרים. אַזאַ צוגע־בונדנקייט קומט נישט אויף פּלוצלונג און נישט דורך איין דור.

און טראָץ דעם וואָס זיי ווילן זיך נישט אויסמישן, זיך נישט משדך זיין מיט די כנענים; וואָס דאָס אַליין ווייזט שוין אויף אַ שטאַרקן שטאַם־גייסט, זענען זיי אָבער צום לאַנד אַליין, צו כנען־ארץ־ישראל, צוגעבונדן

1. „ויקח תרח את אברם בנו ואת לוט בן־הרן בן־בנו ואת שרי כלתו אשת אברם בנו ויצאו אתם מאור כשדים ללכת אַרצה כנען" (בראשית יב, לא)

מיט אַלע זייערע פעדעם. און אַפילו ווען אין אַ נויט זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד, קערן זיי זיך ביי יעדער געלעגנהייט צוריק אום.

✶

פון דעסטוועגן, טראָץ דעם וואָס די עברישע טראַדיציעס האָבן נאָך געוואָרצלט אינעם ווייטן אורשפּרונג, וואָלטן זיי אָבער דאָ, אינעם פרעמדן פול־באַפעלקערטן מצרים, ווי נישט קיין פאַרשריבענע און פעסט פאַר־אַרבעטע, זיי נישט געקענט אויפהאַלטן.

און די בני־ישראל וואָלטן אין זייער צעשפּרייטקייט און צעוואָרפנקייט איבער דער גרויס פון מצרים, פאַרלוירן געגאַנגען אינעם אַלגעמיינעם אויסמיש.

פון דעם האָט זיי אָבער געראַטעוועט, דער אויף זיך אַליין גענומענער געטאָ פון גשן.

דריטער טייל

באַפרייונג און דערלייזונג

די באַפרייַונג פון אַ פאָלק, באַזונדער אַזאַ פאָלק ווי ס׳יידישע — איז אַ לאַנגער און שווערער וועג. ווייל אַזאַ באַפרייַונג מיינט נישט בלויז די באַפרייַונג פון יעדן פיזישן דרוק, נאָר אויך פון יעדן גייסטיקן, פון יעדער אויף אים אַרויפגעצוווּנגענער השפּעה.

און וואָס לענגער אַ יחיד אָדער אַ פאָלק איז אונטערדריקט, אַלץ שווערער קומט דערנאָך אָן זיין באַפרייַונג, בפרט זיין פּסיכישע באַפרייַונג.

ווייל דער אונטערדריקער וואָס וויל באַצווינגען דעם יחיד און רבים, באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט אַ טיילווייזער פאַרשקלאַפונג, נאָר ער מיינט גאָר זייער נאַציאָנאַל-גייסטיקע פאַרווישונג. איז פאַראינטערעסירט יעדעס פּיצל אייגנס און אייגנאַרטיקס פון אים אַרויסצורייסן. אים פּסיכיש אַזוי איבעראַנדערשן, אַז ס׳זאָל פון אים קיין שריד ופליט נישט בלייבן. און ער איז גרייט ביז צו דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון דעם פאַר־שקלאַפטנס פערזענלעכן און נאַציאָנאַלן „איך״.

✶

און דאָך, ווי שווער נאָך אַזאַ טאָטאַלער פאַרשקלאַפונג די באַפרייַונג זאָל נישט זיין, איז זי פאָרט גרינגער, ווען דאָס פאָלק איז קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, ווען אַלע זיינע טיילן געפינען זיך אונטער איין געמיינ־זאַמען אונטערדריקער.

ס׳איז אמת, די סכנה פאַרן פאָלק איז דאַן גרעסער. ווייל אויב אַזאַ פאַרשקלאַפערישע מאַכט זאָל זיך נישט בלויז באַגנוגענען מיט גייסטיקער און לייכטער פיזישער אונטערדריקונג, נאָר זאָל גלוסטן צו זיין טאָטאַלער

פאַרניכטונג, איז איר דאָס גרינג דורכצופירן און זי קאָן דאָס באַווייזן מיט איין קלאַפּ.

מיר האָבן אָבער אין זין אַ־אַ אונטערדריקונג, וואָס ווי פיינלעך פאַר ייִדן זי זאָל נישט זיין, דראָט זי דאָך נישט מיט קיין טאָטאַלן אומקום.

און ווען דאָס גאַנצע פאָלק געפינט זיך אונטער איין אונטערדריקטן שונא און עס קומט דער מאָמענט פון באַפרייַונג, איז דאָן די באַפרייַונג אַן אַלגעמיינע. ווייל אַלע זיינע טיילן ווערן מיט איין מאָל פרייַ. דערווייל פרייַ פונעם פרעמדן אונטערדריקנדיקן יאָך.

ווען אָבער דאָס פאָלק איז אין זיין פאַרשקלאַפונג צעשפרייט איבער אַלע זיבן ימים, איז דאָן זיין באַפרייַונג נישט קיין גאַנצע. ווייל די באַ־פרייַונג, וואָס איז חל פאַר איין קיבוץ, איז נישט חל פאַרן צווייטן, און זי איז דעריבער נישט קיין אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע.

נאָר ווען אַפילו זי איז שוין יאָ פאַר אַלע זיינע טיילן, ווען ווי דורך א נס באַפרייַען זיך אַלע ייִדישע קיבוצים מיט איין מאָל און די באַפרייַונג איז אַן אַלגעמיינע, איז עס אויך נאָר אַן אָנהייב פון באַפרייַונג — אַ באַ־פרייַונג אין איר ערשטער פאַזע.

אַ פטור ווערן פון פרעמדן יאָך און צוואַנג, וואָס שאַפט ערשט די מעגלעכקייט פאַרצוזעצן דעם וועג פון באַפרייַונג. צו גיין אויפן וועג פון פולשטענדיקער נאַציאָנאַל־גייסטיקער באַפרייַונג.

ס׳איז ווי איינער וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ מפולת, פון אַן איינ־פאַלנדיקן הויז. ער איז פון דער לעבנס־סכנה אַרויס, אָבער נאָך צו זיך נישט אַריין... האָט זיך נאָך נישט אויפגעבויט קיין אייגן הויז.

אַזוי אויך איז מיט אַ פאָלק. דאָס פרייַ ווערן פונעם שונא; פונעם נאַציאָנאַלן אונטערדריקער איז נאָר דער ערשטער טריט אויפן וועג צו זיך. ס׳איז אָבער נאָך נישט דאָס אַריינגיין אינעם אייגענעם הויז. בפרט זיך אין דעם צו פאַרוואַרצלען...

דער וועג צו פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער באַפרייַונג איז אַ דויערנ־דיקער און שווערער. בפרט ביי אַזאַ צעשפרייט פאָלק ווי מיר זענען. ס׳איז אַ לאַנג־דויערנדיקער פראָצעס. ווייל נאַציאָנאַלע באַפרייַונג איז מער ווי פּאָליטישע, הגם אויך אָט דעם ערשטן סטאַדיום פון באַפרייַונג האָבן

מיר נאָר דערגרייכט פאַר בלויז איין טייל פונעם פאָלק. בלויז דער ישוב אין ישראל איז דורכן אויפקום פון דער מדינה געוואָרן נאַציאָנאַל־פּאָ־ליטיש פרײַ.

אָבער אויך די באַפרײַונג פון דער מדינה איז נאָך פאַרן ישוב אַליין נישט קיין פולשטענדיקע באַפרײַונג. זי איז קודם נישט, צוליב דער אומפרײַקייט פון די איבעריקע יידישע ישובים. און אַזוי לאַנג ווי איין יידישער גלות איז אונטערדריקט, קען נישט זיין קיין אַלגעמיינע נאַציאָ־נאַלע באַפרײַונג.

און זי איז נישט, אויך צוליב זיך אַליין — ווייל עס פעלט נאָך דעם ישוב יענער פאָדעם, וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע זיינע טיילן צו איין נאַ־ציאָנאַל־גייסטיקן „אחד"... ער איז דערוויל בלויז אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטי־שער קיבוץ, הגם אַ וויכטיקער. און דער וועג פאַר אים צו ווערן איין נאַציאָנאַל־גייסטיקער מאַסיוו, וואָס נאָר דאָס איז די גאַראַנטיע פאַרן פאָלקס־קיום, איז נאָך אַ ווייטער און שווערער.

ס'איז אָפּהענגיק פון דערפּאָלג פון מיזוג גלויות און פון נאַציאָנאַלן שכל און טאַקט פון די פירער פון דער מדינה. ס'איז נייטיק דאָס אויסשמידן פון אַן איינהייטלעכער, נאַציאָנאַלער גרונט־אידעע. און אַוודאי נישט דורכן אויסליידיקן די יידישע נשמה פון אירע נאַציאָנאַלע ווערטן, קען מען דאָס דערגרייכן.

✶

אין מצרים זענען די בני־ישראל געווען קאָנצענטרירט אויף איין אָרט. די בני יעקב זענען (אויסער קליינע אויסנאַמען) געווען אונטער איין אונ־טערדריקנדיקן פרעה. איז דעריבער ווען ס'איז געקומען דער מאָמענט פון באַפרײַונג; פון אַרויסגיין פון מצרים, איז די באַפרײַונג געווען אַן אַל־געמיינע, אַ טאָטאַלע פאַר אַלע בני ישראל.

און נישט אומזיסט האָט משה דאָרט קיינעם נישט געוואָלט איבערלאָזן. „בנעורינו, בזקנינו און בטפינו" — האָט ער פון פרעהן געפאָדערט. ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין באַזונדערע גלותן. אַ טאָטאַלע באַפרײַונג האָט ער געוואָלט. און ער האָט איר געקענט באַקומען, ווייל זיי זענען דאָך אַלע געווען אונטער איין פרעה.

נאָר ווי גרינגער משהן איז אָנגעקומען די באַפרײַונג צוליב דער קאָנ־צענטראַציע פון די בני ישראל אין מצרים, איז אויך אָט די באַפרײַונג מער נישט געווען ווי די ערשטע פּאַזע אויפן וועג צו אַ נאַציאָנאַלער באַפרײַונג.

ס׳איז נאָר געווען אַן אָנהייב פון אַ באַפרײַונג, אַן אתחלתא דגאולה אויפן ווייטערדיקן שווערן וועג פון אַ נאַציאָנאַלן אויספאָרמירן. וואָרעם אַפילו דער וועג פון דער מצרים־באַפרײַונג ביזן „כיבוש־הארץ״ (איינ־נעמען דאָס לאַנד), איז געווען אַ לאַנגער און פּייניקנדיקער.

מען איז נאָר אַרויס פונעם מצרישן „מפולת״. ס׳איז אָבער נאָך נישט געווען קיין אייגן הויז. נישט נאָר האָט מען נאָך נישט געהאַט אויסגעבויט קיין אייגן, נאַציאָנאַל הויז, נאָר מען האָט אויסער די וואַנדער־געצעלטן אַפילו נישט געהאַט קיין אייגענע טעריטאָריע, וואָס דאָס איז דער ערשטער באַדינג פון אַ פרײַער, פּאָליטישער נאַציע.

און מיטן בלויזן זכרון פון נעגאַציע — פון נעגירן דעם ווייטן נעכטן, קען מען נאָך קיין רויע מאַסע, נאַציאָנאַל נישט שפּייזן און אויפהאַלטן. ווייל אויפצוהאַלטן אַ נאַציאָנאַל־פאָרמירנדיקן קאָלעקטיוו און פון אים מאַכן אַ פאָלק, איז נייטיק אים צו געבן פּאָזיטיווע ווערטן, פּאָליטישע און גייסטיקע. און מען דאַרף אויספילן זיין ליידיק געוואָרענע פסיכיק מיט אַ נייעם דערהויבענעם אינהאַלט.

און אויך נאָכן כיבוש הארץ איז דער פּראָצעס פון נאַציאָנאַל־גייס־טיקן אויספאָרמירן; פון אויסשמידן די נאַציאָנאַלע גרונט־אידעע, דעם דורותדיקן אַנקער פון קיום, געווען אַ ביטערער און שווערער. נישט איין מאָל האָבן זיך טיילן פון פאָלק געריסן פון זיך, געוואָלט אַנטלויפן פון אייגענעם נאַציאָנאַלן „איך״.

אַזוי, אַז אויך דאַן איז נאָך נישט געווען קיין פולשטענדיקע באַ־פרײַונג. זי איז נישט געווען, נישט נאָר צוליב די אַרומיקע שונאימס דרוק, נאָר אויך צוליב די פרעמדע גייסטיקע השפּעות און די אייגענע איבלען...

און נישט אומזיסט איז נאָך דאַן אין ארץ־ישראל, אין ביטערע צייטן פאַרן יהודה־פאָלק, אויפגעקומען די אידעע פון גאולה; פון דערלייזונג. ווייל זיי האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיט אַזאַ נישט פולקאָמער באַ־

פריַיונג. זיי האָבן געגלוסט און געשטרעבט צו אַן אַבסאָלוטער, אַלזייטיקער באַפריַיונג, צו אַ נאַציאָנאַלער באַפריַיונג אין אַלע זיינע פאַזעס.

און די אידעע האָבן אונטערגעכאַפּט אַלע שפּעטערדיקע דורות, און זי באַזונדער אַקטואַליזירט אין שווערע פאַר זיי צייטן. און זיי האָבן גאָר זייערע צעפּייניקטע נשמות צו איר אויסגעבענקט. זיי האָבן געגלוסט צו אַ דערלייזנדיקער באַפריַיונג אין איר העכסטער מדרגה, וואָס לאָזט גאָר־נישט מער איבער צו ווינטשן אַ דערלייזונג פאַרן יחיד און רבים, פאַרן ייד און מענטש און מענטש און ייד — פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר דער גאַנצער וועלט.

און ווי פאַנטאַסטיש און נישט רעאַל אַזאַ אידעע פון דערלייזונג זאָל נישט זיין, איז שיין און דערהויבן צו איר צו שטרעבן. בפרט אין אַ צייט פון גאָר דאָס שלעכטס, ווען דער פּחד און די שווערד פון פאַרניכטונג הענגט איבערן מענטשנס קאָפּ.

און ס'איז שיין און ס'איז גוט, וואָס מיר יידן האָבן איר אַרויסגעבראַכט, נישט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר אַלע מענטשן, טראָץ דעם בלוטיקן חשבון וואָס מיר האָבן מיט דער וועלט.

נאָר דערווייל, לאָמיר דורכן ערשטן עטאַפּ פון מדינה־באַפריַיונג גיין צו ווייטערדיקע מדרגות פון נאַציאָנאַלער באַפריַיונג פאַרן פאָלק און פאַר דער מדינה.

פאָלק און נאַציע

נישט איין מאָל ווערן פעסטע באַגריפן, פון דורות באַגרינדעטע אמתן, דער עיקר ווען עס האַנדלט זיך וועגן ייִדישן פאָלק, צעמישט און צעדרייט.

און עס צעמישן און צעדרייען זיי נישט נאָר פרעמדע וועלט־„באַ־פרײַער" און „דערלייזער", נאָר אויך אַזוי גערופענע אייגענע געלערנטע. געלערנטע אויף געביטן וואָס האָבן נישט די מינדסטע שייכות מיט ייִדן און ייִדנטום. און זיי ווילן זיך נאָך פוצן אינעם מאַנטל פון ייִדישע טעאָרעטיקער.

און ווי פאַרשידן אין זייער באַנעם און טראַכטן די פרעמדע און די אייגענע זאָלן נישט זיין איינע פון די אַנדערע, איז דער געדאַנק־לעכער פועל־יוצא פון אָט די ביידע, בכוונה, צי שלא בכוונה — איינער און דער זעלבער, און דאָס איז: אונדזער נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג.

פאַר וואָס די אייגענע טוען דאָס? אַ טייל טוען דאָס מחמת אומוויסן. פשוטן ייִדיש־נאַציאָנאַלן אומוויסן. שעפנדיק זייערע ידיעות און תורות פון פרעמדע קוואַלן, מיינען זיי, אַז מען קען אָט די פרעמדע לערעס און באַגריפן איבערטראָגן, צופּאַסן צום ייִדיש־נאַציאָנאַלן פאַרשטיין, צום ייִדישן נאַציאָנאַלן גייסט.

די איבעריקע פון זיי ווידער, טוען דאָס שוין בכוונה. אָפּגעפרעמדט און אין דער בחינה פון נאַציאָנאַלע „יודעים ומורדים בו" (דאָס ווילן אָוועק־גיין פון פאָלק), ווילן זיי פאַר זייער אין תוך פאָלקס־פאַרלייקענונג, גע־פינען אַן אידעיִשע באַרעכטיקונג.

און נישט האָבנדיק קיין מוט אויף קיין פולער, אָפענער פאַרלייקענונג;

וואָלטן זיי דאָס וועלן באַרעכטיקן אויף אַן אַנדער אופן. אויף אַ כלומרשט טעאָרעטישן אופן פון צעמישן און צעדרייען די צוויי באַזונדערע באַגריפן און באַטײַטן און מאַכן זיי פאַר איינס. פאַר איין זאַך. און דורך דעם שוין אויך גאָר צעמישן דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן פאַרשטיין.

אַזעלכע צוויי באַזונדערע באַגריפן, מיט וועלכע אָט די ייִדן באַנוצן זיך אין זייער הכשר אויף פולער צי האַלבער פאַרלייקענונג, בכוונה, צי שלא בכוונה, זענען די באַגריפן פון פאָלק און נאַציע.

✶

פאַר אַלעמען איז קלאָר וואָס דער באַגריף פאָלק מיינט. אַ פאָלק איז אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, אַ נאַציאָנאַלער רבים, וואָס באַשטייט פון איין עטנישן אָפּשטאַם, געמיינזאַמער געשיכטע און קולטור איינשליסנדיק שפּראַך און שטייגער, מיט בשותפותדיקע נאַציאָנאַלע בענקענישן און האָפענונגען. קורץ: אַ נאַציאָנאַל־באַזונדערער איינס, וואָס וויל אַזעלכער בלייבן.

און אַזאַ נאַציאָנאַלער איינס איז אַפילו נישט אָפּהענגיק פון קיין שום באַזונדערן טעריטאָריאַלן באַזיץ (באַזונדער לגבי דעם ייִדישן פאָלק), ווי די אַלערליי מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער האָבן אונדז פאַר דער מדינה־אַנטשטייונג געוואָלט איינרעדן. כאָטש שוין נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה גיבן אויך נישט די סאָוועטן אירע ייִדישע בירגער קיין נאַציאָנאַלע רעכט.

דער טעריטאָריאַלער באַזיץ פון אַ פאָלק איז נאָר אַ באַקרעפטיקונג פאַר דעם שוין פאַראַנענעם ווילן פון דער אומה. פאַר זיין ווילן צו קיום און ווייטערדיקער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג, אָבער נישט דער גרונט־שטריך פון זיין נאַציאָנאַלן זיין.

בפרט איז דאָס נוגע דעם ייִדישן פאָלק. ווייל דאַכט זיך, אַז קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט נישט מאַניפעסטירט אַזאַ דראַנג צו קיום, האָט זיך נאָך נישט אַזוי פאַרעקשנט אין זיין נאַציאָנאַלן זיין. און דאָס ביי די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען אין לויף פון טויזנטער יאָרן, ביי די שווידערלעכסטע שחיטות, ווי דאָס ייִדישע פאָלק.

און וואָס מיינט נאַציע, ווי אַ פּאָליטישער באַגריף? נאַציע מיינט, אַ פּאָליטישער קאָלעקטיוו, אַ בלויזער מלוכהשער איינס. צו אַ נאַציע

געהערן פאַרשידענע פעלקער מיט באַזונדערע נאַציאָנאַלע קולטורן.

איר סימן מובהק איז נישט דער געמיינזאַמער עטנישער אָפּשטאַם, קולטור און שטייגער, נאָר דער בשותּפותדיקער ווילן צום געמיינזאַמען פּאָליטיש־מלוכהשן לעבן. און ווען אַ פאָלק איז אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער איינס, איז אין דעם זין נאַציע, אַ באַזונדערער מלוכהשער איינס.

✶

אין מזרח־אייראָפּע זענען אָט די באַזונדערע באַגריפן און באַדײַטונגען, געווען קלאָר. און ס'איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן זיי אָפּצורעגן. ייִדן אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, האָבן ווי ייִדן געהערט צום ייִדישן פאָלק, און ווי בירגער צו דער געמיינזאַמער מלוכה, פאַר וועלכער זיי האָבן געטאָן זייער פליכט און דערפאַר פון איר געפאָדערט זייער רעכט. זייער רעכט ווי בירגער.

און נישט נאָר האָבן ייִדן די באַגריפן אַזוי פאַרשטאַנען, נאָר אויך די נישט־ייִדן (אַחוץ פאַרשטייט זיך געוויסע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער) האָבן אויפגענומען און אָנערקענט דעם אונטערשיד צווישן די דאָזיקע צוויי באַגריפן: פאָלק און נאַציע.

ייִדן האָבן נאַציאָנאַל געהערט און געהערן צום ייִדישן פאָלק, זיך געפילט במחשבה ובמעשׂה געבונדן מיטן גורל פון די איבריקע ייִדן איבער גאָר דער וועלט, ווי די פּאָליאַקן און רוסן האָבן זיך געפילט און פילן זיך ווי אַזעלכע, הגם זיי האָבן ביידע, די ייִדן ווי די נישט־ייִדן, געהערט צו דער זעלבער בשותּפותדיקער מלוכה.

ערשט אין מערב־אייראָפּע, באַזונדער נאָך נאַפּאָלעאָנס פּרווו פון ייִדישער עמאַנציפּאַציע (גיכער אַסימילאַציע), האָט מען אָנגעהויבן רופן פאָלק אויך נאַציע מען האָט גענומען אידענטיפיצירן דעם פּאָליטישן באַגריף פון נאַציע (די מלוכה) מיטן נאַציאָנאַלן באַגריף פון פאָלק.

עס האָט געזאָלט הייסן, אַז ייִדן זענען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע, וואָס געהערט צוזאַמען מיט די אַלע איבריקע איינוווינער פון פראַנקרייך צו איין נאַציע, צו דער נאַציע פון דער פראַנצויזישער מלוכה. און אַסימילירטע, אָדער פאַרפירטע ייִדן האָבן זיך גלייך אין דעם

אַנגעכאַפּט. זיי זענען מיט איין מאָל געוואָרן פּאָליאַקן, דייטשן און פראַנ־
צויזן פון משהס גלויבן.

און הגם אַ טייל פון די רעליגיעזע ווי פון די געבליבענע נאַציאָנאַלע
ייִדן, האָבן אויך דאַן באַגריפן דעם תוכיקן אונטערשיד צווישן פאָלק און
נאַציע און האָבן דעריבער דעם ניי־אויפגעקומענעם אַסימילאַטאָרישן באַ־
גריף אָפּגעוואָרפן — איז פון דעסטוועגן פאַר די ווייניקער באַוווסטזיניקע
אויפגעקומען אַ באַגריפן־פּלאָנטער, וועלכן די אַסימילאַטאָריש גענייגטע
טיילן האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אויסגענוצט און נוצן נאָך היינט אויס
אויף אַן אָפּנאַרערישן, פאַרלייקנדיקן אופן.

שפּרינגט דעריבער אויך היינט, די דאָזיקע פאָלק־נאַציע־צעמישונג
אַרויס אין די פרייַע לענדער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.
און אונטער פאַרשידענע פאָרמען שפּרינגט זי דאָ אַרויס, ווי פאַרשידן
עס זענען די פאָרמען פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע.

קומט זי אַרויס פונעם מויל פון אַ געלערנטן ייִד (כאָטש וואָס פאַר
אַ שייכות זיין געלערנטקייט האָט מיט ייִדישקייט, בלייבט אַ פראַגע),
וואָס דערקלערט פּראָסט און פשוט: „ייִדן אין אַמעריקע זענען נישט קיין
באַזונדער פאָלק. אַמעריקע איז איין לאַנד, איין קולטור און איין פאָלק".
ווי זי קומט אַרויס פונעם מויל פון אַנדערע ייִדישע פאַרלייקענער, אונטערן
נאָמען פון טאָפּלטער לאָיאַליטעט.

און נישט נאָר צווישן עמי־הארצים, אָדער אָפענע פאַרלייקענער הערט
מען דעם דאָזיקן פּזמון פון פאָלק־נאַציע, נאָר די דאָזיקע באַגריפן־צע־
מישונג פּילט מען אויך אין די רייד ווי אין שרייבן פון אייניקע אַזוי־
גערופענע נאַציאָנאַלע ייִדן און ציוניסטן (סאָציאָלאָגן בלע"ז).

פרייהייט פון יחיד און רבים

פרייהייט, דער ווילן צו זיין פרײַ, איז נישט נאָר די אײַנ־טימסטע באַדערפעניש פונעם מענטש, נאָר פונעם גאַנצן לעבעדיקן באַשאַף. יעדעס באַשעפעניש, קליין צי גרויס, פאַרמאָגט אין זיך די גלוסטן צו זיין פרײַ. קיין לעבעדיקע זאַך אין דער וועלט לאָזט זיך נישט פאַנגען און פון אַ צווייטן ווערן באַהערשט.

נאָר אויב ביים איבעריקן לעבעדיקן באַשאַף וועמענס גאַנג אין לעבן ווערט מער דיקטירט פון אינסטינקט, ווי פון אַ באַוווסטזיניקן לעבנס־ציל, איז דער דראַנג צו זיין פרײַ גענוג שטאַרק, איז ער ביים מענטשן וואָס ווערט געפירט פון אַ קלאָרן לעבנס־ציל, פיל שטאַרקער.

און אויב ביי דער חיה איז איר גלוסטן צו זיין פרײַ אַ בלויזע פיזישע באַדערפעניש, איז די דאָזיקע תשוקה ביים מענטשן אַ צוויי־פאַכיקע, אַ פיזישע און גייסטיקע.

דער בן־אָדם וויל נישט און קען נישט זיין פון קיינעם אונטערדריקט און באַגרענעצט. ער קען זיך נישט על פי זיין מענטשלעכער נאַטור לאָזן אַריינקוועטשן אין קיין שום סדום־בעטל, ווי קליין ער, דער מענטש אַליין, זאָל נישט זיין. ער מוז זיך קענען פרײַ באַוועגן איבער אַלע שטחים פונעם מענטשלעכן לעבן.

און די זעלבע פרײַהייט וואָס ער, דער יחיד, וויל האָבן פאַר זיין גוף, וויל ער אויך האָבן פאַר זיין גייסט. אויך דער מענטשלעכער גייסט דאַרף זיך קענען פרײַ באַוועגן. ער דאַרף קומען צום אויסדרוק אין אַלע זיינע אויסדרוק־פאָרמען.

און ס׳איז רעכט אַזוי. ווייל דער דראַנג פונעם מענטשן צו זיין פיזיש

און גייסטיק פרײַ, איז ביי אים נישט נאָר ווי אַלע איבעריקע לעבנס־באַדערפעענישן, אַ ביאָלאָגישע באַדערפעניש, נאָר זי איז אויך אַ מאָראַלישע, וואָס קיינער טאָר זי ביי אים נישט צונעמען.

✶

נאָר צי איז די דאָזיקע פרײַהייט פונעם יחיד אַן אַבסאָלוטע, אַ פרײַהייט וואָס טאָר אין קיין פאַל נישט געשטערט ווערן, אויך נישט דאַן, ווען זי רירט אָן די אינטערעסן און די פרײַהייט פונעם צווייטן, אָדער איז זי בלויז אַ רעלאַטיווע פרײַהייט, אויף אַזוי פיל רעלאַטיוו, אויף וויפל זי דאַרף אויך אין זינען האָבן די פרײַהייטס־אינטערעסן פונעם צווייטן?

זיכער איז זי נישט און קען נישט זיין קיין אַבסאָלוטע, ווי קיין זאַך וואָס האָט אַ שייכות צום מענטש איז נישט אַבסאָלוט. און אויך, ווייל דער מענטש לעבט נישט אין קיין סאָציאַלן וואַקום.

און די זעלבע פרײַהייט וואָס ער, דער יחיד ראובן, וויל האָבן פאַר זיך, וויל אויך און דאַרף דער צווייטער יחיד שמעון פאַר זיך.

און דאָרט ווו עס זענען פאַראַן מער ווי איין יחיד, ווו ס'איז דאָ אַ רבים, אַ כלל, קען שוין פאַרשטייט זיך, קיין אַבסאָלוטע פרײַהייט פאַרן יחיד נישט זיין. ווייל דער יחיד מוז זיך, מיט זיין פרײַהייט אויך טיילן מיטן צווייטן.

און ווי מען טאָר נישט אים, דעם יחיד, פון זיין פרײַהייט באַרויבן, אַזוי טאָר ער אויך נישט באַרויבן דעם צווייטנס פרײַהייט. ווער רעדט שוין אין זיין ווילדן פרײַהייטס־געיעג גאָר צו באַרויבן דעם צווייטנס לעבן, אָדער אַפילו בלויז צו שטערן זיין גייסטיקע רו.

דאָס זעלבע איז מיטן כלל (רבים). ווייל וואָס איז דען דער כלל אויב נישט אַ צאָל פון יחידים? די זעלבע געזעצן וואָס זענען גילטיק פאַרן פרט (יחיד) זענען אויך חל פאַרן כלל (רבים).

דאַרף בכן אויך דער כלל, ווי אַ פאָלק, זיין פרײַ. פרײַ פון יעדן פרעמדן דרוק, פיזישן און גייסטיקן. און פרײַ צו באַשטימען זיין אייגענעם גורל און זיך אויסלעבן אויף זיין אייגענעם אופן.

נאָר די זעלבע פרײַהייט, וואָס דער כלל, אָדער דאָס פאָלק, פאָדערט

פֿאַר זיך, דאַרף עס אויך געבן אַ צווייטן. ווער רעדט שוין, אַז עס טאָר אַזאַ פֿרײַהייט ביים צווייטן נישט אָפּנעמען.

און דער ווערט פון פֿרײַהייט, וואָס אַ יחיד אָדער אַ רבים פֿאַרמאָגט, ווערט בלויז געמעסן אין שייכות צו דער זעלבער פֿרײַהייט וואָס ווערט געגעבן צו אַ צווייטן.

ווי נאָר אָבער די פֿרײַהייט פֿונעם יחיד צי פון כלל רירט אָן דעם צווייטנס פֿרײַהייט, ווערט דעם, וואָס טרעט איבער די מאָס פון זיין פֿרײַהייט — זיין אייגענע פֿרײַהייט נישט גערעכנט...

און ווי אַלע לעבנס־באַדערפֿענישן אין וועלכע דער מענטש נייטיקט זיך, ווערן דערמיט מענטשלעכע ווערטן — אַזוי ווערט אויך די פֿרײַהייט אין וועלכע דער מענטש נייטיקט זיך, איינע פון די מאָראַלישסטע מענטשלעכע ווערטן. און ווי אַ מאָראַלישער ווערט דאַרף די פֿרײַהייט פֿונעם יחיד און רבים געמאָסטן און געוואויגן ווערן.

✶

אין פּרעהס מצרים זענען די בני־ישראל געוואָרן געפּייניקט מיט עבודת־פּרך און זענען געוואָרן באַרויבט פון דער פֿרײַהייט פון יחיד און רבים. פון דער פֿרײַהייט זיך צו באַוועגן ווי יחידים און זיך צו אָרגאַניזירן ווי אַ כלל.

און אין דעם היינטיקן מצרים, ווי אין דעם „פֿרײַהייטלעכן״ סאָוועטישן, ווערן אויף די ייִדן קיין באַזונדערע „עבודת פּרך״ נישט אַרויפֿגעלייגט. נאָר זייערע יחידישע ווי נאַציאָנאַלע פֿרײַהייט ווערט ווי אַ מאָל אונטערדריקט און פון זיי באַרויבט.

וואָרעם איז דאָס נישט קיין פֿרײַהייט באַרויבונג, ווען דער ייִד אונטער די אַראַבער, ווי אונטער די סאָוועטן, קען זיך נישט פֿרײַ באַוועגן און אויסלעבן זיך אויף זיין אופן און שטייגער?

עס איז אַ טאָפּלטע פֿרײַהייט־באַרויבונג. עס איז די באַרויבונג פון זיין פֿרײַהייט ווי אַ ייִדישער יחיד, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט אין דער פֿולער מאָס זיך אויסצולעבן אין זיינע ביידע שפּראַכן און קולטור, און ס׳איז אַ באַרויבונג פון זיין נאַציאָנאַלער פֿרײַהייט ווי אַ ייִדישער קאָ־

לעקטיוו, — נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט פון נאַציאָנאַלער אָרגאַני־זאַציע און אַלפּאַלקישער פאַרבינדונג.

און ווייל ייִד־זיין, איז אין זיין עצם די פאַרבינדונג פונעם יחיד מיטן כלל, איז דעריבער די אונטערדריקונג פונעם ייִדישן יחיד, די אונטערדרי־קונג פונעם כלל, ווי די אונטערדריקונג פון ייִדישן כלל איז די אונטער־דריקונג פונעם יחיד.

און עס זענען אויך נישט פאַראַנען קיין באַזונדערע מאָסן פאַר פרײַ־הייט. ווייל דער באַגריף פון פרײַהייט, ווי פון אמת און גערעכטיקייט, איז ווי יעדער מאָראַלישער באַגריף אומצוטיילבאַר און איז איינער פאַר אַלע.

פיזישע און גייסטיקע זיכערקייט

וואָלטן מיר כולל זיין אַלע אונדזערע פּראָבלעמען אין איין הויפּט־פּראָבלעם, פאַר וועלכן גאָר די ייִדישע מוחות דאַרפן זיך קאָנצענטרירן און זאָרגן, וואָלט אויסגעקומען, אַז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען וואָס באַאומרויִקט אונדז אַזוי „בכל אתר ואתר" (אין יעדן אָרט) און פון וועלכן ס'איז אָפּהענגיק גאָר אונדזער קיום און המשך — איז דאָס פּראָבלעם פון אונדזער פיזישער און גייסטיקער זיכערקייט.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, וואָס איז ווי צוויי זייטן פון איין מטבע און פון איין אַרומנעמענדיקער גאַנצקייט, איז נוגע נישט נאָר דעם יחיד, נאָר אויך דעם רבים, דאָס פאָלק, וואָס איז אין תוך נישט מער ווי אַ צאָל פון יחידים און איז איין נאַציאָנאַל־אָרגאַנישע איינהייט.

זענען דעריבער ביידע; די פיזישע און גייסטיקע זיכערקייט, גלייך נייטיק פאַר דער נאַציאָנאַלער פאָלקס־דערהאַלטונג, ווי זיי זענען נייטיק פאַר יעדן באַזונדערן ייִד.

און וואָס עס מיינט פאַרן פאָלק פיזישע זיכערקייט, איז קלאָר. עס מיינט פּראָסט און פּשוט, די דערהאַלטונגביים לעבן פון אַלע זיינע יחידים, פון וועמען דאָס פאָלק ווי אַ כלל באַשטייט. דאָס דערהאַלטן פון זייער פיזיש־ביאָלאָגישער עקסיסטענץ.

און גייסטיקע זיכערקייט, וואָס איז קאָמפּליצירטער, מיינט אין קורצן: דאָס פלעגן אינעם ייִד אַלע זיינע נאַציאָנאַלע און מאָראַליש־גייסטיקע ווערטן, וואָס מאַכט אים זיך פילן ווי אַ ייִד און ווי אַ טייל פונעם פאָלק.

הגם מיר דאַרפן ביידע זיכערקייטן גלייך האָבן, און הגם דאָס נאַציאָנאַל־עיקרדיקע, דאָס באַזונדערע, וואָס טיילט דעם ייִד אויס פון די אַנ־

דערע און מאַכט אים פאַר אַ ייִד, קאָנצענטרירט זיך אין זיין גייסטיקייט — אין זיין באַזונדערן ייִדישקייט־אויפנעם און אין זיין געבונדנקייט מיטן פאָלק, וואָס אָן דעם איז נישט דענקבאַר קיין ייִדיש פאָלק — איז פון דעסטוועגן בשעת אַ סכנה פאַר זיי ביידע — די זאָרג פאַר דער ייִדיש־פיזישער עקסיסטענץ ראשיתדיקער און קודמער.

זי איז קודמער, ווייל ווי וויכטיק פאַרן ייִדישן נאַציאָנאַלן זיין — די נאַציאָנאַל־גייסטיקע עקסיסטענץ זאָל נישט זיין, איז זי אָבער אוממעגלעך אָן זיין פיזיש־ביאָלאָגישער עקסיסטענץ.

מחמת פאַר אַ טויטן ייִד איז שוין נישט וויכטיק קיין נאַציאָנאַלע פראַגע און עס עקסיסטירט שוין פאַר אים נישט קיין פראָבלעם פון אומ־קערן זיך צום פאָלק. דאַקעגן אַ ייִד אָבער, ווי לאַנג נאָר ער לעבט, קען ער יעדע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און גייסטיקן פיין איבערלעבן.

✶

אויב דאָס פראָבלעם פון פיזישער און גייסטיקער זיכערקייט איז ווען געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן, איז עס אָבער קיין מאָל נישט געווען אַזוי טאָטאַל־סכנהדיק, ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען מען גאַנס געפאַר ס'איז נאָך נישט אַריבער אויך בימינו.

ווייל דאָס וואָס די דייטשן האָבן מיט אונדז געטאָן, האָט נאָך קיינער ביז זיי נישט באַוויזן צו טאָן. אַזוי אָפן און פּלאַנמעסיק, אַזוי אַרומנע־מענדיק און אויסגערעכנט צו קוילן יונג און אַלט, איז נאָך קיינעם ביז זיי נישט געלונגען.

און דאָס דאָזיקע איז ווי אַן עפּידעמיע אָנשטעקנדיק. דער דאָזיקער ביישפּיל קלעפּט זיך צו יעדן רוצח און ייִדן־פיינד, בפרט גלוסטנדיקן נאָך ייִדישן רויב.

ביי קיין שום אומה ולשון איז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט אַזוי שאַרף און סכנהדיק, ווי ביים ייִדישן פאָלק. קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט זיך מיטן דאָזיקן פּראָבלעם אַזוי נישט געראַנגלט ווי מיר.

אויך אַנדערע פעלקער זענען צייטנווייז געווען אונטערדריקט אָדער געלעבט ווי אַ מינדערהייט צווישן אַ פרעמדער מערהייט, און דאָך האָט

זיי, אויסער אין זעלטענע אויסנא̈מען, נישט געדרא̈ט קיין פיזישער און גייסטיקער אומקום, ווי עס דרא̈ט פערמא̈נענט (מיט קליינע איבעררייסן) דעם יידישן פא̈לק.

סיבות זענען פא̈רא̈ן פא̈רשידענע. מיר וועלן זיי א̈לע דא̈ נישט אויס־רעכענען. מיר וועלן נא̈ר דערמא̈נען עטלעכע: מיר זענען א̈ בא̈זונדער פא̈לק, א̈ יחיד במינו, וווא̈ס הא̈ט נישט מיט קיינעם קיין געמיינזא̈מע שפרא̈ך, רעליגיע און שטייגער. מיר זענען דער נישט קא̈נפא̈רמיסט און גייסטיקער אומרו צווישן די פעלקער. און א̈ז מען קען נא̈ך אויסנוצן אונדזער שווא̈כקייט פון נישט צוריקשלא̈גן און אויף אונדזער קא̈נטע זיך בא̈רייכערן, וועקט עס דעם חשק אונדז א̈נצוגרייפן.

עס זעט מיר א̈פילו אויס, א̈ז די א̈לגעמיינע סכנה פון נוקלעארן געוועער, וווא̈ס הענגט איבער יעדן מענטשנס קא̈פ, הענגט איבער אונדזער קא̈פ ווי נידריקער און סכנהדיקער.

א̈לע כלומרשט פרײַהייטלעכע און מענטשן־ליבנדיקע רייד פון די פעל־קער, ווערן לגבי אונדז נישט נא̈ר דערפירט צו צביעות און שקר, נא̈ר זיי ווערן נא̈ך אין זייער פרא̈קטישן א̈נווענד אויסגענוצט דורך די, וווא̈ס לויערן אויף אונדזער פיזישער און גייסטיקער זיכערקייט.

און זא̈ל מען אונדז אויפהערן צו בא̈רויקן, און זא̈לן די נישט בא̈רופענע א̈וועקגיין פונעם קהלשן שטענדער, אויב נא̈ר מען וויל נישט איבערחזרן די פעלערן פון דער נא̈ענטער פא̈רגא̈נגענהייט.

*

און ס'איז בכן די העכסטע צייט צו א̈רגא̈ניזירן און א̈קטיוויזירן די כוחות קעגן דער יידן־פיינטלעכער בעסטיע בכל „אתר ואתר" (א̈לע ער־טער) און איבערגיין אין א̈ קא̈נטערא̈פענסיווע. ווייל די בעסטע טא̈קטיק קעגן א̈ן א̈נפא̈לער איז א̈ קא̈נטערא̈נגריף.

אויב יא̈רן נא̈ך דער דייטשער מפלה קענען נא̈ך די נא̈ציס און זייערע מיטהעלפער נישט נא̈ר אויפהייבן דעם קא̈פ, נא̈ר נא̈ך זא̈מלען געוועער, יידן־גא̈ז און בפני כל עם ועדה פרא̈קלא̈מירן אונדזער פא̈רניכטונג, איז

נישט נאָר מיט דער וועלט עפּעס נישט אין אָרדענונג, נאָר צוליב אונדזער אייגענער פּאַסיוויטעט, מיט אונדז אַליין אויך נישט.

דער שונא זעט אונדזער שוואַכקייט פון גאָרנישט טאָן, פון באַהאַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד. און צו דעם הערט ער נאָך ווי די שטילע ברכה פון אַלערליי וואָרט־און פּריַיהייט־פּאַרמאַליסטן (אויף אונדזער קאָנטע), איז אַ ווונדער, וואָס עס מוטיקט און קרעפטיקט אים?

און ווי מאָדנע. אין אַזאַ שעת חירום פאַרנעמען זיך ייִדישע אָרגאַניזאַציעס נישט מיט געפינען קאָנקרעטע מיטלען אויסצוראָטן די אַנטי־ייִדישע שלאַנג, נאָר גאָר מיט אומדרינגלעכע און נישט־ייִדישע זאָרגן.

און מער מאָדנע איז, וואָס אין אַזאַ לאַנד ווי צפון־אַמעריקע, אַ לאַנד, וווּ קיינער באַזונדער קען נישט זאָגן, אַז ס'איז זיינס, וווּ אַלע אירע באַוווינער און פעלקער האָבן עס גלייך זוכה געווען ווי פון אַנטדעקערישן הפקר — צעלייגט זיך אַ שונא אונטער דער שטיל־שווייגעניש פון דער דעמאָקראַטישער מאַכט, קעגן ייִדן.

דערפאַר אָבער זיצן נישט אַ טייל מיט פאַרלייגטע הענט. אָ, ניין. זיי פאָרשן, פאָרשן דעם רוצחס פסיכיק, די פּסיכאָלאָגיע פון אַנטיסעמיטיזם און כדומה אַזעלכע פאָרשונגען, ביז מען דערקלערט, אַז אין אַמעריקע איז קיין אַנטיסעמיטיזם נישטאָ. נאָר דערווייל ווערן ווי צופעליק געוואָרפן באָמבעס אויף ייִדישע שולן, ווערן געמאַכט שריפות און רויבונגען אין ייִדישע אַנשטאַלטן, צעבראָכן מצבות אויף ייִדישע בית־עלמינס און אָפּגעהאַלטן נאַצישע צוזאַמענפאָרן.

און אויך אַזוי צופעליק ווערט פאַרקוקט, וואָס אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן נאָך ביז היינט נישט ראַטיפיצירט דעם „גענאָסיד"־אָפּמאַך און עס כאָווען זיך אינעם דעמאָקראַטישן אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער ייִדן־רוצחישע קאָרפּן־קעפּ.

✶

וואָרענען מיר און זאָגן: אַז די חיה האָט איר לוסט צו פאַרצוקונג נאָך נישט געשטילט. אַז מיר דאַרפן זיין וואַכזאַם און טאָרן זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן.

אַז מיר דאַרפן מיט אַלע מיטלען זיין גרייט צו באַקעמפן די בעסטיע. איר באַקעמפן טראַץ די עצות און אומווילן פון די, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז אונדז צו שיצן. און איר באַקעמפן נישט בלויז מיט רייד, נאָר ווען נייטיק, מיט כוח. כוח קעגן כוח.

און כדי צו באַוואָרענען בכלל אונדזער זיין — איז נייטיק זיך צו קאָנצענטרירן אויף די צוויי הויפּט־געביטן פון פיזישער און גייסטיקער זיכערקייט. און דאָס מיינט: אַז אונדזער יוגנט דאַרף זיך לערנען צו זיין פיזיש און גייסטיק שטאַרק.

זיך לערנען און אַריינדרינגען אין אַזעלכע געביטן, וואָס קענען באַוואָרענען דעם זיין פונעם ייִדישן פאָלק. אַריינגעדרינגען און אויך זיין די פאָרויסלויפער פון נייע אַזעלכע געביטן.

האָבן גרייט אין אַלע תפוצות־ישראל זעלבסט־שוץ־אָפּטיילונגען „על כל צרה שלא תבוא". בילדן אַן אייגענעם אויג און אויער — כדי באַצייטנס צו וויסן וואָס דער שונא טוט און טראַכט וועגן אונדז. אויך כדי צו אַנטדעקן די „צופעליקע" רציחות קעגן ייִדן...

גרינדן אַ נאַציאָנאַלן, נאָר אומפּאַרטיייִשן רעטונגס־פאָנד, וועמענס קאַפּיטאַל זאָל גיין אויף צו ראַטעווען ייִדן בעת אַ סכנה און וועמענס הכנסות אין נאָרמאַלע צייטן זאָלן גיין אויף אַן אונטער־פּאַרטיייִשער, אָבער נאַציאָנאַל־קיומדיקער דערציִונג.

מיר דאַרפן בכלל אָנהייבן פירן אַ נאַציאָנאַל פּלאַנירטע ווירטשאַפט מיט אַן אויג אויף די דאָזיקע גרונט־אויפגאַבן. לאָמיר נישט איבערחזרן די פריִערדיקע פעלערן און זיין גרייט צו יעדן מאָמענט. בפרט אין דער איצטיקער צייט פון אַטאָם.

פרייהייט און לעבן

ס'איז בלי ספק, אַז איינע פון די גרעסטע מתנות, וואָס דער מענטש באַזיצט אין זיין לעבן, איז זיין פרײַהייט. זיין פרײַהייט צו דענקען און צו קומען אויף אַ געוויסן אופן צום אויסדרוק — די פרײַהייט וואָס בלייבט דעם מענטש איבער, נאָכן אַראָפּרעכענען די אַלע באַגרענעצונגען, וואָס די נאַטור באַגרענעצט אים אין זיין לעבן.

ווייל אין דער אמתן, איז דער מענטש באַלד נישט אַבסאָלוט פרײַ אין זיינע מחשבות און מעשים. ער איז אַפּריאָרי (אין פאָרויס) באַגרענעצט אין זיין באַנעם ווי אין זיין האַנדלען.

ער איז אָבער אויך נישט אַבסאָלוט אומפרײַ דער מענטש. עס בלייבט אים נאָך אין די ראַמען פון דער דאָזיקער באַגרענעצטדיקייט גענוג פרײַ־הייט פאַר זיינע מחשבות און מעשים. ער האָט נאָך גענוג כוח פונאַנדער־צונעמען זיינע פליגל פאַר אַ פרייעם פלי אינעם רוים, נישט בלויז אין דער פאַנטאַזיע...

און די פרײַהייט פונעם מענטשנס פאַרשטעלן זיך און טראַכטן אין אַלע זיינע אופנים, איז ווי זיין אייגענער אָטעם. און פונקט ווי אָן אַן אָטעם קען דער מענטש נישט לעבן, ער ווערט דערשטיקט, אַזוי וואָלט אויך דער מענטש געוואָרן גייסטיק דעשטיקט אָן זיין פרײַהייט פון געדאַנק.

און כאָטש די פרײַהייט פון טראַכטן קען ביי אים קיינער נישט צו־נעמען, ווייל קיינער קען אים פון זיינע געדאַנקען נישט באַרויבן, באַנוגנט זיך אָבער נישט דער מענטש מיטן בלויזן טראַכטן. ער וויל און האָט דעם פלאַמיקן גלוסט אויך צו קומען צום פולן אויסדרוק. ער וויל זיינע גע־דאַנקען פאַרקערפּערן אין וואָרט און אין שריפט און זיי אויך פאַרווירק־לעכן אין מעשים.

און דאָ, ביים פאַרווירקלעכן זיי אין מעשׂים, ביים אַרויספירן זיי פונעם אייגענעם רשות (פון רשות היחיד) און אַריינפירן זיי אין רשות הרבים, שטויסן מיר זיך אָן אין די שוועריקייטן פונעם לעבן, פונעם אייגענעם מענטשלעכן לעבן.

*

דער מענטש אין זיין נאַיוון, סוביעקטיוון טראַכטן, וויל זיך נישט באַנוגענען מיט דער מאָס פרײַהייט, וואָס ער האָט און איר צופּאַסן לטובת דעם לעבן, דעם גאַנצן מענטשלעכן לעבן.

אין זיין גיריקייט נאָך מאַכט און אין זיין תאווה אַלץ צו באַהערשן, וואָס נורטעוועט אין זיינע טיפסטע טיפענישן, וויל ער נישט שלום מאַכן מיט זיין חלק פרײַהייט און מיטן געדאַנק פון זיין באַגרענעצ־טיקייט. ער וויל נישט זען אַז אַזאַ זאַך ווי אַבסאָלוטע פרײַהייט איז גאָר נישט בנימצא. נישט נאָר דער מענטש איז נישט אַבסאָלוט פרײַ, נאָר אויך נישט די כוחות אין דער נאַטור.

וואָרעם וואָלט עס אַנדערש געווען, וואָלטן די כוחות אין דער נאַטור געווען אַבסאָלוט פרײַ, וואָלט שוין די וועלט לאַנג קיין קיום נישט געהאַט. זיי וואָלטן אַרויס פון זייערע גרענעצן און געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס צווישן זיך.

זיי זענען אָבער באַגרענעצט אין די ראַמען פון זייערע געזעצן און נאָר אין די דאָזיקע ראַמען האָבן זיי זייער פרײַהייט פון באַוועגונג, ווי דער מענטש האָט אין זיין באַגרענעצטדיקייט — זיין רעלאַטיווע פרײַהייט.

און וואָלט אַפילו דער מענטש יאָ געהאַט זיין אַבסאָלוטע פרײַהייט, וואָלטן מיר זי אויך לטובת דעם אַלגעמיינעם לעבן אַליין באַגרענעצט, ווי מיר באַגרענעצן לטובת דעם צוזאַמענלעבן פיל אַנדערע זאַכן און דער־שיינונגען פונעם יחיד און רבים.

און קיין זאַך אין און אַרום דעם מענטש איז נישט איינזייטיק. יעדע זאַך אין דער נאַטור ווירקט זיך אויס לגבי דעם מענטש גוט אָדער שלעכט, אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען אין וועלכע ער געפינט זיך, מאָס און פּראָ־פּאָרציע.

בפרט איז יעדע פיזישע און גייסטיקע דערשיינונג אינעם מענטש גופא, ווי צעצווייַקט, גוט אָדער שלעכט פאַר אים, אָפּהענגיק פון די נויטן און באַדערפענישן פונעם גאַנצן און פון די אייגענע און אַרומיקע ווירקונגען אויף אים.

דאָס איז באַזונדער נוגע דעם פּראַקטישן פאַרשטאַנד אין יעדן פאַל ווי דער מענטש דאַרף זיך קלאָר מאַכן ווי צו האַנדלען. ער מוז ערשט דורך אַ שווערן ישוב הדעת אַרויסגיין פון זיין וואַקלדיקער צעשפּאַל־טנקייט — און זיך סוף־כל־סוף דעצידירן, אָננעמען אַ פעסטן באַשלוס. מען טאָר נישט איבערטרייבן מיט די פאַרלאַנגען, ווי מען טאָר בכלל נישט איבערטרייבן מיט די מענטשלעכע כוחות. אַזוי למשל, איז זון־שיין גוט פאַרן מענטשן, עס היילט אים פון געוויסע קראַנקייטן און דערפרייט דאָס געמיט אין אים. פון דעסטוועגן איז דאָס צופיל ברענען זיך אויף דער זון, ווי קוקן אין איר שיַין, שעדלעך פאַרן מענטש. דאָס זעלבע איז מיטן איבערכאַפּן די מאָס פון יעדער זאַך און אַפילו פון דער פרייַהייט.

אויך די פרייַהייט דאַרף זיין נאָרמירט לטובת יעדן מענטש. זי דאַרף אַזוי איינגעשטעלט ווערן, אַז זי זאָל זיין אין פולער האַרמאָניע מיט יעדן איינעמס חלק פרייַהייט וואָס איז אים פון דער נאַטור געגעבן געוואָרן. פונקט ווי מען טאָר נישט קיינעם באַרויבן פון זיין פרייַהייט, אַזוי ווידער מעג מען דעם יחיד און רבים באַגרענעצן אין זייער פרייַהייט, אויב נאָר מיט איר ווילן זיי שעדיקן נישט נאָר די פרייַהייט פון די אַנדערע, נאָר אַפילו בלויז זייער כבוד און ווירדע, ווער רעדט שוין פון זייער לעבן.

✶

אַ מאָדנע בריאה איז דער מענטש. וואָס מער ער אַנטוויקלט זיך, עס שטייגן אין אים די גייסטיקע כוחות, אַלץ מער פאַרלאַנגען און אַמביציעס האָט ער. פאַרלאַנגען נישט בלויז פיזישע, נאָר אויך פסיכישע, וואָס פאַר־גרעסערן זיין געפיל פון עגאָ און רוקן אַלץ מער אַרויס דעם יחיד אין אים. און ווי איין געדאַנק רופט אַרויס אַ צווייטן, אַזוי רופט איין געפיל אַרויס אַ צווייטן, און מיטן שטאַרקן זיך פון זיינע גייסטיקע פאַרלאַנגען, שטאַרקן זיך אין אים אויך זיינע עגאָצענטרישע גלוסטונגען און פאַר־

לאַנגעז. דער מענטש וויל אַלץ קאָנצענטרירן אַרום זיך.

אין זיין אייביקער אומגעזעטיקטקייט, וויל ער זיך נישט באַנוגענען מיט דעם וואָס ער האָט. ס'איז דער דראַנג אין אים זיך נישט צופרידן שטעלן מיטן פאַראַנענעם, מיטן צוגעפּאַסטן פאַר זיינע כוחות, נאָר אַריבער־צויאָגן איבער יעדער מאָס און נאָרמע איבערן אייגענעם כוח און באַ־דאַרף.

און אַז די כוחות זענען פאָרט באַגרענעצט, ער קאָן פונעם אייגענעם לעבן מער וויפל עס איז פאַר אים באַשטימט נישט אַרויסקריגן, דאַרף מען דאָס אַרויסבאַקומען פונעם צווייטן.

ער וואָלט דעריבער וועלן אויך די שענסטע לעבנס־מתנה, די פרײַהייט, איר אויסנוצן נישט נאָר לויטן באַדאַרף פאַר זיך, נאָר נאָך אויספילן איר באַגרענעצטדיקייט מיט דעם חלק פונעם צווייטנס פרײַהייט. כדי זיך צו באַרעכטיקן די דאָזיקע גלוסטונג, שאַפט ער די איינרעדעניש פון עפּעס אַן אַבסאָלוטער פרײַהייט, אָדער אַן אַבסטראַקטער פרײַהייט, וואָס האָט מיטן אמתן מענטשלעכן לעבן גאָרנישט צו טאָן.

ער פאַרקוקט אַפילו צוליב דעם דאָס בושעווען אין נאָמען פון דער זעלבער פרײַהייט, פון אַלערליי פאַרברעכערס און פאַרברעכער־קאָלעקטיוון, קעגן די אַנדערע יחידים און קאָלעקטיוון, וואָס האָבן פונקט ווי זיי זייער רעכט אויף זייער פרײַהייט — און דאָס אַלץ צוליב זיין איינגערעדטן גלויבן אין עפּעס אַ באַזונדערער מחוץ מענטש פרײַהייט, וואָס אָט דער מענטש באַזיצט. אַ פרײַהייט, וועלכע מען טאָר אויף קיין האָר נישט אָנרירן, אַפילו ווען דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן פאָדערט עס.

עס זענען אָבער נישט פאַראַן קיין הייליקייטן מחוץ דעם מענטש, ווי מחוץ יעדן לעבעדיקן באַשאַף. אַלץ וואָס לעבט, עקסיסטירט, האָט רעכט צו לעבן. און קיין זאַך אין דער נאַטור טאָר נישט סתם געשעדיקט און געשטערט ווערן אין איר עקסיסטענץ.

בפרט טאָר קיין יחיד און רבים נישט באַלעסטיקן און שטערן דאָס לעבן, פיזישע צי גייסטיקע, פון אַ צווייטן יחיד און רבים, דורך וואָס פאַר אַן איינריידענישן דאָס זאָלן נישט זיין, אַפילו נישט דורך אַן איינגערעד־טער כלומרשטער אַבסאָלוטער פרײַהייט.

אונדזער אייגענער חשבון

זאָל קודם כל געזאָגט ווערן, אַז מיטן מאַכן דעם אייגענעם חשבון, מיינען מיר נישט אויף אַ האָר צו פאַרלייקענען, צו מילדערן דעם אַל־געמיינעם דייטשן חשבון. דעם חשבון פון דער בלאָנדער בעסטיע פונעם גערמאַניען־לאַנד, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „דייטשעס פאָלקעס״.

דער חשבון פון דעם דאָזיקן „ביטע שיין און דאַנקע שיין״־מאָנסטער, וואָס האָט מיט אַן אור־גערמאַנישן אימפּעט אַרויפגעשטורעמט דעם אייגע־נעם וואַלד־געווילד איינצונעמען די וועלט און איין וועג אויך צו פאַר־ניכטן, עוקר מן השורש צו זיין דאָס יידישע פאָלק. דער דאָזיקער בלוט־טיקער חשבון בלייבט טראָץ די אַנטשיידונגען פון די רעאַליסטיקער מיט די אויך־יידן, אָפן און נישט געסילוקט אויף אייביק.

און הגם אויך דער אייגענער חשבון איז אין תוך לרוב אַ דייטשער, ווייל אַלץ וואָס יידן אַליין האָבן געטאָן צו זייערע ברידער אין די געטאָס און לאַגערן, איז דאָך קודם כל געווען אַ רעזולטאַט פון די דייטשע בלוט־הינט, פון זייערע שוידערלעכע מעשים, וואָס האָבן גורם געווען צו אָט דער פאַרדאָרבנקייט.

וואָרעם דאָס האָבן דאָך די דייטשן דורך זייערע פאַרפירערישע ליגנס און בלוטיקן טעראָר, די יידן פּסיכיש און מאָראַליש אַנטוואָפנט, מאַכנדיק זיי פאַר די אויספירער פון זייער ווילן, וועלן מיר פון דעסטוועגן זיך אויך נישט אָפּזאָגן פונעם אייגענעם יידישן חשבון. פונעם ביטערן חשבון מיט די, וואָס האָבן שוין וויסנדיק פון די דייטשע גרויל־מעשים (1942־43), פון די צעשיסונגען און פאַרגאַזונגען פון זייערע שוועסטער און ברידער

און טיילווייז אויך פון זייער אייגן בלוט און פלייש, האָבן זיי נאָך אַלץ געדינט דעם פּאַרטיליקער פון זייער פאָלק.

מיט אַ הכנעה פון געצנדינער, וואָס שיקן זייערע קינדער צום פייער פון „מולך״ (אַ קינדער־פאַרברענענדיקער געץ) מיט דער איינגלויבעניש צו פאַרזיכערן דערפאַר דאָס אייגענע שטיקל לעבן, האָבן זיי דורך זייערע אַרויסגעגעבענע יידן־ליסטעס, אָדער נאָך שוידערלעכער, דורכן אַליין איבערגעבן דעם ייִד צום טייוול (געטאָ־פּאָליציי) געמיינט צו ראַטעווען די אייגענע הויט, אָדער צו פאַרלענגערן אויף אפשר פאָרט?... דאָס אייגענע לעבן.

און דאָס האָבן געטאָן (מיט קליינע אויסנאָמען) יודן־ראַטלער פון אַלע יידישע פּאַרטייען. יידן פון אַלע שיכטן און קלאַסן. פרומע, פרייע, נאַציאָנאַלע און וועלטלעכע.

און קיין תירוץ, קיין „אל תדין את חברך״... (משפט נישט דיין חבר ביז דו ביסט נישט אויף זיין אָרט) וועט נישט אָפּוואַשן אָט דעם אייגענעם בלוטיקן שאַנד־פלעק פון אונדז.

ווייל ביי אַזאַ זינד, — אַרויסגעבן אַ ייִד צום טויט, — גילט נישט, איז נישט חל קיין זכות און קיין פאַרענטפערונג. געהער דאָך דאָס צו די דריי זאַכן אויף וועלכע ס׳איז געזאָגט געוואָרן. „יהרוג ולא יעבור״ (מען זאָל זיך אַליין לאָזן טויטן, איידער צו דערברענגען צו אַ צווייטנס טויט).

און אַז מען וויל, איז אַפילו דער תירוץ פון נישט וויסן ביים אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, נישט קיין גענוגנדיקער. וואָרעם האָט מען דען נישט געהערט פון ימח שמוניקס קלאָרע רייד צו פאַרניכטן די יידן? און אַוודאי און אוודאי גילט נישט דער תירוץ אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען עס זענען שוין אין די געטאָס דערגאַנגען די זיכערע ידיעות פונעם יידן־אומברענג.

געוויס מאַכן מיר נישט פאַראַנטוואָרטלעך דעם קרבן, די קדושים פון די אומבאַשיצטע קינדער, פרויען און אַלטע פאַר זייער לעצטן מאַרטירער־וועג. מיר נעמען אויך אַרויס פונעם חשבון דאָס איבעריקע פאָלק,

וואָס איז פון ביידע צדדים, פונעם מערדערלעכן דייטשן און להבדיל (אויך דאָ איז נייטיק אַן הבדלה) פון אומדירעקטן יודן־ראַטלערישן געוואָרן פאַרפירט און אָפּגענאַרט.

דער רוב פונעם פאָלק, די אומאָרגאַניזירטע מאַסן, זענען קיין מאָל אַליין נישט פעיִק עפּעס אונטערצונעמען. בפרט קעגן אַזאַ גוט באַוואָפנטן אָרגאַניזירטן שונא. דאָס פאָלק, בפרט אַזאַ פאָלק ווי דאָס יידישע מיט אַן איינגעוואָרצלטער מאָראַלישער אחריות פאַרן צווייטן און מיט אַן איבערטריבענעם בטחון (וואָס קריכט דווקא אַרויס ווען מען דאַרף אים נישט), אָרגאַניזירט זיך נישט אַליין, נעמט נישט דעם גורל אין דער אייגענער האַנט, נאָר וואַרט אויף זיינע פירער. און די „פירער״ האָבן ביטער פאַרפירט.

אַפילו רעוואָלוציעס, וואָס קומען פון אונטן, פון די סאַמע מאַסן, ווערן נישט געמאַכט ספּאָנטאַן פון זיך אַליין, ווי עס קען אויסזען אויפן ערשטן בליק, נאָר ווערן פריִער גוט צוגעגרייט דורך רעוואָלוציאָנערע גייסטער און דערנאָך, ערשט דורך אַ שטאַרקן פּסיכישן שטויס ווערן זיי צום לעבן אַרויסגערופן. אָבער אויך זיי האָבן זייערע אָרגאַניזירער. ווי קליין און שוואַך די אָרגאַניזאַציע זאָל נישט זיין.

ביי יידן, בפרט אין די גלותן, איז די געשיכטע גאָר אַן אַנדערע. טראָץ די פּעריאָדיש איבערגעחזרטע הריגות און שחיטות, ווערט נישט דער ייִד צוגעגרייט באַצייטנס צו קעמפן פאַר זיין לעבן, צו אַן אַקטיוון קידוש אַ ייִד והעם, נאָר פאַרקערט ער וואַרפט זיך פאַסיוו אונטער זיין גורל.

און ווי נאָר די צרה גייט אַריבער, ווערט ער צוריק פאַרוויגט אין באַרויִקנדיקע בטלנותדיקע אייַנריידענישן און אין אַ ביליקן אָפּטימיזם, אין וועלכן ס׳איז נישטאָ קיין שום אַנדערער נאַציאָנאַלער אינטערעס, אַחוץ דער אינטערעס פון די זאַמל־אַפּאַראַטן, ווי נייטיק זיי זאָלן נישט זיין.

אַוודאי איז דער גערעגל פון „לחי״, ארגון און הגנה אין ישראל, ווי דער ווידערשטאַנד אין וואַרשע און ביאַליסטאָק, די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן, געווען אַן אויסנאַם, אַ געבענטשטער אויסנאַם, הגם אַ קליינער. די דאָזיקע אויסנאַמען אָבער, מאַכן נאָך טרויעריקער דעם חשבון. ווייל דאָס ווייזט,

אין גערא̈נגל פון צייט

אַז ביי אַ געהעריקער אָנפירונג און צוגרייטונג אין צייט, וואָלט די לאַגע, אויב אַפילו נישט אין גאַנצן, דאָך געקענט אַנדערש זיין.

דער אַנדערש זיין מיינט, הונדערטער טויזנטער גראַטעוועטע, מער אויפשטענדלער און פּאַרטיזאַנער־קעמפער און אויך מער דייטשע פּגרים. און עס האָט דאָך ביי די זעלבע ריזיקע אויך געקענט גאָר אַנדערש זיין... ווער ווייסט?

מיר וואָלטן אָבער דער עיקר נישט געמאַכט זיך צו שאַנד און שפּאָט אין די אייגענע אויגן. דורך די אַלערליי פּאַררעטער און מיטהעלפער. בפרט דורך אַזאַ שדישע איינאָרדענונג ווי אַ יידן־פּאָליציי, וואָס שטעלט צו דעם אייגענעם טאָטן פאַר די גריבער, אָדער גאַז־קאַמערן.

נאָר דער עיקר ווילן מיר דערמיט אַלאַרמירן קעגן אַ נייעם מין גלאָריפיצירן אַלדאָס געשעענע אין די צייטן פון די געטאָס, וואָס אַרבעט זיך שוין צוליב ווּעמענס אינטערעסן ביי אונדז אויס.

און אין נאָמען פון אָט די אינטערעסן ווערן די אַלע מעשׂים טובים און די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר זיי גענומען אין שוץ און קיין ברעקעלע שטויב לאָזט מען נישט פאַלן אויף זייערע „הייליקע" קעפּ. ווי נאָר עמעצער וואַגט אַרויסצוקומען מיט אַ קריטיש וואָרט קעגן אָט דעם אָפּגעד לאָפּענעם געטאָ־שוידער, אַזוי הייבט זיך גלייך אויף אַ שטורעם און די חברה הייבט גלייך אָן שרייען „קאַראַול"...

ס'איז אמת, אַז נישט מאהבת המן טוען זיי דאָס. ווייל אין זייער טיפסטן טיף פילן זיי פאָרט די „נבלה שנעשה בישראל" (די שאַנד וואָס איז געשען אין געטאָ) און סוף כל סוף זענען זיי דאָך אויך יידן. נאָר וואָס דען, זיי זענען נעבעך אַליין נישט אין אָרדענונג מיט זיך, מיטן אייגענעם געוויסן. און אַז מען איז אַליין נישט אין אָרדענונג מיט זיך, ציטערט מען אַפילו פאַר די אייגענע ווענט...

זיי זענען טאַקע דאָרט נישט געווען, און מען קען זיי דעריבער אין קיין דירעקטע שולד נישט באַשולדיקן. נאָר גאָר פריי פון אחריות, פון נאַציאָנאַלער אחריות, זענען זיי אויך נישט. ווייל זיי האָבן דאָן אונטער דער זון פון זייערע פרייע לענדער נישט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פינגער אין

אַ פינגער (אַחוץ מסתם מיט אַ ביסל רייד) אויף צו ראַטעווען זייערע מעבר־לים אין בלוט־אָפגייענדיקע ברידער.

און היות אינטערעסן קומען זיך ערגעץ צונויף, זענען זיי נישט פאַר־אינטערעסירט אָנצוהייבן מיט אָט דעם חשבון. זיי ווילן דעם פאַרהאַנג נישט אויפהייבן. פאַרגעסן ווילן זיי און שאַ־שטיל זאָל זיין. פאַרגעסן און שוין!

צוליבן זעלבן טעם ווילן זיי שוין ס׳זאָל פאַרגעסן ווערן נישט נאָר דער ריין יידישער חשבון, נאָר אויך דער טייוולאָניש־דייטשער. ווייל „הא בהא תליה”, איינס שלעפּט מיט דאָס צווייטע. און אויך צו פאַרגעסן דאָס שלעכטע דאַרף מען שאַפן אַן אידעאָלאָגיע פאַר דעם. אַן אי־דעאָלאָגיע פון גלאָריפיקאַציע.

דאָס ערגסטע וואָס זיי זעען נישט איז, אַז אַזאַ אידעאָלאָגיע פונעם גרינגן פאַרגעבן, אַנטוואָפנט ווידער פסיכיש און מאָראַליש דעם ייד. טעמפּט אָפּ אין אים דעם נאַציאָנאַלן כוח הזכרון, וואָס שאַפט דאָס געפיל פון צוזאַמענגעהעריקייט, און גרייט דעם ייד נישט צו צו קיין נאַציאָנאַלער גבורה, וואָס איז אים אַזוי נייטיק אין יעדן אָרט און אין יעדער צייט. בפרט אין דער צייט פון פאַרשטאַרקן אַנטיסעמיטיזם און דראָענדיקער געפאַר פאַר דער מדינה. און ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען טומלט זיך כמוקדם און מען רייסט זיך אַרום פוסטע כיבודים. און אַז מען באַהאַנדלט שוין יאָ עפּעס אַ פּראָבלעם, באַהאַנדלט מען אים ווי אַ מאָל אָן קיין שום גבורהדיקן אַריינבליק אינעם מאָרגן פון פאָלק.

פונעם אַלטן ביזן נייעם מצרים

טויזנטער יאָרן טיילן אונדז אָפּ פונעם אַלטן מצרים. פון יענעם מצרים, וואָס האָט באַלד ביים בראשית פון אונדזער אויפקום, באַלד ווי מיר האָבן געשטעלט אונדזערע ערשטע טריט אויפן דאָרנדיקן וועג וואָס הייסט ייִדישע געשיכטע — אונטערדריקט און פאַרקנעכט אונדזערע על־טערן, די בני יעקב.

ס׳איז אַן אַלטע געשיכטע, וואָס בלייבט שטענדיק ניי. אַ געשיכטע, וואָס האָט זיך נישט איין מאָל איבערגעחזרט און חזרט זיך איבער נאָך היינט בימי מדינת ישראל. אַ וועג, וואָס האָט פון די יוצאי מצרים אָן, געפירט איבער וויסטע מדבריות פון ליידן און תהומען גאַנצע פון פיין. אַ וועג פון אונטערדריקונגען, בלבולים, אינקוויזיציעס און שענדונגען, ביזן איינפאַכן מאָרד, פונעם יחיד און רבים; דאָס אויסמאָרדן פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

✶

ס׳איז באַלד געווען אַ גרויזאַמער, אומדאַנקבאַרער אַקט צו אונטער־דריקן אַ שכנותדיקע עברים־גרופּע, וואָס הגם אַנדערש אין גייסט און שטייגער, איז זי דאָך נישט געווען פיינטלעך צום לאַנד אין וועלכן זי איז געקומען אויף דער איינלאַדונג פונעם אייגענעם פרעה מלך מצרים, און וועמענס זון יוסף דער עברי, האָט דאָס לאַנד געראַטעוועט פון הונגער.

און נישט קיין לעגענדע איז אָט די מעשה, אַוודאי נישט היסטאָריש־פּסיכאָלאָגיש — וואָרעם אָט אַזוי ציט זיך דאָך דער אַקט פונעם ייִדישן

געשען ביזן היינטיקן טאָג. דערציילן דען נישט די געשיכטע־בלעטער אויף אַזאַ צו אַנדערן אופן — די זעלבע אין תוך מעשׂה?!

איז דען נישט די געשיכטע פון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט, פון כּמעט יעדן ייִדישן ישוב, קודם אַ געשיכטע פון איינלאַדן, צי דאָס איז אַ דירעקטע איינלאַדונג פונעם לאַנד אַליין, צי געפּועלט דורך ייִדישער איניציאַטיוו, און אין די פּריז צייטן פון אשור און בבל, פּערסיען, גריכנ־לאַנד און רוים; אַ צוואַנגס־איינלאַדונג, ווייל אַ מיט געוואַלט אַרויספירן פונעם אייגענעם לאַנד און אַריבערברענגען אין פרעמדע לענדער?

דערפאַר אָבער ווען די ייִדן, פריַוויליק צי געצוווּנגען, פאַרוואָרצלען זיך אין נייע לענדער, בירגערן זיך איין און אַרבעטן זיך שפּעטער אַרויף מאַטעריעל און גייסטיק, באַבויען זיך און דאָס לאַנד, דאַן קומט באַלד דער אַקט פון אומדאַנקבאַרקייט, הגם שוין צו אייגענע געטרייע בירגער. דער אַקט פון „שלא ידע את יוסף”, פון נישט געדענקען יוספן.

אַן אַקט, וואָס איז נאָר חל אויף ייִדן. און די מיטלען צו דעם געפינט מען שוין. עס זענען לכתחילה די מיטלען פון קליינע גזירות, פון שטילן „אָושעם” ווי אינעם לעצטן פּוילן, פון אויסנאַם־געזעצן ביז טאָטאַלער באַרויבונג און קאָנפיסקאַציעס... און גאָר אויב דער ייִד שטייט אין וועג — רויבט מען צו דעם פאַרמעגן מיטן נפש צוזאַמען, ווי די דייטשן האָבן דאָס געטאָן.

און דער „שלא ידע את יוסף” גייט אַדורך ווי אַ רויטער פאָדעם איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע.

*

און ווידער באַגעגענען מיר זיך מיט מצרים, שוין מיטן נייעם מצרים. נאָר שוין נישט ווי הילפלאָזע משפּחות אָדער אַנהייבנדיקע שבטים. נאָר ווי אַ פאָלק (הגם קלענער) מיט אַ פאָלק און ווי אַ לאַנד מיט אַ לאַנד.

און ווידער שאַרפט זי איר געווער פאַר אונדזער פאַרניכטונג. זי וויל אונדז ווי דאָס ערשטע מאָל צושטופּן צום ים און אין אים אַריינ־וואַרפן. דערפילן דאָס, וואָס איז דעם אור־אַלטן פרעהן נישט געלונגען.

און לאָמיר זיך נישט נאַרן. זי איז נישט אַליין אין איר טרוים. איר

צו הילף שטייט נישט נאָר די אַראַבישע וועלט, נאָר אירע ווונטשן טיילן אויך פיל אַנדערע נישט־אַראַבישע קרייזן.

און נישט נאָר אָפענע יידן־פיינטלעכע, נאָר אויך נישט־אָפענע, קירכ־לעכע און פּאָליטישע, וואָס צוליב זייערע ענגע אינטערעסן (פּראַגמאַטישע), האָבן זיי שוין חרטה אויפן חסד וואָס זיי האָבן אונדז „בעידנא דריתחא" (אין אַ הייסער סענטימענטאַלער מינוט) אַרויסגעוויזן. און זיי אַלע וואָלטן אַצינד וועלן פאַרלעשן אונדזער נייעם פּאָליטישן שיַין.

נאָר רייכער אין דערפאַרונג זענען מיר היינט. די לעצטע יאָרן האָבן אונדז באַרייכערט מיט בלוטיקער דערפאַרונג. דער בלוט־באָד וואָס די דייטשן האָבן איבער אונדז אַדורכגעפירט, און די דירעקטע הילף, וואָס זיי האָבן פון פאַרשידענע פעלקער באַקומען און די אומדירעקטע דורכן שווייגן און פאַרשווייגן מצד די אַנדערע, האָבן אונדז, גלייב איך, עפּעס געלערנט.

זיי האָבן אונדז געלערנט (טראָץ פאַרלייקענער און בטלנים) צו זיין שטענדיק גרייט און נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף קיינעם. דאָס בילד פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד וואָס איז אויסגעבראָכן אין די באַפרייַונגס־טעג פון פּסח, און דער הילפלאָזער העראָיזם פון די וואָס זענען כמעט מיט נאַקעטע הענט אויפגעשטאַנען קעגן אַ ביז צו די ציין באַוואָפנטן שונא, דאַרף תמיד שטיין ווי אַ ביישפּיל און וואָרענונג פאַר אונדזערע אויגן. שטיין פאַר אונדז און אונדז אינספּירירן מיטן זעלבן כוח פון לית ברירה — צו מסירת נפש און געוואַגטקייט, נאָר מיט מער אויסגערע־כנטקייט און צוגעגרייטקייט.

יאָ, מיטן כוח פון לית ברירה. ווייל אויך היינט איז „אין ברירה לישראל" (נישטאָ קיין ברירה). דער שונא גייט אויפן גאַנצן — ער וויל אונדז אין גאַנצן אָפּווישן פון דער ערד.

און אויך מיר דאַרפן אים דעריבער אַנטקעגנגיין מיטן גאַנצן. קעמפן בשעת הסכנה גאַנץ און פאַראייניקט — צוגעגרייט מיטן גאַנצן כוח וואָס איז נאָר פאַראַן. און אום זיך צו פאַרטיידיקן, אויף צו בלייבן, — זענען אַלע מיטלען כשר.

✶

און אונדזערע שׂונאים וואָס ווילן אונדז פאַרניכטן פיזיש, צי אַפילו בלויז גייסטיק, ווייל אין תוך איז פאַרן נאַציאָנאַלן קיום אַ גייסטיקער טויט דאָס זעלבע ווי אַ פיזישער אונטערגאַנג, האָבן זיך אויך אויף אונ־דזערע ימים טובים פאַרלייגט. באַזונדער האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אונדזער שענסטן, ראש וראשונדיקן פרײַהייטס יום־טוב פּסח. ווי אַ רויטע טוך פאַר אַ צעווילדעוועטן אָקס, האָט זיי אונדזער חג החירות גערייצט.

עס האָט זיי גערייצט די יוסטע אַלטקייט פונעם יום־טוב ווי אַ באַווייז פונעם פאָלקס יחוסדיקן סטאַזש, — און עס האָט זיי גערייצט די גלאָריע פון זיין טראַדיציאָנעלער פייערלעכקייט, וואָס באַשיינט, באַקרעפטיקט און דערהייבט דאָס יידישע געמיט, געבנדיק אים כוח אויפן ווייטערדיקן לעבנס־וועג.

און דאָס ווילן זיי דאָך טאַקע נישט. זיי איז דאָך דערווידער דער אָנהאַלטנדיקער כוח פון אונדזער גייסט און די דערהייבונג פון אונדזער געמיט. האָבן זיי אונדזער פסח געפרוווט פאַרמיאוסן דורכן אויסטראַכטן אויף אים פאַרשידענע בלבולים. זיי האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט אונדז אונטערצוואָרפן אַליין־געמאָרדעטע קינדער, ווי קרבנות פון יידן, כדי פון זיי צו „צאַפּן בלוט״ פאַר די יידישע מצות.

קעגן דעם זיין אַ גרויזאַמערער בלבול ווי אָט דער, קעגן ייד און זיין פסח? קעגן ייד, וואָס דאַרף אויסווייקן יעדעס שטיקל פלייש פון בלוט און וועלכער איז כסדר געוואָרנט קעגן עסן בלוט, ווייל: „כי הדם היא הנפש״ (ס׳בלוט איז דער מענטש).

יאָ, אַ לאַנגער וועג ציט זיך פונעם אַלטן ביזן נייעם מצרים, אַ וועג פון בלוט און טרערן. און טראָץ דער נייער צייט, די נייע לידער וואָס ווערן געזונגען, זענען מיר פון יענעם וועג נישט ווייט אַוועק. מיר זענען נאָך אַלץ נישט פרײַ פון זאָרג און סכנות — אַלטע און נייע. איז לאָמיר בכן צו זיי זיין צוגעגרייט. קיין זאַך זאָל אונדז נישט טרעפן אומגעריכט. און צוגעגרייט מיט קלאָרקייט און פעסטקייט.

צוגעגרייט אָן יאוש, אָבער אויך אָן ביליקן אָפּטימיזם. נאָר מיט פולער אַחריות און קראַפט פאַרן היינט און מאָרגן.

מלכות ישראל אין דער יידישער געשיכטע

דער וועג פון דער יידישער מלוכה איז באַלד, אין אָנהייב, נישט געווען פאַרפלאַנצט מיט רויזן. אַ שטיק צייט האָבן די בני־ישראל אַדורכ־געמאַכט אין זייער געשיכטע, אָן אַ שום מלוכהשער ראַם. דאָס איז געווען די צייט פון „כיבוש הארץ", פון איינגעמען דאָס לאַנד ביזן קעניג שאול.

דער גאַנצער שופטים־פעריאָד גייט אַדורך אָן אַ מלך, אָן אַ שום סטאַבילער מלוכהשער מאַכט.

און אַפילן די פּעיִקסטע שופטים, קענען נישט פאַרטרעטן דעם אָנזען און אויטאָריטעט, פון אַ סטאַבילער מלוכה־מאַכט מיט אַלע אירע חסרונות.

ערשט ווען די ליידן פון ישראל גייען שוין אַריבער די מאָס, אין דער צייט פון שמואלס אַלט־און שוואַך ווערן, קומען זיי מיט דער פאָ־דערונג וואָס איז געווען אַ נייעס פאַר שמואלן, וועגן באַשטימען אַ קעניג „תנה לנו מלך".

און שאול ווערט אָן חשק געזאַלבט פאַרן ערשטן יידישן קעניג. די ראָלע פון ערשטן יידישן מלך איז געווען טראַגיש. ער פאַלט אַריין אין אומחן ביים נביא. און אויפן גאָלדענעם שימער פון זיין טראָן לייגט זיך אַ שוואַרצער שאָטן, וועלכער פאַרשווינדט נישט ביז דער צעפאַלונג פון דער יידישער מלוכה אויף צוויי טיילן.

דער טראַגישער, אָבער געטרייער יידישער מלך, קומט אום אין דער שלאַכט מיט די פלישתים. זייענדיק פאַרוואונדעט נעמט ער זיך אַליין דאָס לעבן.

דעם מלוכה־סצעפּטער נעמט איבער דער טיכטיקסטער פון די יידישע

קעניגן, דער מוזיקער, דיכטער, פּאַסטוך, דער לעגענדאַרער „דוד מלך ישׂראל חי וקים״.

אויך ער ווײנט „אויף זײַן גאָלדענעם טראָן״. הויף־אינטריגעס, בונטן, אָן אומגליקלעכע ליבע, עסן אויף זײַן געמיט, פֿאַרפֿינצטערן זײַן לעבן ביזן סוף פֿון זײַנע טעג.

אונטער זײַן אָנפֿירונג ווערט אָבער פֿאַרפֿעסטיקט די יידישע מלוכה, זי באַקומט אָנזען, אויטאָריטעט, וואַקסט אויס צו אַ פּאָליטישן פֿאַקטאָר אין דעמאָלטיקן מזרח.

דאָס ביסל רו, וואָס די מלוכה האָט געהאַט ביים פֿעיִקן פּאָליטיקער, זײַן זון שלמה, ווערט שפּעטער צעשטערט ביי זײַנע יורשים, ביי ווען די מלוכה צעפֿאַלט זיך אויף ישׂראל און יהודה.

די צעפֿאַלונג פֿון דער אײנהייטלעכער יידישער מלוכה, דודס ירושה, וועלכע הייבט זיך אָן ביי זײַן גאַוודיקן פֿאָלקס־פֿרעמדן אייניקל רחבעם, דעם שוין בלויזן קעניג פֿון יהודה, פֿאַרענדיקט זיך טראַגיש אין דער צייט פֿון אָחז בן יותם, דעם מלך פֿון יהודה. אין זײַן צייט רייסט אָפּ תּגלת פּלאסר, דער מלך פֿון אַשור, אַ העלפֿט פֿון דער ישׂראל־טעריטאָריע און די צעפֿאַלונג פֿון ישׂראל מיט שומרון אַלס הויפּטשטאָט נעמט אָן פֿאַרן יידישן פֿאָלק קאַטאַסטראָפֿאַלע פֿאָלגן. סרגון מלך אַשור פֿאַרטרייבט ענד־גילטיק די רעשטלעך פֿון ישׂראל, וועלכע פֿאַרשווינדן אין גאַנצן פֿונעם יידישן פֿאָלק לעולם ועד (די עשׂרת השבטים). זייער טעריטאָריע ווערט באַזעצט מיט די אַרײַנגעשיקטע פֿעלקער, די שפּעטערדיקע שומרונים. דער צפֿון טייל פֿון דודס מלוכה, ווערט אויסגעמעקט פֿון דער פּאָליטיש געאָ־גראַפֿישער קאַרטע.

די ביטערע לעקציע פֿון ישׂראל איז אַן אָנווייזונג פֿאַר יהודה. און חזקיהו בן אָחז פֿאַרשטייענדיק דאָס, נעמט זיך צו פֿאַרפֿעסטיקן גייסטיק יהודה. ער פֿירט אַ ביטערן קאַמף קעגן די אָפּנייגער פֿון יהוה־קולט, קעגן די אַסימילאַטאָרן. סנחירוב מלך אַשור, וועלכער גייט קעגן מצרים און יהודה פֿאַרן אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון אַשור, ליידט אַ מפּלה און יהודה ווערט געראַטעוועט.

יהודה מיידט אָבער נישט אויס דעם ביטערן גורל. אין נײַנטן יאָר

פון מלך צדקיהו, גייט נבוכדנאצר מיט זיין גאַנצער מאַכט אויף ירושלים. ער פאַרברענט דעם בית המקדש, פאַרטרייבט די יידישע עליטע, אַוועק־פירנדיק געשמידט אין קייטן מיט אויסגעשטאָכענע אויגן, דעם לעצטן יידישן קעניג צדקיהו. אַנשטאָט אַ קעניג, ווערט באַשטימט גדליהו בן אחיקם פאַר אַ שטאָט־האַלטער. און ווען גדליהו בן אחיקם ווערט דער־מאָרדעט דורך אַ קרוין־פּרעטענדענט ישמעאל בן נתניה, ווערט דער גורל פון דער יידישער מלוכה ביז כורשן געחתמעט.

ווען בבל ווערט דעראָבערט דורך דער נייער וועלטמאַכט פּרס — פּערסיע, דערלויבט כורש מלך פּרס אויפצובויען דעם צווייטן בית המקדש. 40 טויזנט יידן פון בבל גייען אויף אין ארץ־ישראל, אַלס בויער און באַנייער פון דער יידישער מלוכה. קיין יידישע זעלבסטשטענדיקע מלוכה איז שוין אָבער נישט געווען ביזן אויפשטאַנד פון די חשמונאים.

געווען איז נאָר אַ געוויסע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אונטערן הויפּט־פּראָטעקטאָראַט פון פּערסיע.

ערשט יהודה המכבי, געלינגט נאָך לאַנגע קאַמפן צו באַפרייען ארץ־ישראל און נאָך זיין טויט ווערט פאַרפעסטיקט אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה — דאָס קעניגרייך פון הויז חשמונאים.

נאָר אויך אין גלאָריע, דאָס אין העראָישן געראַנגל אויסגעקעמפטע קעניגרייך, ווערט צעפרעסן פון אינעווייניק, דורך ברידער־מחלוקת, הויף־אינטריגעס און פאַרטיי־קאַמפן. און דער טאָטשעדיקער וואָרעם פון מחלוקת לאָזט שוין נישט אָפּ דאָס חשמונאים־קעניגרייך ביז די יידישע מלחמה מיט די רוימער.

אויפן אָרט פון גריכלאַנד קומט אויף אַ נייע וועלטמאַכט — רוים. דער רוימישער אָדלער, וועלכער האָט שוין אַריינגעשטעלט זיינע שאַרפע נעגל אין אַ סך צעפאַלענע אימפּעריעס, פון דער פריערדיקער וועלט — קען נישט דולדן די עקסיסטענץ פון קליינעם יהודה־לאַנד. בפרט, ווען דאָס אַריינגעקוועטשטע קליינע לאַנד אין שטח פון גרויסן קאַראַוואַנען־וועג — דאָס שטערונג פון די אימפּעריאַלע וועגן — פאַרמאָגט חוצפּה פון אַן אויסנאַמדיקער גייסטיקער מאַכט.

די גרויסע מלחמה מיט די רוימער הייבט זיך אָן. ביטער ראַנגלען

זיך די ייִדישע העלדן פאַר זייער לעצטן מלוכהשן קיום. די קעמפער ווייסן, אַז זיי שלאָגן זיך פאַר זייער לעצטן געשיכטלעכן שאַנס.

אָבער רוים איז שטאַרק, רוים איז מעכטיק. און די צאָל פון די ייִדישע העלדן איז באַגרענעצט. אויך זייער פיזישער כוח — אויך העראָיזם, האָט אַ גרענעץ, שעפּט זיך אויס.

די ייִדן פאַרלירן זייער זעלבסטשטענדיקייט. דער צווייטער בית־המקדש ווערט פאַרברענט. אונטערן שריפה־אַש פון פאַרברענטן טעמפּל ליגט אויך דאָס אַש פון דער לעצטער סוווערעניטעט, אָבער נישט אויף אייביק.

דאָס פאָלק מאַכט נישט שלום מיטן גורל. עס רעוואָלטירט. דאָ און דאָרט ברעכן אויס רעוואָלוציעס, אויפשטאַנדן, ביזן גרויסן בר־כוכבא־אויפשטאַנד. און אַז דער אויסערלעכער פלאַם ווערט אויסגעלאָשן, מיט געוואַלט פאַרלאָשן, טליעט ער אין דער טיף, אין די הערצער, אין דער טיפעניש פון די ייִדישע נשמות. אַז מלכות של מטה איז אונטערגעגאַנגען, האָט מען זיך געשאַפן אַ מלכות של מעלה. מ׳האָט די מלכות־וויזיע אַריינגענומען אין זיך. אין האַרץ, אין גייסט, מען זאָל נישט פאַרגעסן דעם „אם אשכחך ירושלים״... און אויסגעטראָגן האָבן מיר אָט די וויזיע, אָט דעם אוצר, אומעטום וווּ מיר זענען געגאַנגען. אין אַלע גלותן. „על נהרות בבל ישבנו, גם בכינו״. — און ווי איז אונדז. אויך אין די קרעמאַטאָריומס, ליים־גריבער, אויך זיי, אונדזערע קדושים, האָבן אין זייער לעצטן שמע־געשריי די כוונה פון מלכות ישראל אַריינגעפלאָכטן.

אין דער לאַנגער גלות־נאַכט האָט נישט איין מאָל אויפגעבליצט די מלכות־וויזיע. אין פאַרשידענע פאָרמען קומט אויף דער מלוכה־געדאַנק. אין מיסטישע משיחישע זעונגען, אין ערלעכע משיחישע פּרוּוון — און אין פאַרפירטע. ער אַנטפּלעקט זיך אין אדון נשיא, אין אַ דוד ראובני, שלמה מולכו, אין מקובלים, אין אַ ר׳ יהודה הלוי, ביז דעם פעריאָד פון דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג און פּאָליטישן ציוניזם, וואָס געשאַפן האָט אים דער אומשטערבלעכער טעאָדאָר הערצל, וועלכער האָט אין זיינע טאָגביכער פאָרויסגעזאָגט, אַז די ייִדישע מדינה וועט זיכער אַנטשטיין אין — 50 יאָר אַרום. אויב... „איר וועט וועלן״. און דאָס ייִדישע פאָלק האָט טאַקע געוואָלט און די ייִדישע מדינה עקסיסטירט.

יידישקייט און ספר

דאָס שלעכטס פון אָפּפרעמדונג און אַסימילאַציע, וואָס דרינגט אַריין נישט נאָר אין די קרייזן פון די אָפענע פאַרלייקענער און פון אַלערליי רעליגיעז־ליבעראַלע — נאָר אויך, צווישן דער נאַציאָנאַלער און פאָלקס־אינטעליגענץ, נעמט זיך דערפון, וואָס מען פאַרטוישט דעם נאַציאָנאַלן באַגריף פון ייִדישקייט, מיטן מערב־אייראָפּעיִשן באַגריף פון רעליגיע. אויפפאַסן דאָס ייִדישקייט בלויז ווי אַ רעליגיע, ווי אַ קירכע, איז אַ גרונטזעצלעכער טעות. און הגם דער ייִדישער גלויבן האָט אויך רעליגיעזע מאָמענטן און עיקרים, קאָן מען אים אָבער בשום אופן נישט פאַרגלייכן מיטן קריסטלעכן פאַרשטיין פון רעליגיע.

דאָס קריסטנטום, איז אַ בלויזע קירכע אינעם ענגן רעליגיעזן זין. זי איז באַגרענעצט בלויז צו די עלעמענטן פון אַן איבערנאַטירלעכן גלויבן און נסים־ונפלאותדיקן געשען. דאַקעגן דער ייִדישער גלויבן באַשטייט נישט בלויז פון רעליגיעזע מאָמענטן, וואָס האָבן נאָר אַ שייכות בין „אָדם למקום״, און וועמענס צוועק ס׳איז צו עמאַנציפּירן דאָס לעבן און פאַרגאַנצן און דערהייבן גייסטיק דעם מענטש, נאָר עס איז אויך אַ שטייגער און אינהאַלט אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן — אַ ייִדיש־מענטשלעכער שטייגער.

שוין דער מהות פונעם ייִדישן גלויבן לויט זיינע ריינסטע עיקרים, איז אַ קריטישע באַציִונג צום קריסטלעכן באַנעם פון רעליגיע. דער מהות פון „אחד״ — איז די שאַרפסטע אָפּלייקענונג און קריטיק פון יעדער פאַרמענטשלעכונג, געשטאַלט־פאַרקלענערונג, און אויך וואָס פאַר ס׳איז אופן פאַרקערפּערונג פון געטלעכן וועזן.

און נישט נאָר דאָס — וואָרעם ווען די מאַכט־גיריקע קירכע איז אַ קאָסמאָפּאָליטישע רעליגיע מיט דער טענדענץ צו פאַרשמעלצן אַלע אין איין שמעלץ־טאָפּ אונטער די פליגל פון אַ „משיח־דערלייזער", וואָס האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אויסלייזן — איז די יידישע רעליגיע אַ נאַציאָנאַלע, מיט מענטשלעך־אוניווערסאַלע טענדענצן.

די קירכע שטרעבט צו פאַרווישן דעם נאַציאָנאַלן אינדיווידואַליזם, כדי צו באַהערשן און איינקלעמען די פעלקער אין אירע שוין גאַרנישט הימלישע אָרעמס, בעת דאָס יידישקייט פּרעדיקט, אַ פּולווערטיקן פאַרזענלעכן אינדיווידואַליזם, אַן אייגענעם „אחד", וואָס דאַרף זיך אין איין שלימות צונויפגיסן מיטן נאַציאָנאַלן און מיטן פאָלקס אחד, ווי אַ נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, און ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, זיך פאַרברידערן מיט אַלע פעלקער. און אין רייפסטן אידעאַלן צושטאַנד פון דער וועלט; אין „אחרית הימים", זיך צונויפגיסן אין איין אחד פון דער מענטשהייט.

אַפילו דער העכסטער רעליגיעזער אחד־פּרינציפּ, וואָלט געמעגט זיין אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער נאַציאָנאַלן און פּסיכאָלאָגישן אויפבוי.

✶

איצט, נאָך דער מעדיטאַציע וועגן יידישקייט, וועלן מיר זיך ווענדן צום ספר־הספרים, דער עיקר צום חומש, און זען וואָס אייגנטלעך שטעלט ער מיט זיך פאָר. האָט ער נאָר צו טאָן מיט רעליגיעזע דאָגמען, צי אויך מיט אַנדערע פראַגן פונעם לעבן, און דער עיקר, מיט פראַגן פון יידישקייט און ייד־אויספאָרמירונג ?

באַלד אין אָנהייב, אין דער סדרה בראשית, אַנטוויקלט דער חומש אַ לערע וועגן וועלט־באַשאַף, וואָס גלייכט זיך אויס אין אַ טייל פּרטים מיט דער לעצטער וויסנשאַפטלעכער מיינונג. וועגן דאָס וואַסער ווי אַן אור־עלעמענט [1] און דער אויפקום־פּראָצעס פון רעגן [2] ווייטער קומען די דערציילונגען פון נחס סדר היוחסין, אָנהייבנדיק פון אַדמען [3]. די גע־

1. „ורוח אלהים מרחפת על פני המים" — בראשית א, ב.
2. „ואֵד יעלה מן הארץ והשקה את כל־פני האדמה" — בראשית ב, ו.
3. בראשית ה, א—לב.

שיכטע פון די פּאַרצייטיקע פעלקער מיט אַ געאָגראַפישן אָנווייז (קאַ־פּיטל י׳) און די פּאַרצייטיקע מלחמות (י״ד), די געשיכטע פון יוספן אין מצרים און יעקבס שטאַרבן, וואָס שליסט אָפּ דעם ערשטן באַנד בראשית.

אויך די איבעריקע פיר חומשים, אַנטהאַלטן אַ פאַרשידנאַרטיקן מאַטער־יאַל פון געשיכטע, געזעצגעבונג, עטיק, סאָציאָלאָגיע, היגיענע, פאַמיליע־לעבן און ד. גל. אַפילו די עשרת הדיברות זענען אין גרעסטן טייל עטישע יסודות פאַרן מענטשלעכן לעבן בכלל. און הגם דער פּסוק א׳ פון בראשית, לייגט באַלד אָוועק דעם יסוד פאַר דער קדמונית פון באַשעפער ,בראשית ברא ה׳ את השמים ואת הארץ), און דורכן גאַנצן חומש ציט אַדורך ווי אַ רויטער פאָדעם, די אָנוועזנהייט פון געטלעכקייט, אַנטהאַלט אָבער דער חומש אין זיך נישט בלויז די טעאָלאָגישע לערע, נאָר פאַרשידענע לערעס פאַרן מענטשלעכן לעבן בכלל. און אין צענטער געפינט זיך די לעבנס־געשיכטע פון די אָבות און די בני־ישראל מיט דער הבטחה אויף אַן אייגן לאַנד, און די געבאָטן פון משהן, וועמענס צוועק ס׳איז צו פאָרמען און געשטאַלטן דאָס פאָלק.

*

דאָס זעלבע אין די ספרים פון די נביאים וואָס זענען אין גרעסטן טייל, פאַרצייכענונגען פון דער לעבנס־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק מיט אַלע זיינע גייסטיקע ראַנגלענישן און פיזישע קאַמפן, פול מיט שטיי־גער און פלאַמענדיקע שטראָף־רייד פון די נביאים.

אַזוי אויך די כתובים, מיט דער טראַגישער פאַמיליע־געשיכטע פון נעמי (רות), שיר השירים, די פאַרצייטיקע יידישע ליבע־פּאָעמע און דאָס קרוין־ווערק איוב, וואָס הגם עס זעט אויס צוליב די מיט גאָט געפירטע געשפּרעכן ווי טעאָלאָגיע, איז עס אָבער אין דער אמתן, אַ טיף־דראַמאַטיש ווערק, פונעם אומבאַהאָלפענעם מענטשלעכן געראַנגל פאַר זיין גורל.

*

און כדי נאָך בולטער צו אילוסטרירן דעם כאַראַקטער פון דעם תנ״ך,

וועלן מיר דערגענצן מיט צוויי דערציילונגען פון חומש, וואָס שפּיגלען אָפּ אויף אַזאַ פּרעכטיקן אופן דעם מהות פון דער ייִדישקייט, וואָס איז אי ייִדיש־נאַציאָנאַל, אי מענטשלעך־אוניווערסאַל.

די ערשטע איז די זעונג פון משהן, וואָס דאַרף אַנטפּלעקן פאַר אים און די קומענדיקע דורות, דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס גרוילט אַרויס מיט זיין אייביקן עקידה־גאַנג: „הסנה בוער באש‟, — דער דאָרן, (דאָס פאָלק) ברענט אייביק אין פייער. אָבער טראָץ דעם — „ואיננו אוכל‟! דאָס פאָלק, וועט נישט פאַרברענט ווערן: „נצח ישראל לא ישקר‟!!!

די צווייטע איז די מעשׂה מיטן בבל־טורעם, וואָס איז געקראָכן אין די הימלען. ער איז לויט דער ביבל זיך צעפאַלן, ווייל נישט מענטשלעך פאַרגאַנצט איז געווען דער גייסט פון די טעכניקער בויער. די שפּראַך פון זייער נשמה איז געווען די צעמישונג, וואָס איז געוואָרן זייער אייגע־נער צעשטערערישער קבר — פּונקט ווי דער גייסט פון דער היינטיקער טעכניק, די אַטאָם־ און וואַסערשטאָף־באָמבע, קאָן ווערן די צעמישונג פאַרן אייגענעם אומגליק...

איז דאָס רעליגיע? ניין! דאָס איז ייִדישקייט. האָט עס טאַקע דאָס פאָלק ריכטיק אַרויסגעפילט און באַנומען. ווען ייִדן פלעגן זיך צווווּנטשן, פלעגן זיי נישט זאָגן, זיי אַ רעליגיעזער ייִד, נאָר זיי אַ ייִד, אַ גוטער ייִד! אָט אין דעם איינעם וואָרט ייִד, האָבן זיי אַריינגעלייגט דעם גאַנצן קווינטעסענץ פון ייִדישקייט, וואָס מיינט: ייִדישער באַוווסטזיין, נאַציאָנאַלע אחריות און דאָס אויפהאַלטן די אייגענע פאָרמען. מיט איין וואָרט: אחדות ישראל און קיום ישראל אין טאָפּלטן באַטייט.

בכן, נישטאָ וואָס צו מיאוסן זיך מיט ייִדישקייט און מיטן ספר. די ייִדישקייט איז מענטשלעך. ייִד־זיין, מיינט אויך מענטש־זיין. און עכטע ייִדישקייט מיינט: די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכקייט, אין איר עטישן און פסיכישן באַטייט. — מחמת, די ייִדישקייט צעשפּאַלט נישט די פּער־זענלעכקייט — אויף ייִד און מענטש, נאָר אין קעגנטייל. זי איז דער האַרמאָנישער צונויפגוס פון זיי ביידע.

קהלת

„בקשו לגנוז..." מען האָט געוואָלט דעם ספר קהלת באַהאַלטן — און ס'איז „נמנו וגמרו", עס איז געוואָרן באַשלאָסן אים איבערצולאָזן. און קהלת איז ווי אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל, אַ טייל פון די פיר־און־צוואַנציק ספרים פון תנ"ך.

אַ דאַנק די דאָזיקע טאָלעראַנץ פון אונדזערע אָבות, איז צו אונדזער מסורה־ליטעראַטור צוגעקומען אַ פערל, וואָס באַווייזט נישט נאָר די ליבע און פאַרערונג פון אונדזערע אַמאָליקע חכמים צום ספר און פרייען געדאַנק, נאָר אויך זייער קריטישן אַריינבליק, זייער קריטישן באַנעם צו אַלע דערשיינונגען פון וועלט און לעבן.

ווייזט אויס, אַז זיי זענען אין זייער גייסט גאָרנישט געווען אַזוי ענגהאַרציק, ווי אַ טייל פון אונדזערע היינטיקע פאַנאַטיקער ווילן האָבן...

דאָס באַווייזט נישט נאָר דאָס ספר קהלת אַליין, נאָר אויך דער שפּעטערדיקער תלמוד. און עס וואָלט געווען גענוג צו ציטירן אייניקע תלמודישע מימרות כדי דאָס צו באַשטעטיקן.

אָט זאָגט זיך אין בבא בתרא: „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה" — אַז איוב איז נישט געווען, ער איז נאָר אַ משל. אָדער „תורה מגילה מגילה נתנה" [1] — די תורה איז געגעבן געוואָרן מגילות־ווייז און „מעולם לא ירדה שכינה למטה ולא עלו משה ואליהו למרום" [2]

---

1. גיטין מ.
2. סוכה ה.

די שכינה האָט קיין מאָל נישט אַראָפּגענידערט, און משה און אליהו זענען נישט אַרויף אין הימל.

און דאָך איז צו באַוווּנדערן, וואָס אַזאַ לעבן־פֿאַרלייקנדיק און טיף־פּעסימיסטיש ווערק, האָט צו אונדז בכלל געקאָנט דערגיין; וואָס די ייִדיש־קייט, וועמענס אָפּטימיסטישער לעבנס־בליק „ובחרת בחיים״, ווי אַ וועג־ווייזער פֿאַרן יחיד און פֿאַרן רבים, האָט צו אונדז צוגעלאָזט אַזאַ ספקות־דיקן, יאוש־פולן ספר, ווען אַפילו „מפני שתחילתו דברי תורה וסופו דברי תורה״ — ווייל קהלת הייבט אָן און ענדיקט מיט תורה־רייד.

וואָרעם די פֿינצטערע קהלת־קאָלירן, וואָס ווערן ווו־נישט־ווו דורכ־געמישט מיט העלע אמונה־פֿאַרבן, ווי: „והאל עשה שיראו מלפניו״ — גאָט האָט דאָס אַלץ געמאַכט, כדי מען זאָל מורא האָבן פֿאַר אים. אָדער: „וזכור את בוראך... עד שלא יבוא ימי הרעה״ — געדענק דיין באַשעפֿער... כדי זיך נישט צו דערוואַרטן אויף שלעכטס, און צום סאַמע סוף פֿון קהלת: „סוף דבר... את האל ירא...״ — דער עיקר איז, האָב מורא פֿאַר גאָט און היט זיינע געבאָטן — ווערן בטל ומבוטל אין די איבריקע לעבן־פֿאַרלייקנ־דיקע רייד, מיט וועלכע דער ספר קהלת איז פֿול.

און ס'איז בכן קלאָר, אַז די אויבנדערמאָנטע אמונה־אַקאָרדן קאָנען נישט מילדערן דעם כאַראַקטער פֿון קהלת, וואָס איז און בלייבט אַ וועלט און לעבן־פֿאַרלייקנדיק ווערק. אַ ווערק, וואָס פֿרעגט אָפּ און רייסט אַזוי גרויזאַם אַראָפּ אַלע „מימות עולם״, איינגעשטעלטע גייסטיקע באַרמען און ווערטן.

✶

מיר הייבן אָן דאָס ערשטע קאַפּיטל מיט אַזעלכע צעשמעטערנדיקע סענטענצן, ווי: „הבל הבלים הכל הבל״ — אַלץ איז גאָרנישט און ניש־טיק, און „מה יתרון לאדם בכל עמלו...״ — וואָס האָט דער מענטש פֿון זיין גאַנצער מי און מאַטערניש... און דאָס קאַפּיטל ווערט פֿאַרענדיקט: „כי ברב חכמה רב כעס ויוסיף דעת יוסיף מכאוב״ — וואָס מער חכמה, מער ערגערניש; מער וויסן, מער ווייטאָג...

נישט נאָר דער גאַנצער מאַטעריאַליזם מיט אַלע זיינע דערגרייכונגען,

איינשליסנדיק דאָס פיזיש־ביאָלאָגישע און אַלע מאַטעריעלע דערגרייכונגען און גלוסטונגען, ווערן אָפּגעפרעגט, נאָר אויך אַלע גייסטיקע און עמאָצ־יאָנעלע שטרעבונגען פון דעם מענטשן.

זילבער און גאָלד, הייזער און שלעסער; קנעכט און דינסטן און גאָר אַלע תענוגים — דאָס אַלץ איז גאָרנישט.

אויך די ריינע גייסטיקע שיינקייטן איז דער לעבנס־רעזיגנירטער קהלת מבטל „כעפרא דעראה״ (ווי שטויב). אויך דעם שׂכל און די חכמה, נאָך דעם ווי ער הייבט זיי אַרויס: „שיש יתרון לחכמה מן השׂכלות״ — ס׳איז מער ווערט די חכמה פון דער נאַרישקייט, טוט ער זיך אָ זאָג: „שיקרה אחד יקרה את כולם״ — אויך דער חכם און בעל־השׂכל זאָל זיך נישט נייען קיין בייטל, ווייל איין סוף גרייכט אַלע...

ער פאַרגינט אַפילו נישט דעם נאָכוווקס. „צו וואָס״, זאָגט ער, „זאָל איך גאָר מיין מי איבערלאָזן צו דעם וואָס וועט קומען נאָך מיר?״ איז דאָס נאָך ווייניק, רייסט ער גאָר אַראָפּ פון בן־אָדם, פון דעם „כתר־היצירה״, זיין קרוין פון קאָפּ און גיט אים צו אָט אַזאַ טרייסט: „ומותר האדם מן הבהמה אין״ — רייד זיך נישט איין אַז דו ביסט מער ווערט ווי די בהמה. „ס׳איז גאָרנישט זיכער, צי דעם מענטשנס נשמה גייט אַרויף אין דער הויך און דער בהמהס בלייבט אונטן״.

און צו דעם — דער פאַרצווייפלטער זאָג: „בעסער צו גיין אין טרויער־הויז, ווי „אל בית המשתה״ (צו אַ סעודה); בעסער דער טאָג פון טויט, ווי דער טאָג פון געבורט״...

✶

קהלת איז, אין זיין עצם, אַ ספר וואָס איז פול מיט טויטלעכן יאוש און ספקות, אומענדלעכע פאַרצווייפלונג און פאַרלייקענונג, אומברענג און צעשטערונג פון אַלע מענטשלעכע האָפענונגען און דערוואַרטונגען.

פון אַלץ און פון אַלעמען מאַכט ער אַ תל, אַ תל־עולם. זיין שניידיקע קריטיק איז גרויזאַם, ער שוינט נישט קיינעם. גאָרנישט איז בנימצא. „הכל הולך אל מקום אחד, הכל היה מן העפר והכל שב אל העפר״ — אַלץ קומט פון ערד און עס גייט צוריק צו ערד.

און אין דער דאָזיקער פּוסטער וועלט אַריין, אין דער דאָזיקער אידעענלאָזער און האָפענונגסלאָזער ליידיקייט אַריין, וואַרפט ער נאָך צו דעם מענטשן זיין באַזונדערע באַשולדיקונג: „אשר עשה האלהים את האדם ישר, והמה בקשו חשבונות רבים״ [1] — גאָט האָט דעם מענטשן באַשאַפן אין אַ רעכטפאַרטיקער אָרדנונג, נאָר זיי אַליין, די בני־אָדם, חשבונען צו פיל... זיי ווילן געפונען דאָס, וואָס מען קאָן נישט געפינען; זיי זוכן דאָס וואָס איז למעלה פון זיי, און דאָס אַליין, זייער רייסן זיך אין די הימלען — איז זייער קללה און אומגליק...

✶

קהלת איז נישט נאָר פול מיט קאָנטראַסטן, נאָר אויך מיט איבער־חזרונגען און סתירות. ביי דעם אַלעמען, אָבער, איז עס פאָרט אַ פערלדיק ווערק. אַ ווערק, וואָס שלאָגט אַראָפּ די טעמפּעראַטור פון מענטשלעכער תקיפות און גאווה און איז נאָך גרעסער מיט איר געדאַנקלעכער גע־וואַגטקייט און פריַיען אַריינבליק.

און אַ דאַנק אַזעלכע ווערק ווי איוב און קהלת, זענען מיר געוואָרן אַוועקגעשטעלט ביי דער סאַמע מזרח־וואַנט פון דער גייסטיק־שעפערישער וועלט.

און מיר האָבן די וועלט באַרייכערט, נישט נאָר מיט רעליגיעזע און עטישע ווערטן, נאָר אויך מיט גרויסע ליטעראַרישע ווערק. און צו פאַר־דאַנקען האָבן מיר דאָס אַלץ די סבלנות פון אונדזערע אור־עלטערן.

---

1. קהלת ז, כט.

בעל מחדש און בעל מפרש

דער בעל מחדש שאַפט זיינע אייגענע געדאַנקען. דער בעל מפרש טייטשט אויס יענעמס. און ווייל דער בעל מחדש שאַפט זיינע אייגענע געדאַנקען, ווי שוואַך די דאָזיקע געדאַנקען און זייער פאָרמולירונג זאָלן נישט זיין, קען ער קיין אַנדערע מיט זיין מיין — נישט פאַרפירן.

ווייל מיר ווייסן, אַז אַלץ וואָס ס'איז אין די דאָזיקע געדאַנקען פאַראַן. די מעלות און חסרונות, ווי דער אינהאַלט און אופן פון זייער אַרויסזאָג, געהער בלויז צו אים אַליין, דעם בעל מחדש.

דאַקעגן דער בעל מפרש, וואָס טייטשט אויס פרעמדע געדאַנקען און לערעס, קאָן זייער אָפּט מיט זיין אויסטייטש פאַרפירן. ער קאָן קודם פאַרפירן דעם לייענער דורך זיין אייגענעם שלעכטן פאַרשטיין און באַנעמען יענעמס געדאַנקען. און ער קאָן אים פאַרפירן דורך איבערטרייבונג. דורך זיין איבערטרייבן מיט יענעמס כוונות און געדאַנקען.

געשעט טאַקע, אַז נישט איין מאָל לייגט דער בעל מפרש אַריין אַזעלכע טייטשן און כוונות אין אַ מחברס געדאַנקען, בעיקר אין מיסטישע שיטות און לערעס, אַזוי אויך אין פאָעזיע, פון וועלכע דער מחבר האָט אַפילו נישט געחלומט.

און נישט נאָר האָט דער מחבר פון זיי נישט געחלומט, נאָר טייל מאָל, אויב נאָר דער בעל מפרש איז אַליין אַ מענטש פון גייסט און פאַנטאַזיע, בפרט אַ דענקער, שאַפט ער איבער אויף זיין שטייגער דעם בעל מחדשס געדאַנקען און ווערק. ער גיט זיי דורכן מפרש זיין, גאָר זיינע אייגענע געדאַנקען.

און ווי גרויס און וויכטיק זיין אייגענער חידוש זאָל נישט זיין, באַגייט

ער אָבער נישט נאָר אַן עוולה קעגן דעם, ווען ער האָט זיך אונטער־גענומען צו פאַרטייטשן, נאָר ער פאַרפירט דעם לייענער און פאַרדינט נישט אַזוי אַרום די רעכט צו זיין אַ בעל מפרש.

*

דער ליטעראַטור־קריטיקער וואָס איז בלויז אַ בעל מפרש, אַן אויס־טייטשער פונעם צווייטנס ווערק און געדאַנקען, דאַרף זיך דעריבער היטן פון די דאָזיקע שטרויכלונגען.

ער דאַרף קודם נישט נאָר אַליין פאַרשטיין און באַנעמען דאָס ווערק וואָס ער נעמט זיך אונטער צו פאַרטייטשן, עס גוט אַדורכאַקערן און פאַרדייען, נאָר ער דאַרף באַזיצן אַ סך וויסן, ליטעראַריש און אַלגעמיין, ווי אויך אַן אַנאַליטישן כוח און אַריינדרינג. ער דאַרף אַפילו האָבן אַן אייגענעם כוח פון שאַפן.

און וואָס שייך דער יידישער ליטעראַטור און מחשבה, דאַרף דער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער אַחוץ דעם אויך פאַרמאָגן אַ ברייטע יידישע ערודיציע. אַ יידישע ערודיציע, אַפילו אַ רעליגיעזע, אויף וויפל די יידישע רעליגיע איז געקניפּט און געבונדן מיטן פאָלק. און ס'איז פשוט נישט דענקבאַר צו זיין אַ יידישער ליטעראַטור־קריטיקער בלויז מיט אַ וועלט־לעך וויסן.

ער דאַרף זיך אָבער דער עיקר היטן פון איבערטרייבונגען. ער טאָר נישט אַריינפאַלן אין קיין פוסטע גוזמאות און אַריינלייגן דעם מחבר אַזעלכע כוונות און מיינען, וועלכע ער, דער מחבר האָט גאָרנישט געדאַכט.

דער קריטיקער דאַרף זיין קאַלט אין זיין קריטישן אָפּשאַץ און אַנאַליז, הגם לגבי דעם ווערק ווי אַ גאַנצן, באַציט ער זיך מיט וואַרעמקייט, ווי דער דענקער אין זיין דענקערישער אַרבעט.

ערשט באַזיצנדיק די דאָזיקע קוואַליטעטן, טרעט ער צו מיט „ריינע הענט" און געוויסן, דאָס ווערק צו אינטערפּרעטירן. עס צו פאַרטייטשן לויט די אמתע כוונות פון מחבר.

ער דאַרף אָבער אויך זיין אַ ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור. ליב האָבן און אין זינען האָבן די יידישע ליטעראַטור ווי אַ גאַנצע.

נישט בלויז אינפא̈רמירט ער א̇נא̇ליטיש דעם לייענער, נא̈ר ער קומט אויך צו הילף און בא̇לערנט דעם שרייבער. ער ווייזט א̈ן אויף די חסרונות פונעם ווערק און בא̇לערנט אים ווי א̇זוי זיי ווייטער אויסצומיידן.

צוויי זענען זיי ווי מיטשותפים צום ווערק. דער קריטיקער, וואָס פא̇רטייטשט און בא̇לערנט זיי ביידע, דעם שרייבער און דעם לייענער, און ער א̇ליין דער לייענער דורך זיין בא̇נעמען דאָס ווערק, ווי דורך זיין א̇ריינטרא̇כטן און א̇ריינפילן זיך אין דעם.

יצחק לייביש פרץ, דער דיכטער־דענקער

פּרץ איז אַ דיכטער־דענקער. דער חילוק צווישן זיי? — אַ דענקער לאָזט אַלץ אַדורך דורך דער פּריזמע פון זיין גייסט, פונעם ריינעם גייסט. אַלץ מוז שטימען מיטן לאָגישן אַנאַליז, לויט דער ערשטער אָוועקגעשטעל־טער הנחה.

איז זיין באַטראַכט־אופן קאַלט, אייז־קאַלט; ווי קאַלט ס'איז די לאָגיק אַליין. וואָס קאַלטער אַלץ בעסער. ער פאַרטראָגט נישט קיין היץ, קיין פאַנטאַזיע, קיין געפיל. און הגם ער פליט פריי אַרום אין דער ספערע פון דענקען, מוזן זיינע רינגען זיך קייטלען אין דער אַלגעמיינער קייט. פּאַסט זיך איין רינג נישט צו צו דער צווייטער, צעפאַלט זיך די גאַנצע קייט. און שוין דאָס אַליין וואָס ער מוז אָננעמען באַשטימטע לאָגישע גרענעצן, איז זיין סדום־בעטל.

אַ דיכטער אָבער איז פריי. ער אַרבעט מיט פאַנטאַזיע, טרוים, געפיל און מיט שטימונגס־עלעמענטן וואָס זענען כסדר פליסיק. זיין בלוטדרוק איז שטענדיק אַ הויכער. ער איז אין פּאַטענץ שטענדיק אָנגעצונדן. ער איז דורך און דורך שטימונגס־מענטש.

איז נישט קיין וואונדער, וואָס עס בייטן זיך זיינע שטימונגען, וואָס אַ זייטיקער באַאָבאַכטער געפינט אין אים אַ סתירהדיקע צעפלאָסנקייט. ווייל דאָס איז דאָך דער עיקר־וועזן פונעם עכטן דיכטער, אַרויסצוציען די פונקען פון שיינקייט, ווו זיי זענען נאָר פאַראַן.

אַז מען איז אַ דיכטער־דענקער געפינט מען די פונקען אומעטום, מען דערזעט זיי אין אַלע דערשיינונגען, ווייל אין אַלץ זעט דער דיכטער־דענקער אינעווייניקסטע שיינקייט, די לויטערע פנימיות, די ניצוצות דקדושה,

אין גערשאַנגל פון צייט

וואָס זענען נאָך נישט באַרירט פון גראָבע מענטשלעכע הענט...

און ווער זאָגט עס, אַז עטיק, דאָס שיינקייט פון מאָראַלישן געדאַנק און טאַט, איז נישט עסטעטיש? פאַרקערט גאָר, עס איז אַ העכערע אַ דערהויבענע עסטעטיק.

✶

פּרץ האָט אונדז קינסטלעריש אַנטפּלעקט, אַרויסגעטויכט פון ים־גרונט, די עטיש־עסטעטישע פּערל פונעם יידישן געדאַנק און פאָרשטעלונג.

איז פּרץ דעריבער דער יידישסטער פון אַלע יידישע שרייבער ביז אים. אויב יידיש מיינט: זיך אַראָפּלאָזן אין די טיפסטע טיפענישן פון דער יידישער נשמה און אַרויסהייבן פון דאָרט די אייביקע בענקעניש פונעם יידישן פאָלק צו שענערע וועלטן, צום אייביקן טאָג פון אַ „יום שכולו שבת״, צו אַ נאַציאָנאַל־עטישער לייטערונג און עטיש־עסטעטישער שלימות...

קיינער ביז אים איז אין זיין שאַפן אַזוי נישט אינספּירירט געוואָרן פון די עכטע יידישע מקורות, ווי פּרץ. צי דאָס איז — דאָס פלאַמיקע נביאישע געפיל פאַר גערעכטיקייט, פאַר פאַרברידערן די פעלקער אין איין מענטשלעכער משפחה — אַפילו פאַר משנה זיין דעם גאַנצן סדר בראשית; צי דאָס איז — דער דערהויבענער געדאַנק און צו מעשים פון זיינע פערזענלעכקייטן, פון די פאָלקסטימלעכע און חסידישע געשיכטעס.

פּרץ ווייזט אונדז דעם טרוים פון קדושה, פון עטישע גבורה שבגבורה. זיינע עטישע העלדן זענען נישט קיין פאַרגליווערטע פּוסט־און־פּאַסניקעס במחשבה ובמעשה (אין געדאַנק און טאַט), וואָס נעמען אַלץ פון פאַרטיקן — נישט זייענדיק אַפילו פעיק צו דענקען און פאַנטאַזירן — ווי אָפט ביי מענדעלען.

פּרצעס דערהויבענע געשטאַלטן זענען אינדיווידואַליסטן, גרויסע גייסטער, זוכנדיקע דענקער, וואָס ברעכן יעדן צוים און פאָרשטעל, סיי אינעם געדאַנק, סיי ווען עס גייט אין עטישע מעשים.

מענדעלע האָט אונדז געוויזן דאָס קאַריקאַטורעלע פון יידישן לעבן און זיין אויסערלעכן לבוש. אַ לבוש, וואָס ווען מען טוט אים נאָר אויס פונעם ייד, בלייבט דער ייד נאַקעט. אַ ייד אָן אַ יידישע נשמה. די מעשה פון די כאַפּערס און פון פישקע דעם קרומען וואָלטן זיך געקענט אַריינ־

פאַסן אין דערציילונגען אויך פון אַנדערע פעלקער. מען וואָלט נאָר גע־דאַרפט בייטן די נעמען. אָבער די מחשבות און די פאַרשטעלונגען פון פרצעס גרויסע חסידישע געשטאַלטן, זייערע טרוימען, זענען דורך און דורך ייִדיש.

✶

חסידיש און חסידישע געשיכטן, זענען די רעהאַביליטאַציע פון דער „פרומער קאַץ", פון שיריים־כאַפּעניש, אָפּשפּרעכונגען, סגולות און פּדיונות־גיריקייט.

די „דריי מתנות", „ביים גוסס צוקאָפּנס", אויב נישט נאָך העכער", זענען שעדעווערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור.

דורך די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און „חסידיש" ווערט אַנטפּלעקט די ייִדישע נשמה און דער ייִדישער כאַראַקטער, וואָס איז אייגנטימלעך נאָר פאַר אַ גרויסן ייִד.

און היינט — נאָכן אומקום פון די זעקס מיליאָן ייִדן, זענען פרצעס ווערק דער שענסטער מאָנומענט פאַרן גייסטיקן שאַפן פון פוילישן ייִדנטום.

פרץ ווי אַ מאָדערנער שרייבער, וואָס האָט פאַרוועלטלעכט (ייִדיש־פאַרוועלטלעכט) — די ייִדישע ליטעראַטור, אַריינברענגנדיק אין איר אייראָפּעיִשע ליטעראַרישע מוסטערן, האָט אָבער די דאָזיקע מוסטערן נישט נאָר ייִדיש־גייסטיק באַאַרבעט, נאָר האָט נאָך קינסטלעריש געפונען דעם וועג צו דער ייִדיש־מענטשלעכער שלימות.

ער האָט נישט צעטיילט די ייִדישקייט, איר נישט האַלבירט ווי דער שרייבער גאָרדאָן — אויף שטוב און גאַס (יהודי באהוליך ואדם בצאתך"), נאָר ער האָט דווקא געזען אין דער ייִדישקייט דאָס מענטשלעכע, נאָך מער — דאָס איבערמענטשלעכע.

צי איז נישט דער רבי, וואָס גנבעט זיך אַרויס אין אַ סליחות־נאַכט פון שטוב ווי אַ פּויערישער האָלץ־העקער, כדי צו ברענגען אַ בינטל האָלץ צו דער אָרעמער, קראַנקער, אויף צו דערוואַרעמען איר שטוב, אַן איבער־מענטש? (אויב נישט נאָך העכער) און צו ווייזט נישט אַרויס עטישע שיינקייט און גבורה דאָס צום טויט פאַרמשפּטע מיידל, וואָס האָט אין זין אין דער לעצטער מינוט נישט מער ווי: פאַרשפּילקעווען דעם זוים

פון איר קלייד, כדי איר לייב זאָל זיך נישט אַנטבלויזן ביים שלעפּן זי צום טויט? (דריי מתנות).

*

ער דער פריַיער דענקער, דער וועלטלעכער קלאַסיקער, האָט אַרויס־געהויבן די נשמה פון עכטן חסידות, אין אַ צייט, ווען מען האָט פאַרמישט חסידישע אויסערלעכקייט מיט חסידישן תוך — דעם לבוש מיט אַלע זיינע פּלעקן, מיטן דערהויבענעם עטיש־עסטעטישן גייסט און זיי ביידע צוזאַמען אויסגעלאַכט.

אין דער צייט, ווען זיין וועלטלעך האָט געמיינט איבעררייסן מיטן עבר פון אייגענעם שטאַם, האָט פּרץ אַרויסגעהויבן דאָס אייגענע, דאָס יידיש־אייגנאַרטיקע. אמת, אויך ער ווי מענדעלע און שלום־עליכם, האָט אויסגעלאַכט דאָס מיאוסע, דאָס נעבעכדיקע, די „באַנטשע־שווייגס", דאָס צביעות, „די פרומע קאַץ". ער האָט אָבער פון דער צווייטער זייט — אַזוי פיל אַנטפּלעקט, אַז די פּלעקן זענען ווי קליינע פינטעלעך פאַר־שלונגען געוואָרן אינעם ים פון דער אינעווייניקסטער שיינקייט, פון דער פנימיות שבהוד.

פּרץ איז אַ דיכטער־דענקער. אַלס דיכטער האָט ער אַרויסגעהויבן יעדן ניצוץ פון שיינקייט: שיינקייט פון יידישן גייסט, פון דער יידישער קולטור, ווי ליבע צום יידישן פאָלק, ווי צו אַלע מענטשן.

אַלס דענקער האָט ער פון די טיפענישן אַרויסגעצויגן די פּערל און די שאָל אַוועקגעוואָרפן. ער האָט יעדן קערן געריייניקט פון זיין שאָלעכץ. פון יעדער זאַך אַרויסגעצויגן דאָס פנימיות שבפנימיות...

פּרץ געהערט צום גאַנצן יידישן פאָלק. זיין שאַפן איז אומפּאַרטייִיש. דער חסידישער באַנעם, דער מתנגדישער, קבלהדיקער, ווי אַלע באַנעמען, דרכים און שטייגער פונעם יידישן פאָלק, זענען אַ באַשטאַנדטייל פונעם גאַנצן יידישן גייסטיקן מקור.

און דאָס אַלץ געהערט צו זיין אמת: באַגייסטערונג פאַר חסידות, פאַר נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, פאַר עטישן סאָציאַליזם, פאַרן יידישן אייגנאַרט, ווי פאַר יידישער וועלטלעכקייט.

ווייל אין אַלץ זעט ער שיינקייט.

יעקב כהן

ביבליאגראפיע

אָנגעהויבן פון

יעפים ישורון

יעקב כהנס ווערק און ביכער:

„דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" (מעמואַרן). „פּרוזשאַנסקי", ביאַליסטאָק, 1930, 100 זייטן.
„אין און אַרום ציוניזם" (עסייען), „פּרוזשאַנסקי", ביאַליסטאָק, 1931, 128 ז"ז.
„פון אייגענעם גאָרטן" (אַפאָריזמען און לידער אין פּראָזע), „אַבעצע", פּאַריז, 1949, 112 זייטן.
„אויף די וועגן פון יידישן קיום" (נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען), פאַרלאַג „צעראַטאַ", פּאַריז, 1950, 130 זייטן.
„לאַבירינטן פון געדאַנק" (אַפאָריזמען און שפּריכווערטער), פ"ג „טשאַפּניק", פּאַריז 1956, 129 זייטן.
„צו אַ נײַ לעבן" (דערציילונגען), פ"ג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1953, 126 זייטן.
„פאָלק, גייסט און לאַנד" (עסייען), פ"ג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1952, 126 זייטן.
„לעבן און טראַכטן" (עסייען), פ"ג „בידערמאַן", נ"י, 1957, 165 זייטן.
„דער גורל פונעם ייד" (ערב־חורבן־ראָמאַן), פ"ג „י. ל. פּרץ", תּל־אביב, 160, 154 זייטן.
„אונטער די סאָוויעטישע הימלען" (מעמואַרן און שילדערונגען), פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תּל־אביב, 1961, 487 זייטן.
„די משפּחה ערליך" (ראָמאַן), פ"ג „נײַ לעבן", תּל־אביב, 1964, 227 זייטן.
„אין פלאַם פון דאָרן" (פּאָעמעס און לידער), פ"ג „המנורה", תּל־אביב, 1966, 103 זייטן.
„בין השמשות" (לידער אין פרייען פערז), פ"ג „המנורה", תּל־אביב, 1966, 127 זייטן.
„דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" 2טע אויפלאַגע, פ"ג „המנורה", תּל־אביב, 1967, 145 ז'.
„זײַן און צוזאַמענזײַן" (אַ פּרווו פון אַן עטיק), פ"ג „המנורה", תּל־אביב, 1968, 104 זייטן.
„דמדומי ערב" (שירים בפרוזה), פ"ג „מאסף ישראל", תּל־אביב, 1970, 128 ז"ז.
„אין געראַנגל פון צײַט" (עסייען), פ"ג „מאסף ישראל" תּל־אביב, 1970, 160 זייטן.
איבערזעצט פון פויליש: „נישט אונטעריאָכן" (ליד).

פּסעוודאָנימען:

י. כ. בן כוהן, כ. יעקב, בן אהרן, פּלוני, בן אמתי, יעקב אמתי.

באַטייליקט זיך אין פאָלגנדיקע פובליקאַציעס:

פאָדליאַסיער לעבן — ביאַלע פאָדליאַסקי.
היינט — וואַרשע.
אמת — וואַרשע.
נייער וועג — וואַרשע־פּאַריז.
צווייט — בערעשטעטשקאָ, וואָלין.
אויפקום — ניו יאָרק.
דאָס נייע לעבן — ביאַליסטאָק.
אונדזער לעבן — ביאַליסטאָק.
מ. וויסאָצקים שטימע — ביאַליסטאָק.
אינזל — ביאַליסטאָק.
דאָס נייע לעבן — לאָדזש־וואַרשע.
יידישע טעלעגראַפן אַגענטור — וואַרשע.
אָפּיניאָ — לאָדזש.
מאָמענט — וואַרשע.
— וואַרשע Żydowska Agencja Prasowa.
בערגען־בעלזענער שטימע — מינכן.
ביולעטין יידיש וואָיעוואָדישער קאמיטעט — ביאַליסטאָק.
אונזער וועג — מינכן.
אונזער וואָרט — מינכן.
אונזער וואָרט — פּאַריז.
ציוניסטישע שטימע — פּאַריז.
דער וועג — פּאַריז.
אונזער שטימע — פּאַריז.
צוקונפט — ניו יאָרק.
אויפסניי — ניו יאָרק.
דער אַמעריקאַנער — ניו יאָרק.
פרייע אַרבעטער שטימע — ניו יאָרק.
ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט — ניו יאָרק.
דער יידישער בוך־אַלמאַנאַך — ניו יאָרק.
ביאַליסטאָקער שטימע — ניו יאָרק.
ביאַליסטאָקער שטימע, ספּעציעלע יובילײ־אויסגאַבע —
16 אַפּריל 1961.
ביאַליסטאָקער וועגן — בוענאָס איירעס.

יום-טוב-בלעטער — דרום אַפריקע.
דרום אַפריקע — יאָהאַנעסבורג.
יידישע נייעס — מעלבורן.
די יידישע פּאָסט — מעלבורן.
ציוניסטישע שטימע — מינכן.
ציוניסטישע שטימע — מעקסיקע.
די שטימע — מעקסיקע.
דער וועג — מעקסיקע.
קענעדער אָדלער — מאָנטרעאַל.
דער יידישער זשורנאַל — טאָראָנטע.
יידישע פאָלקס-צייטונג — תל־אביב.
יידישע צייטונג — תל־אביב.
לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור
(7 בענד) — ניו יאָרק.
הדאר — ניו יאָרק.

וועגן יעקב כהן אין צייטונגען און זשורנאַלן:

פּסח קאַפּלאַן, „דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער״, דאָס נייע לעבן, ביאַליסטאָק, 1930.

משה גראָסמאַן, היינט, וואַרשע, יעקב כהן — „דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער״, 1930.

פּסח קאַפּלאַן, „אין און אַרום ציוניזם״, דאָס נייע לעבן״, ביאַלי־סטאָק, 1931.

ל. שפּיזמאַן „אין און אַרום ציוניזם״, דער נייער וועג, וואַרשע, 1931.

י. באָרענשטיין, דאָס נייע לעבן, לאָדזש, 31סטער אויגוסט, 1947.

פעלהענדלער, פאָלקסשטימע, נומער 20 (29), לאָדזש, 1947.

שטופּלער בנימין, ביליסטאָקער וועגן, ב״א, דעצ. 1947.

וויינבערג, אונדזער שטימע, פּאַריז, 19טער יוני, 1949.

א. די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, אַפּריל, 1948.

א. די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, דעצ. 1948.

גראָסמאַן, מ., ביכער און ביכער... אונדזער וואָרט, פּאַריז, 25טער יאַנ. 1949.

גראָסמאַן, משה, קולטור־ידיעות, פּאַריז, יוני־יולי 1949.

א. בן אברהם, ביאַליסטאָקער שטימע, נ״י, 1949, ז׳ 38.

דאָמאַנקעוויטש ל., אונדזער וואָרט, פּאַריז, נומער 224, 1950.
גלאַטשטיין, י., יידישער קעמפּער, נ״י, סעפּט. 1950.
שווייד, מ., קולטור און דערציונג, נ״י, 1950.
ל. ל., די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 4טער יאַנואַר, 1951 און ערב יום כּפּור 1951.
וואָלף, י., אונדזער וואָרט, פּאַריז, 4טער סעפּט. 1951.
פרידמאַן, בן־ציון, „אויף די וועגן פון יידישן קיום״, די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 15טער מערץ, 1951.
לענעמאַן, ל., די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, יאַנ. 1952.
טעפּער, ש., אונדזער וואָרט, פּאַריז, אַפּריל 1952.
גלאַטשטיין, י., צוקונפט, נ. י., 1952.
מבין א., אונזער וואָרט, פּאַריז, 8טער סעפּט. 1952.
דיקער, י., אונדזער וואָרט, פּאַריז, 8טער סעפּט. 1952.
ל. א.א., אונדזער וואָרט, פּאַריז (נ. 124), יוני 1953.
דיקער ישראל, אונדזער וואָרט, פּאַריז, 10טער מערץ, 1954.
א., די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 11טער מערץ, 1954.
מילנער, יוסף, פינף יידישע ביכער געשריבן און געדרוקט אין פּאַריז, די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז 1טער יאַנ. 1954.
בלומענטאַל, מ., פאָרווערטס, נ״י, 4טער יוני, 1954.
טאַוב, הערמאַן, פאָרווערטס, נ״י, 31 מאַי, 1954.
פען, א., טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 1954.
סאהן, ד., ביאַלסטאָקער שטמע, נ״י, אַפּריל 1955.
פרידמאַן, פ., ביאַליסטאָקער שטימע, נ״י, 16טער אָקט., 1955.
דער לעבעדיקער, טאָג מ.־זשורנאַל, נ״י, 16טער אָקט. 1955.
דער לעבעדיקער, טאָג מ.־זשורנאַל, נ״י, פעב. 1956.
ראַפּאָפּאָרט, דוד, אויפסניי, נ״י, פרילינג 1956.
ניימאַרק, ד., פאָרווירטס, נ״י, 24סטער מאַי, 1956.
שרייבער, א. פאָרווערטס, נ״י, 8טער סעפּט. 1954.
וואַרשאַווסקי, י., פאָרווערטס, נ״י, 24סטער נאָוו. 1956.
דער לעבעדיקער, טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 2טער מערץ 1958.
נאַקס, ע., דאָס שטילע טראַכטן״, פרייע אַרבעטער־שטימע, נ״י, 15טער נאָוו. 1958.
גראָסמאַן, מ., דערהאַלטענע ביכער און פעריאָדיקעס, היימיש, תל־אביב, 24סטער אַפּריל, 1958, ז׳ 47.
וויניעצקי, י., די שטימע, מעקסיקע, 16טער מאַי, 1959.
סומער, נחום, אויפסניי, נ״י, (נומער 24), 1959.

סומער, נחום, „איינער פון אונדזערע ייִנגערע שרייבער", אויפסניי, נ"י, יובילײ־נומער, זומער 1959.
אלמי, א., אַן ענטפער וואָס איז נישט קיין ענטפער (אָרום לעקסיקאָן). פרייע אַרבעטער שטימע, נ"י, 15טער יאַנואַר, 1959.
שישלער, ה., דער שריפטשטעלער יעקב כהן — אַ בן ששים. יובילײ־אויסגאַבע יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, (21), ראָש השנה, 1960.
כרמלי, אלישע, פאָרווערטס, נ"י, 18טער דעצ. 1960.
חיט, א. ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י, סעפט. 1960.
וויניעצקי, י., בלעטלעך פון ערב־חורבן. די שטימע, מעקסיקע, 1טער יאַנ. 1961.
וואַרשאַווסקי, יצחק, פאָרווערטס, נ"י, 9טער מערץ, 1961.
בן משה, ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י, אַפּריל, 1961.
כאַצקין, סעם. ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י 26סטער סעפט. 1961.
חיט, א., יעקב כהן דער נאַציאָנאַלער ייִד און שרייבער, יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, שבועות, 1961, ז"ז 13, 18.
שמולעוויטש, י., ספר בילה פּודלאַסקה, פאָרווערטס, נ"י, 22סטער אָקט. 1961.
באָרענשטיין, י., ספר בילה פּודלסקה, תל־אביב.
וואַרשאַווסקי, י., „דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער" פון יעקב כהן. פאָרווערטס, נ"י, 19טער מערץ, 1961.
סדן, דב, מעריב, תל־אביב, ט"ו טבת, 1962.
יאַסני וואָלף א., „אונטער די סאָוויעטישע הימלען", לעצטע נייעס, תל־אביב, 23סטער מערץ, 1962.
עמיאָט, ישראל, „אונטער די סאָוויעטישע הימלען", קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 24סטער סעפט. 1962.
בן משה, יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה תשכ"ג.
שישלער, ה. יום־טוב בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה תשכ"ז.
ספּיוואַק, ש., יידישע צייטונג, תל־אביב, 4טער יאַנ. 1963.
טכוס, „דרך ספרותית ארוכה" (לבקורו של הסופר יעקב כהן בישראל). חירות, תל־אביב, 8טער יאַנ. 1963.
פראַנק, שלמה, שרייבער און דיכטער יעקב כהן. אילוסטרירטער וועלט־זשורנאַל, תל־אביב, 30סטער יאַנ. 1963.
שייקעוויטש, א., ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י, אַפּריל 1963.
קרישטאָל, פאָרווערטס, נ"י, 9טער פעבר. 1964.
שטשאַווינסקי, י. „די משפחה ערליך" פון יעקב כהן. יידישע צייטונג,

תל־אביב, 28סטער פעבר. 1964.

נאקס, ע., אַ ניי בוך עסייען פון יעקב כהן. די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 4 אַפּריל, 1959.

שטשאַווינסקי, י., „די משפחה ערליך" פון יעקב כהן. יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, ראש השנה 1964.

אָרענשטיין, ד"ר ב., קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 1טער יולי 1964.

גאָלדבערג, איסר., קולטור און דערציונג, נ"י מערץ 1964, ז' 19.

אָרענשטיין, ד"ר בנימין, „אַ היסטאָרישע עפּאָכע". יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, שבועות 1965, ז' 7.

אָרענשטיין, ד"ר בנימין, דאָס לעבן און שאַפן פון יעקב כהן (צו זיין דאָפּלטן יובילייַ — 65סטן געבורטס־יאָר און 40 יאָריקן ליטעראַרישן שאַפן). יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, 10 יאָריקע יובילייַ־אויסגאַבע, נומער 41, ראש השנה 1965, ז"ז 30, 29, 28.

אָרענשטיין, ד"ר ב., דאָס לעבן און שאַפן פון יעקב כהן, צו זיין 40־יאָריקן ליטעראַרישן שאַפן. ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י, סעפּט. 1965, ז' 36.

שישלער, ה., יום־טוב־בלעטער, 10־יאָריקע יובילייַ־אויסגאַבע, ראש השנה 1965, ז' 1942.

גאָלדבערג, איסר, הונדערט יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, ביכער־וועלט, נ"י, מערץ, 1965.

גאָטליב, ב. י., די ליטעראַרישע וואָך, קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 12טער דעצ. 1965, ז' 6.

אָרענשטיין, ד"ר ב., יעקב כהן, אַ יידישער שריפטשטעלער פון ניו־יאָרק. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 21סטער נאָוו. 1965, ז' 2.

זשיטניצקי, ד"ר ל. יעקב כהן — „אין פלאַם פון דאָרן", יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, שבועות, 1965, ז' 9.

זשיטניצקי, ד"ר ל., יעקב כהן „אין פלאַם פון דאָרן", די פּרעסע, ב"א, 28סטער דעצעמבער 1965.

אָרענשטיין ד"ר ב., יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה־נומער, 1965, ז' 8.

זשיטניצקי, ד"ר ל., יעקב כהן „אין פלאַם פון דאָרן", קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 20סטער מערץ 1966.

משה פייגעס, ליטעראַטור, פאָרווערטס, נ"י, 11טער סעפּטעמבער, 1966, ז' 27. וועגן ביכער און שרייבער.

אָרענשטיין, ד"ר ב., יעקב כהן, דאָס לעבן און שאַפן פון אַ ביאַלי־סטאָקער לאַנדסמאַן, ביאַליסטאָקער וועגן, ב"א, אויגוסט 1966, ז"ז 48, 49.

אָרענשטיין, ד״ר ב., ליטעראַטור און קולטור, יעקב כהן און זיינע 13 ביכער, דער וועג, מעקסיקע, 26סטער אַפּריל 1968, ז׳ 4.

מנשה אונגער (פון אייביקן קוואַל), אַ אידיש ליד אין פוילישן מיליטער, טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 6טער אָקטאָבער, 1968, ז׳ 12.

אָרענשטיין, ד״ר ב., יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, ראש השנה, 1968, ז׳ 15, 16.

קאָסאָווער, ד״ר מ., 7־טער באַנד לעקסיקאָן, פאָרווערטס, נ״י, 24 נאָוו., ז׳ 11, 14.

עמיאָט, ישראל, צוויי ביכער וועגן אידן אין פוילישן מיליטער, פאָרווערטס, נ״י, 1טער דעצעמבער, 1968, ז׳ 14, סעקשאָן צוויי.

ברוקער, בן־ציון, אַ נייער נומער „ביאַליסטאָקער וועגן״, ביאַלי־סטאָקער שטימע, נ״י, אַפּריל, 1969, ז׳ 25.

גאָלדבערג, ב. צ., ביכער אויפן טיש. טאָג־מ.־זושרנאַל, נ״י, 10טער מאַי 1969, ז׳ 4.

עמיאָט, ישראל, יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, פסח 1969. יעקב כהן „אין פוילישן מיליטער״.

יידישער בוך־אַלמאַנאַך, נ״י, ב., 16, 1958—1959. „לעבן און טראַכטן״.

יידישער בוך־אַלמאַנאַך, נ״י, ב., 24, 1966, ז. 162.

יידישער בוך־אַלמאַנאַך, נ״י, ב., 25, 1967, ז׳ 313.

יקוף־אַלמאַנאַך, נ״י, מערץ, 1961.

ספר ביאַליסטאָק, נ״י, אַפּריל, 1964, ז׳ 68.

דב סדן „אבני מפתן״, ב. ו., פ״ג „י. ל. פרץ״, תל־אביב, 1961, ז״ז 183, 184.

נאָטיצן וועגן יעקב כהן אין צייטונגען און זשורנאַלן

איחוד, נומער 3 (19), לאָדזש, מאַי, 1947.

דאָס נייע לעבן, וואַרשע, נומער 31 (109), 1947.

דאָס נייע לעבן, לאָדזש, יובליי־אויסגאַבע, 1947.

דאָס נייע לעבן, לאָדזש, 31סטער אויגוסט, נומער 64 (142), 1947.

דאָס נייע לעבן, וואַרשע, 1947.

דאָס נייע לעבן, וואַרשע, 1948.

דאָס נייע לעבן, וואַרשע, נומער 15 (184), 1948.

דאָס נייע לעבן, וואַרשע, 18טער אויגוסט, 1948.

אונדזער וואָרט, פּאַריז, מערץ 1949.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, מערץ 1949.

יעקב כהן־ביבליאָגראַפיע

אונזער שטימע, פּאַריז, אַ ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דאָס בוך „פון אייגע־נעם גאָרטן״ פון יעקב כהן, 18טער יוני, 1949.

אויפן צימבל, פּאַריז, 23סטער סעפּט. 1949.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 1949. וועגן און אומוועגן פון יידישן נאַציאָ־נאַלן אינסטינקט. פונעם בוך „אויף די וועגן פון יידישן קיום״, וועלכער דער־שיינט די נאָענטסטע טעג.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, סעפּט. 1949. „דאָס אייביקע שטרעבן״, אַ קאַפּיטל פון יעקב כהנס בוך: „אויף די וועגן פון יידישן קיום״.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 16טער פעבר. 1950.

אונזער וואָרט, פּאַריז, 29טער אַפּריל, 1950.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 1950, יעקב כהן: „פון אייגענעם גאָרטן״.

אַפריקאַנער אידישע צייטונג, יאָהאַנעסבורג, 24סטער נאָוו. 1950. „אויף די וועגן פון אידישן קיום״.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 1950.

דער וועג, פּאַריז, ציוניסטיש־ליטעראַרישער אָוונט, דעצ. 1950.

יידישע קולטור, נ״י, אַפּריל, 1952. יעקב כהן — „לאַבירינטן פון געדאַנק״ (אַפאָריזמען און שפּריכווערטער).

יעקב כהן — „פאָלק, גייסט און לאַנד״. דער וועג, פּאַריז, 23סטער יאַנ. 1951. אַפאָריזמען און שפּריכווערטער פון בוך „לאַבירינטן פון געדאַנק״ פון יעקב כהן.

דווקא, ב״א, נייע ביכער, יולי־אויגוסט־סעפּט., 1951, ז׳ 506.

די ציוניסטישע שטימע, מעקסיקע, 21סטער יוני, 1951.

אונזער וואָרט, פּאַריז, 2טער יאַנ. 1951, ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דאָס דערשיינען פונעם נייעם בוך פון יעקב כהן „אויף די וועגן פון יידישן קיום״.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 1952. אַן עססיי פונעם נייעם בוך „פאָלק, גייסט און לאַנד״ פון יעקב כהן, וואָס וועט בקרוב דערשיינען.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז (דאַטע אומבאַקאַנט). „לאַבירינטן פון געדאַנק״ שוין איבערגעגעבן צום פאַרקויף.

דער וועג, פּאַריז, 28סטער מערץ, 1952.

אונזער וואָרט, פּאַריז, 11טער פעבר. 1952.

יידישע קולטור, נ״י, אַפּריל, 1952. יעקב כהן — „לאַבירינטן פון געדאַנק״ (אַפאָריזמען און שפּריכווערטער), יעקב כהן — „פאָלק, גייסט און לאַנד (עססייען).

אונזער וואָרט, פּאַריז, 11טער פעבר. 1952.

אונזער וואָרט, פּאַריז, נ. 94 (2339), אַפּריל 1952.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, מערץ, 1952.

אונזער וועג, פּאַריז, 27סטער מערץ, 1953 — דעם פעטערס בשמים־ביקסל, אַן אויסצוג פון אַ גרעסערע ווערק פון יעקב כהן, וועלכעס וועט אין גיכן דער־שיינען.

אונזער וואָרט, פּאַריז, 16טער מאַי, 1953.

אַרבעטער וואָרט, פּאַריז, מערץ, 1953.

אונזער וואָרט, פּאַריז, מערץ, 1954. געזעגנונגס־אָוונט לכבוד יעקב כהן.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, מערץ 1954. אימפּאָזאַנטער אָוונט פאַר יעקב כהן.

אונזער וואָרט, פּאַריז, 2טער מערץ, 1954, אָוונט פאַר יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 16טער אָקט. 1955.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 28סטער אָקט. 1956. ערשטער באַנד פון „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״ דערשינען.

פאָרווערטס, נ״י, 24סטער מערץ, 1954. ליטעראַרישער אָוונט פאַר יעקב כהן.

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, נ״י, 31סטער דעצ. 1956, ז׳ 93.

פאָרווערטס, נ״י, 22סטער מערץ, 1957. ליטעראַרישער אָוונט פאַר יעקב כהן.

פאָרווערטס, נ״י, 8טער סעפּט. 1957. אַ נייַ בוך פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 21סטער מערץ 1957. ליטעראַרישער אָוונט פאַר יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 28סטער מערץ 1957. ליט. אָוונט פאַר יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 23סטער יולי, 1951. אַ נייַ בוך עסייען פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 2טער יולי 1957. אימפּאָזאַנטער אָוונט פאַר יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 8טער נאָוו. 1957. שוין אַרויס דאָס בוך פון יעקב כהן „לעבן און טראַכטן״.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ״י, סעפּט. 1957 (1957). „לעבן און טראַכטן״ פון יעקב כהן.

אופּסניי, נ״י, (14) הארבסט, 1957. „לעבן און טראַכטן״.

אונזער שטימע, פּאַריז, 21, 22 דעצ. 1957.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 13טער דעצ. 1957. „לעבן און טראַכטן״, אַ נייַ בוך פון יעקב כהן.

ביאַלסטאָקער בילדער־אַלבאָם, נ״י 1958.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 3טער יולי, 1959. „לעבן און טראַכטן״ פון יעקב כהן.

די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, (73), מאַי, 1959.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 3טער יולי, 1959. „לעבן און טראַכטן״ פון יעקב כהן.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, (נ. 23), יובל־אויסגאַבע, 1960.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 16טער סעפּט. 1960. נייע צוויי ביכער פון יעקב כהן דערשינען.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 18טער דעצ. 1960. ליטעראַרישע נאָטיצן. „דער גורל פונעם ייד״ פון יעקב כהן — דערשינען.

יקוף־אַלמאַנאַך, נ״י, מערץ, 1961. ביאָגראַפישע פאַרצייכענונג.

ספר בילה פודלסקה, תל־אביב, 1961, ז״ז 198, 242, 344, 361, 362.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, מאַי, 1961. אָנגעקומען אין רעדאַקציע יעקב כהן — „דער גורל פונעם ייד״.

יידישע קולטור, נ״י, יאַנואַר, 1961.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 22סטער יאַנואַר, 1961, „דער גורל פונעם ייד״ שוין דערשינען.

חשבון, לאָס אַנדזשעלעס, יובל־נומער, 25סטער מאַי, 1961. אַריינגעקומענע ביכער אין רעדאַקציע.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 16טער סעפּט. 1961.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 18טער סעפּט. 1961.

די צוקונפט, נ״י, נאָוו. 1961, ז׳ 450. „אונטער די סאָוויעטישע הימלען״ פון יעקב כהן דערשינען.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י 22סטער אָקט. 1961.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 3טער נאָוו. 1961. „אונטער די סאָוויעטישע הימלען״ דערשינען.

יעקב כהן־ביבליאָגראַפיע

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 22סטער אָקט. 1961.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 3טער נאָוו. 1961.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 3טער נאָוו. 1961. „אונטער די סאָוויעטישע הימלען״ דערשינען.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 18טער דעצ. 1961.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 21סטער דעצ. 1961.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 25סטער דעצ. 1961. „אונטער די סאָוויעטישע הימלען״ — נײַ בוך פון יעקב כהן.

דער וועקער, נ״י, 1טער אויגוסט, 1961.

די פרײַע אַרב. שטימע, נ״י, מאַי, 1961.

חשבון, לאָס אַנדזשעלעס (נ. 28), יאַנואַר, 1962.

ביאַליסט. שטימע, נ״י, יאַנואַר, 1962. נײַ בוך פון יעקב כהן „אונטער די סאָוויעטישע הימלען״.

דער אידישער זשורנאַל, טאָראָנטע, 1טער פעבר. 1962. שוין דערשינען „אונטער די סאָוויעטישע הימלען״.

ביאַליסטאָקער וועגן, ב״א, סעפט. 1962. יעקב כהן — ביאָגראַפישע שטריכן.

יידישע צײַטונג, תל־אביב, דעצ. 1962. שרײַבער יעקב כהן אין ישראל.

לעצטע נײַער, תל־אביב, 27סטער דעצ. 1962. שרײַבער יעקב כהן אַ גאַסט אין ישראל.

דבר, תל־אביב, 28סטער דעצ. 1962. הסופר יעקב כהן בא לביקור בישראל.

הבקר, תל־אביב, 28סטער דעצ. 1962.

הארץ, תל־אביב, 29סטער דעצ. הסופר יעקב כהן — בארץ.

חירות, תל־אביב, 1963.

יידישע צײַטונג, תל־אביב, 2טער יאַנ. 1963. יעקב כהן מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט פון קרית ביאַליסטאָק.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה, 1963. צו י. כהנס באַזוכן ישראל.

יידישע פאָלקס־צײַטונג, תל־אביב, יאַנואַר 1963.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה־נומער, 1963. „ביאַליסטאָקער וועגן״.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, מאַי, 1963. קולטור־כראָניק.

יידישע צײַטונג, תל־אביב, אַפּריל, 1963. אַרײַן אין דרוק „די משפחה ערליך״.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ״י, אַפּריל, 1963. באַטײַליקטע אין די „ביאַליסטאָקער וועגן״.

יידישע קולטור, נ״י, נאָוו. 1963, ז׳ 62. לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור — פינפטער באַנד, נ״י, 648 זײַטן.

יידישע צײַטונג, תל־אביב, 3טער יאַנואַר, 1964, ז׳ 5. „די משפחה ערליך״, אַ פראַגמענט פונעם ראָמאַן.

די צוקונפט, נ״י, מערץ, 1964. „די משפחה ערליך״ — אַ נײַ בוך פון יעקב כהן — דערשינען.

די יידישע שטימע, מעקסיקע, 14טער מערץ, 1964. „די משפחה ערליך״ — נײַער בוך פון יעקב כהן דערשינען.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 8טער מערץ, 1964. „די משפחה ערליך״ אַ נײַ בוך פון י. כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 15טער מערץ, 1964. ליטעראַרישע נאָטיצן. „די משפחה ערליך״ פון יעקב כהן, דערשינען.

יידישער יאָר־בוך, 1965—1966, ז' 194. כהן יעקב (בן אהרן) „די משפחה ערליך", ראַמאַן, תל־אביב, „ניי לעבן", 1964, 224 זייטן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 12טער אַפּריל, 1965.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, פּסח 1965, ז' 4. אַ ניי בוך לידער פון יעקב כהן.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י, אַפּריל, 1965. אַ ניי בוך לידער.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 5טער אויגוסט, 1965, ז' 3. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן דערשינען.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 11טער אויגוסט, 1965, ז' 8. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן דערשינען.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 13טער אויגוסט, 1965, ז' 9. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן דערשינען.

פאָרווערטס, נ"י, 15טער אויגוסט, 1965, ז' 5. „אין פלאַם פון דאָרן" דערשינען.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י, סעפּט.־אָקט., 1965. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן.

קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 5טער סעפּט. 1965. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן.

די שטימע, מעקסיקע, 18טער סעפּט. 1965. „אין פלאַם פון דאָרן" דערשינען.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 20סטער סעפּט. 1965. דערשינען נייער באַנד (6) „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור".

די שטימע, מעקסיקע, 5טער אָקט. 1965, ז' 7. ליטעראַרישע כראָניק. דערשינען 6טער באַנד „לעקסיקאָן".

קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 26סטער נאָוו. 1965. יעקב כהן, באַקאַנטער אידישער שריפטשטעלער פון ניו־יאָרק, באַזוכט אונדזער רעדאַקציע.

קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 28סטער נאָוו. 1965, ז' 2. „נעכטן, היינט און מאָרגן פון דער אידישער ליטעראַטור".

צוקונפט, נ"י אָקט. 1965, ז' 403. דערשינען נייער באַנד (6) לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

דרום אַפריקע, יאָהאַנעסבורג, נאָוו.־דעצ. 1965, ז' 30.

דרום אַפריקע, יאָהאַנעסבורג, נאָוו.־דעצ. 1965, ז' 30. ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 2טער פעבר. 1966, ז' 2. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י, אַפּריל, 1966, 33. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 2טער יולי, 1966. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן. ליסטאָקער שטימע" שוין דערשינען.

טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, נ"י, 30סטער אַפּריל 1966. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 2טער יולי, 1966. „אין פלאַם פון דאָרן" פון יעקב כהן.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ"י, סעפּט. 1966, ז' 24. „בין השמשות", אַ ניי לידער־בוך פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ"י, 20סטער נאָוו. 1966. „בין השמשות" אַ ניי בוך לידער פון יעקב כהן.

פרייע אַרב. שטימע, נ״י, 15טער דעצ. 1966. „בין השמשות״.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה 1966. טינט און פעדער. דערשינען יעקב כהנס נײַ לידער־בוך.

די צוקונפט, נ״י, 1967. „בין השמשות״ פון יעקב כהן.

פאָרווערטס, נ״י, 23סטער אַפּריל 1967, סעקשאָן 2־5. ליטעראַרישע נאָטיצן. „בין השמשות״ אַ נײַ בוך לידער פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 13טער מאַי, 1967, ז׳ 3. אַ נײַ בוך לידער „בין השמשות״ פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 10טער יוני און 24סטער יוני, 1967. „בין השמשות״ פון יעקב כהן.

פאָרווערטס, נ״י, 15טער אָקט., 1967, סעקשאָן צוויי, ז׳ 5. ליטעראַרישע נאָטיצן. יעקב כהן קריגט „פעלארשיפּ״ פאַרן יאָר 1968־1967.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 21סטער אָקט. 1967, ז׳ 6. יעקב כהן קריגט „פעלאשיפּ״ פאַרן יאָר 1968־1967.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 12טער דעצ., 1967, ז׳ 9.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה, דעצ. 1967, ז׳ 27, יעקב כהן געקראָגן אַ „פעלאשיפּ״ פאַר „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער״.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה, דעצעמבער, 1967, ז׳ 2. מיר באַגריסן אונדזער חשובן מיטאַרבעטער און קאָלעגע יעקב כהן אין ניו־יאָרק צום באַקומען פונעם מעמאָריאַל־פאָנד פאַר יידישע קולטור אין ניו־יאָרק אַ פעלאשיפּ.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ״י, אַפּריל 1968. צוויי נײַע ביכער פון יעקב כהן „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער״, „זיין און צוזאַמענזיין״.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 24טער מאַי, 1968, ז׳ 14.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 29סטער מאַי, 1968, ז׳ 7.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 1טער יוני, 1968.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 3טער יוני, 1968.

פאָרווערטס, נ״י, 26סטער מאַי, 1968.

פאָרווערטס, נ״י, 26סטער מאַי, 1968. סעקשאָן צוויי, ז׳ 5 „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער״ פון יעקב כהן.

פאָרווערטס, נ״י, 2טער יוני, 1968, סעקשאָן 2, ז׳ 5.

די צוקונפט, נ״י, מאַי־יוני, 1968, ז׳ 321. „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער״ פון יעקב כהן דערשינען.

יידישע קולטור, נ״י (6), יוני־יולי, 1968, ז׳ 65. נײַע ביכער. יעקב כהן (בן אהרן) „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער״.

קולטור און לעבן, נ״י, יולי־אויגוסט, 1968, ז׳ 23. ביכער אַנגעקומען אין רעדאַקציע. יעקב כהן (בן אהרן): „זיין און צוזאַמענזיין״.

די שטימע, מעקסיקע, 31סטער אויגוסט, 1968, ז׳ 5. „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער״ פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 7טער סעפּט., 1968, ז׳ 6. „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער״ פון יעקב כהן דערשינען.

ידיעות וועגן יידיש, פעריאָדישער אינפאָרמאַציע ביולעטין, יידישער קולטור־קאָנגרעס, נ״י, העפט 2, ז׳ 70, 1968. דערשינען לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, באַנד 7.

ידיעות וועגן יידיש, פעריאָד. אינפּפאָרמאַציע ביולעטין, יידישער קולטור־

קאָנגרעס, נ״י, העפט 2, ז׳ 36, 1968. דער שרייבער יעקב כהן פון נ״י, האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע 1200 דאָלאַר פון „מעמאָריאַל פאָנד פאַר יידישע קולטור״.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, ראש השנה 1968, ז׳ 47. „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער״.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 10טער נאָוו., 1968. „זיין און צוזאַמענזיין״ אַ ניי בוך פון יעקב כהן.

פאָרווערטס, נ״י, 17טער נאָוו., 1968, ז׳ 12. „זיין און צוזאַמענזיין״ פון יעקב כהן.

פאָרווערטס, נ״י, 22סטער דעצ. 1968, סעקשאָן צוויי, ז׳ 4. ליטעראַרישע נאָטיצן. „זיין און צוזאַמענזיין״ פון יעקב כהן.

טאָג־מ.־זשורנאַל, נ״י, 22סטער דעצ., 1968, ז׳ 6. „זיין און צוזאַמענזיין״ פון יעקב כהן.

יום־טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, חנוכה, 1968, ז׳ 26. „זיין און צוזאַמענזיין״.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ״י, אַפּריל 1969. שוין דערשינען דאָס בוך „זיין און צוזאַמענזיין״ פון יעקב כהן.

די שטימע, מעקסיקע, 20סטער מערץ 1969, ז׳ 5. „זיין און צוזאַמענזיין״ פון יעקב כהן.

דער טאָג, ניו־יאָרק, 21סטער יוני 1969. „זיין און צוזאַמענזיין״ פון יעקב כהן.

וועגן יעקב כהן אין לעקסיקאָנען, ענציקלאָפּעדיעס און ביבליאָגראַפישע פּובליקאַציעס:

ביאַליסטאָקער לעקסיקאָן, ביאַליסטאָק, 1935.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, פערטער באַנד. אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, נ״י, 1961, שפּאַלטן: 4701, 4702.

משה שטאַרקמאַן, יידישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן — ה. דובנאָוו־פאָנד און ענציקלאָפּעדיע קאָמיטעט, נ״י, 1957.

ביבליאָגראַפיע פון יידישע ביכער וועגן חורבן און גבורה, פון י. גאַר און פ. פרידמאַן, יד ושם און ייוו״א, נ״י, 1962.

יוסף גאַר, ביבליאָגראַפיע פון אַרטיקלען אין יידישע פעריאָדיקעס וועגן חורבן און גבורה, נ״י, 1966, ב. 1 (524). „חורבן ביאַליסטאָק״, ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, 19טער אויגוסט, 1949, 3־4; ציוניסטישע שטימע, מינכן, 14טער אָקט., 1949.

יוסף גאַר, ביבליאָגראַפיע פון אַרטיקלען און ייד. פעריאָדיקעס וועגן חורבן און גבורה, נ״י, 1966, ב. 1 (2061), כהן, י. פסח קאַפּלאַן — ביולעטין ייד. וואַיע־וואָדישער קאָמיטעט, ביאַליסטאָק, פעבר.־מאַי, 1947, 37־38; דאָס נייע לעבן, לאָדזש, 5טער סעפּט., 1947, 4.

יוסף גאַר, ביבליאָגראַפיע פון אַרטיקלען און ייד. פעריאָדיקעס וועגן חורבן און גבורה, נ״י, ב. 1, 2105, כהן י.. ראַבינער ד״ר ג. ראָזענמאַן, דאָס נייע לעבן, וואַרשע, 13טער אויגוסט, 1948, 7.

יעפים ישורון, 100 יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור (ביבליאָגראַפישער צו־שטייער), פ״ל „אַרבעטער רינג״, נ״י, 1965, ז״ז 9, 106, 561, 611.

וועגן יעקב כהן אין פרעמדע שפּראַכן:

Żydowska Agencja Prasowa, 1947 ,וואַרשע, 27סטער סעפּט

Semuel Kreitner, The forebodeng of Jewish Tenor — in Jewish Boockland, N.Y. Jan., 1962.

Sol Liptzin, Cirkle in Jewish Bookland, Nov. 1964, "A Jew Scars Left as Reminders of Wounds" Di Mishpuche Erlich.

Sol Liptzin, Cirkle in Jew bookland, N.Y., Jan., 1966

„אין פלאַם פון דאָרן".

Yedies fun Yivo, News of the Yivo, N.Y., Dec. 1966, p. 10, (No. 100), Jewish Experiens in the Polish army. Tree years in the Polish army, 1919—1922.

Sol Liptzin, Circle in Jewish Bookland, N.Y., 1967. A Poet Remembers His. Experiences in Poland. Bein Hashmashot (Twilight) by Jacob Kahan.

Sol Liptzin, Circle, N.Y., March, 1969, section 2, p. 3. Life of Jewish Recruit in the Polish Army. "Drei yur in Polishen militer" by Jacob Kahan.